STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08872

MATERIALN TSU DER GESHIKHTE FUN YIDISHN YISHEV IN MEKSIKE 1917-1942

Leon Suraski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַטעריאַלן צו דער
געשיכטע פון יידישן ישוב
אין מעקסיקע

דאָס דאָזיקע בוך
"די געשיכטע פֿון יידישן ישוב אין מעקסיקע"
ווערט פֿאַרשפּרייט דורך דעם
יידישן הילפֿס-פֿאַריין אין מעקסיקע,
וואָס האָט עס באַקומען אַלס מתּנה צו זיין 30 יאָריקן-
יוביליי, פֿון אַרויסגעבער ה"
לעאָן סוראַסקי.
גרינדער, געוו. פּרעז. און איצטיקער ערן-פּרעזידענט פֿון דער אינסטיטוציע
אַפּריל 1960 מעקסיקע, ד. פֿ.

לעאָן סוראַסקי

מאַטעריאַלן צו דער

געשיכטע פון יידישן ישוב

אין מעקסיקע

(1942—1917)

מעקסיקע — 1959

דאָס דאָזיקע בוך

איז אַרויסגעגעבן געוואָרן

ווי אַ מתנה פאַר אונדזער ליבן פאָטער

לעאָן סוראַסקי

צו זיין ווערן אַ בן־שבעים —

דורך זיינע קינדער:

פייגל און יעקב ווייך־סוראַסקי,

דאָריס און יצחק בעמודאַ־סוראַסקי,

סעלמאַ און משה ווייך־סוראַסקי.

הקדמה

די געשיכטע פון דער געשיכטע

דער שרייבער פון די שורות איז איינער פון די פּיאָנערן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע און — אויב ס'איז מיר דערלויבט אַליין דאָס צו זאָגן — איינער פון די בויערס און גרינדערס פון זיינע וויכטיקסטע אינסטיטוציעס.

צוקוקנדיק זיך — נישט פון דער זייט — צו דעם אויפקום און צו דער אַנטוויקלונג פון דעם ישוב, קענענדיק אים פון גרונט־אויס און וויסנדיק וועגן אַלע זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, — האָב איך שוין לאַנג צוריק אויפמערקזאַם געמאַכט פאַרשיידענע אינסטי־טוציעס אויף דער נייטיקייט אָפּצוהיטן אַלע וויכטיקסטע דאָקומענטן (ווי פּראָטאָקאָלן, סטאַטוטן, אויסגאַבן, אויפרופן, באַריכטן אאַ"וו), וואָס זאָלן מיט דער צייט קאָנען דינען פאַר אַ באַזע צו דער היסטאָ־ריע פון אונדזער נייעם און אייגנאַרטיקן ישוב.

צום סוף פון יאָר 1939, שוין אין גאַנג פון דער בלוטיקער היטלער־מלחמה, ווען מיר האָבן זיך נאָך קיינער נישט פאָרגעשטעלט, און נישט געקאָנט פאָרשטעלן, דעם פאַרנעם פון דער קומענדיקער קאַ־טאַסטראָפע — אַז דאָס יידישע פאָלק וועט אַזוי אכזריותדיק ליידן פון דעם קריג, — האָב איך איינגעלאַדן אַ פּאָר צענדליק יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער פון אונדזער ישוב אויף אַ באַראַטונג אין לאָקאַל פון יידישן צענטער (דעמאָלט אויף טאַקובאַ 15) און איך האָב דאָרטן פאָרגעלייגט צו שאַפן אַ „קאָמיטעט פאַר דער געשיכטע פון יידן אין מעקסיקע".

„די מלחמה וועט זיך פריער אָדער שפּעטער ענדיקן, — האָב איך געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע, — און מע קאָן פאָרויסזען, אַז אַ נייער שטראָם פון פּליטים וועט אַ פליין טאָן פון אייראָפּע אין דער נייער וועלט, אין די אַמעריקעס, און צו אונדז אויך. מיר דאַרפן דאָ צוגרייטן אַ באָדן פאַר אַ טייל פון די געליטענע יידן. מיר דאַרפן דאָ אויף אַן אָרט באַווייזן, מיט דאָקומענטן און פאַקטן פון אונדזער לעבן, אַז יידן זיינען אַ נוצלעכער עלעמענט פאַרן לאַנד, אַז זיי האָבן מיט זייערע טעטיקייטן געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון לאַנד".

„נאָך אַ פּאָר יאָר, — האָב איך ווייטער געטענהט, — און אונ־דזער ישוב וועט אַלט ווערן 25 יאָר. עס איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן אָנהייבן צונויפצוזאַמלען אַלע נייטיקע מאַטעריאַלן וועגן אונדזער קיבוץ דאָ, וועגן זיין אַנטשטיין, אַנטוויקלונג און זיין גאַנג אין יידישן, ווי אין אַלגעמיינעם לעבן, אויף דעם עקאָנאָמישן, געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעלן געביט, — כדי מיר זאָלן פאַר זיך אַליין און אויך פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, האָבן אַ גענוי בילד פון דעם, ווי אַזוי עס איז אויפגעקומען און האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַקטיווער און לעבעדיקער, אַ נאַציאָנאַל שעפערישער יידישער ישוב אין דער ווייטער — און פאַר אונדז שוין נאָענטער — מעקסיקע".

דעמאָלט איז אָבער פון די שמועסן נישט אַרויסגעקומען קיין קאָנקרעטער רעזולטאַט, און ערשט אין יאָר 1941, דעם 10טן מערץ, איז אויף אַ צווייטער באַראַטונג געשאַפן געוואָרן אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט צום אָנהייב געהייסן **„קאָמיטעט פאַר דער געשיכטע פון יידן אין מעקסיקע"**, דערנאָך: **„געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון יידן אין מעקסיקע"**. אין דער דערמאָנטער באַראַטונג, וואָס האָט געגרינ־דעט די אינסטיטוציע, האָבן אָנטייל גענומען די פאָלגנדיקע פּער־זאָנען:

ח. בעלקינד, לעאָן סוראַסקי, ד"ר קינג, ה. ראַבינאָוויטש, סאָל ווישניאַק, א. גוטווערג, טוביה מייזעל, ח. ב. טאַפּעלאָוו, פ. גוטמאַן, י. זאַכאַריאַש, א. ז .בערעביטשעז, נ. ראָזאָווסקי, ל. וויינשטאָק, מ. ראָזענבערג, ש. קוטשער, ז. שניאַדאָווער, מ. פּערקיס, אַרטוראָ וואָלפאָוויטש, ג. שאַפּיראָ, סעם ווישניאַק, יוסף וויניעצקי, משה רובינשטיין, יעקב גלאַנץ און פרוי בראַנדעס.

אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איז דעמאָלט אויסגעטיילט גע־וואָרן אָנצופירן מיט דער אַרבעט, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן: **לעאָן סוראַסקי** — פּרעזידענט; **ד"ר א. קינג** — וויצע־פּרעזידענט; **טוביה**

מייזעל — סעקרעטאַר; **ח. בעלקינד** — קאַסיר; **א. וואָלפּאָוויטש** — פינאַנץ־סעקרעטאַר.

אָבער אין גאַנג פון דער אַרבעט, וואָס האָט מיט איבעררייסן געדויערט עטלעכע יאָר (ביז יולי 1945), האָט זיך דער קרייז פון אַקטיווע מיטאַרבעטער פאַרשמעלערט, און ביי דער פּאַקטישער טעטיקייט זיינען איבערגעבליבן דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, פריינד טוביה מייזעל (וואָס האָט, חוץ דער אַלגעמיינער באַטייליקונג אין דער טעטיקייט פון קאָמיטעט, אָנגעפירט מיט דער סטאַטיסטי־שער אַקציע אין ישוב*), פריינד משה רובינשטיין, און אַלס טעכ־נישער מיטאַרבעטער די פריינד י. גלאַנץ און שמידט.

דער „קאָמיטעט" האָט געזאַמלט אַ סך מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ישוב, אַ חוץ דעם האָט ער דורכגעפירט, צווישן אַנ־דערע, אַ ציילונג פון ישוב און אַן אַנקעטע וועגן זיין סאָציאַל־עקאָ־נאָמישן מצב — אַלץ מאַטעריאַלן, וואָס דינען אונדז פאַר די יסודות פון דער דאָזיקער אַרבעט צו דער געשיכטע פון 25 יאָר יידיש לעבן אין מעקסיקע.

דער „קאָמיטעט", אין זיין ברייטערן, צי שפּעטער אין דעם ענ־גערן פאַרנעם, האָט זיך באַמיט ביים זאַמלען און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן צו זיין, ווי ווייט מעגלעך, אָביעקטיוו. וועגן פּאַקטן, וואָס זיינען נישט קלאָר געווען, האָט מען זיך נאָכגעפרעגט ביי מענטשן, וועלכע זיינען געווען זיין אינפאָרמירט. דער עיקר האָט מען זיך געשטיצט אויף אויטענטישע מאַטעריאַלן — פּראָטאָ־קאָלן, באַריכטן און אַנדערע דאָקומענטן פון די באַטרעפנדיקע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן.

שפּעטער, ווען די אַרבעט פון דעם „קאָמיטעט" האָט זיך צוליב פאַרשיידענע סיבות אָפּגעשטעלט, איז אויף מיר אויסגעפאַלן די זאָרג צו פאַרענדיקן אויפזאַמלען די מאַטעריאַלן און צו ברענגען זיי צו אַ תיקון, כדי עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין די מי, וואָס איז אַריינ־געלייגט געוואָרן.

---

* די רעזולטאַטן פון דער סטאַטיסטישער אַנקעטע, אין דער באַאַרבעטונג פון ט. מייזעל, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „ייוו"אָ־בלעטער", באַנד 2, נומ׳ 2, ניו־יאָרק, 1946, ווי אַ רעפעראַט, וואָס טוביה מייזעל האָט געלייענט אויף דער 20סטער יאָריקער קאָנפערענץ פון „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט".

מיט דער פריינדלעכער דערלויבעניש פון ט. מייזעל, גיבן מיר דעם דאָזיקן מאַטעריאַל צום סוף פון בוך.

איך ברענג איצט די דאָזיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין מעקסיקע פֿאַר דער עפנטלעכקייט, הגם איך גיב זיך אָפּ אַ גענויעם דין וחשבון, אַז זיי זיינען ווייט ניט פולקאָם און — דער עיקר — ניט פול. איך גלייב אָבער, אַז ביי אַלע חסרונות און בלויזן וועט די פֿאָרגעלייגטע אַרבעט זיין נוצלעך סיי פֿאַר אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע טוער, באַזונדערס פון יינגערן דור (וואָס וויסן ווייניק אָדער גאָרנישט וועגן דעם, ווי אַזוי אונדזער ישוב האָט זיך אַנטוויקלט), סיי פֿאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער, וואָס וועט די פולע געשיכטע פון אָט דעם ישוב שרייבן.

עס איז פֿאַר מיר אַ כבוד, ווי פֿאַר איינעם פון די פּיאָנערן אין ישוב, צו קאָנען אויך דער ערשטער פֿאָרברענגען פֿאַר דער עפנט־לעכקייט די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון אינסטיטוציעס, וועלכע איך האָב אויף מיינע פּלייצעס געהאָלפן אויסטראָגן, צו דער גע־שיכטע פון אָט דעם ישוב, וואָס האָט אין זיין בראשית נישט גע־ציילט קיין מנין — און היינט פֿאַרמאָגט ער מער ווי פינף מניינים יידישע אינסטיטוציעס פון אַלע מינים; וואָס איז היינט אַ יידיש־יידישער ישוב מיט פיר טאָגשולן, מיט אַ פּרעסע, מיט געזעלשאַפט־לעכע בנינים; אַ ישוב, וואָס איז באַטייליקט בראשו וברובו אין אַלע פריידן און ליידן פון יידישן לעבן בכל תפוצות ישראל און אין מדינת ישראל — ווי אַ געזונטער און וואַקסנדיקער גליד פון יידישן פֿאָלקסקערפּער.

איך האַלט פֿאַר מיין חוב אויסצודריקן אַ דאַנק און אָנערקענונג אַלע די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון „קאָמיטעט פֿאַר דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין מעקסיקע”, און קודם כל די פריינד **טוביה מייזעל**, **משה רובינשטיין**, **יעקב גלאַנץ**, **ד״ר י. אופּטרייכן** און **יוסף וויניעצקי**, וועלכע האָבן אַ סך געהאָלפן ביים צונויפזאַמלען די מאַטעריאַלן, ווי אויך דעם פריינד **שאול פערדמאַן** פֿאַר זיין אַרבעט ביי דער ענדגילטיקער רעדאַקציע פון דעם דאָזיקן בוך.

קאַפּיטל איינס

דער אָנהייב

א.

די פּיאָנערן

ווען איך בין געקומען קיין מעקסיקע — געווען איז עס סוף מאַי פון יאָר 1917 — האָבן זיך אין מעקסיקע געפונען 7—8 אשכנזיש-יידישע פאַמיליעס. זיי האָבן דאָ געלעבט נאָך פון פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה און נישט אַלע זיינען געווען איינוואוינער פון דער הויפּטשטאָט; עטלעכע משפחות האָבן געלעבט ערגעץ אויף דער פּראָווינץ.

אָט די יידן האָבן זיך נישט אָנגעגעבן פאַר קיין יידן, זיי זיינען אָנגעגאַנגען פאַר דייטשן, עסטרייכער אָדער פראַנצויזן. וואָס דאָס איז אַ ייד — האָט מען נאָך דעמאָלט אין מעקסיקע ניט געוואוסט. דאַקעגן האָט זיך דאָ שוין געפונען פון לאַנג אַן איינגעזעסענער ספּר-דיש-אַראַבישער ישוב, וואָס האָט אָבער קיין אָרגאַניזירט יידיש לעבן ניט געפירט. עס איז געווען אויך אַן אַראַביש-יידישער קיבוץ (ניט פון די ספרדיש-שפּאַניאָלישע), וואָס האָט יאָ געהאַט אַ שטיקל מנין אויף שבת, געהאַט אַ „כאַכאַם" (רב) און האָט זיך עפּעס יאָ געפירט אויף אַן אייגענעם שטייגער.

דעם ערשטן ראש-השנה, וואָס איך בין געווען אין מעקסיקע, האָבן די ספרדים מיטן ביסל אשכנזים, וועלכע זיינען אין דער צווישנ-צייט אָנגעקומען, געדונגען אַן אָרט פאַר אַ געמיינזאַמען מנין אויף ימים-נוראים (פון מאַי ביז סעפּטעמבער 1917 זיינען שוין געווען אַ 30 יידישע יונגעלייט פון איירָאָפּע — כאָטש געקומען זיינען מיר דירעקט אַהער פון צפון-אַמעריקע).

עס זיינען אַוועק אַ 5—6 וואָכן, און מיר זיינען שוין געווען אַ צענדליק יונגע עמיגראַנטן. מיר האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און צו וואָס זיך צו נעמען. זיינען מיר זיך צונויפגעקומען און אַרומ-גערעדט אונדזער לאַגע. וועלן מיר דאָ בלייבן — דאַרף מען זיך האַלטן צוזאַמען; אלא נישט — דאַרף מען זיך אויך האַלטן צוזאַמען דערוויל. און דאָ קומען צו יעדער וואָך נאָך אַ פּאָר עמיגראַנטן, נאָך עטלעכע צופעליק געקומענע, און זיי זוכן איבער די גאַסן אַ יידישן מענטשן, אַ באַקאַנטן.

שוין אין יולי 1917 האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט גרינדן אַ יידישן פאַראיין — און טאַקע גאָר גיך אַזאַ געגרינדעט.

דאָס אָרט פאַר אַט די צופעליקע יידישע עמיגראַנטן איז דעמאָלט געווען אין האָטעל „רעכים". דאָס איז דאַן געווען אַ ביליק האָטעלעכל, און דאָרט האָט מען זיך געוואַלגערט, ניט וויסנדיק, אויף וועלכער וועלט מען איז. די שפּראַך איז געווען פרעמד, די סביבה — נאָך פרעמדער. האָט מען געבלאָנקעט פון האָטעל איבער די גאַסן, געטאַפּט אַ וואַנט און געלעבט דערפון, וואָס מע האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי מע הייבט אָן צו מאַכן אַ לעבן.

שוין אין יענע ערשטע חדשים פון מיין זיין אין מעקסיקע, אין סאַמע אָנהייב, האָב איך געפילט, אַז עס איז עפּעס ווי איך וואָלט דאַן געהאַט אַן אחריות פאַר דעם, אַז עס וועט שפּעטער אויפקומען אַ ישוב פון אַט דעם „אָנהייב". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פון אַט די צופעליק געקומענע וועט באַלד (ס'איז געווען ביים סוף פון דער מלחמה) ווערן אַ גרעסערער עולם, און אַז אַן עמיגראַציע וועט זיך נעמען ציען אַהער. כ'האָב געוואוסט, אַז פון פּוסט-און-פּאַסעווען קאָן מען אַוועקגיין אויף שלעכטע דרכים.

האָב איך אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער אַט די עטלעכע האָטעלן און זוכן מיינע לאַנדסלייט. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און מיר זיינען פון יחידים געוואָרן אַ קאָלעקטיוו. חברה האָט דערפילט, אַז מיר דאַרפן זיך האַלטן אין איינעם, אַז מע דאַרף זיך טרעפן וואָס אָפטער, אַרויסהעלפן זיך איינער דעם אַנדערן מיט ראַט און טאַט. אַ טייל פון אונדז האָט שוין עפּעס געטאָן — ווער ס'האָט געאַרבעט, ווער ס'האָט געהאַנדלט אויפן גאַס. בקיצור, מיר האָבן באַשלאָסן צו שאַפן אַ צענטער — און דעם 1טן דעצעמבער פון יאָר 1917 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דעם ערשטן יידישן פאַראיין אין מעקסיקע, און מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „יידישע יוגנט אין מעקסיקע" („כוווענטוד איזראַעליטאַ דע מעכיקאָ") — דער ערשטער סימן פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין נייעם לאַנד.

דער דאָזיקער ערשטער יידישער יוגנט-פאַראיין האָט געהאַט 11 גרינדונגס-מיטגלידער, און דאָס זיינען זייערע נעמען:

מ. ב. פישער, לעאָן סוראַסקי, ה. פּ. קאַנסקי, א. שוואַרץ, ל. שוואַרץ, מ. וואַרשאַוו, ס. שאַראַפּאַן, מ. האַנסקינסקי, ל. לעבעדיעוו, א. י. יאַקאָבסאָן און א. הערמאַן.

דער פּאָרזיץ פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז געפירט געוואָרן דורך ה׳ קאַנסקי; דער ערשטער פּראָטאָקאָל איז אונטערגעשריבן דורך מ. ב. פישער.

אָט דער יוגנט־פאַראיין איז אַלזאָ געווען די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע, און איך גרויס זיך דערמיט, וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער פּרעזידענט פון דער דאָזיקער ערשטער אָרגאַניזאַציע. איך בין שפּעטער געווען פאָרזיצער פון אַ סך גרויסע און חשובע אָרגאַניזאַציעס פון אונדזער ישוב, אָבער ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם קורצן פּעריאָד און וועגן דעם, אַז איך בין דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן צו זיין דער ערשטער פאָרזיצער פון דער ערשטער יידישער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט, — רופט עס ביי מיר אַרויס אמתע צופרידנקייט.

דער ציל פון פאַראיין איז געווען צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע יידישע היים פאַר די עטלעכע צענדליק מאַן, וואָס מיר זיינען דאָ געווען, געבן זיי אַן עצה וועגן דער מעגלעכער איינאָרדענונג און — אויף וויפל דאָס איז דעמאָלט מעגלעך געווען — העלפן זיי אין דעם.

ב.

די ערשטע עמיגראַציע

אַז די ערשטע וועלט-מלחמה האָט געהאַלטן ביים סוף, דאָס הייסט אין אָנהייב פון יאָר 1918, האָט עס אויסגעזען, אַז די עטלעכע צענדליק יידן, וואָס מיר זיינען דאָ געווען, וועלן צוריק פאַרלאָזן מעקסיקע. מיר זיינען כמעט אַלע געווען געקומענע פון די פאַר-אייניקטע שטאַטן, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט, פאָרנדיק אַהין. דאָ איז דאָס לעבן געווען גאַנץ שווערלעך, כאָטש אַ טייל האָבן שוין געאַרבעט ביי פּעדלעריי, און אַנדערע האָבן אפילו געבראַכט סחורה פון די שטאַטן. די עמיגראַציע קיין צפון-אַמעריקע איז צו יענער צייט געוואָרן אָפּענער, קיין גאַר גוטע אויסזיכטן זיך איינצואָרדענען דאָ עקאָנאָמיש זיינען אויך ניט געווען, — איז טאַקע דער גרעסטער טייל יונגעלייט אַוועקגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ביים סוף פון דעם זעלבן יאָר 1918 איז דאָ געוואָרן ליידיק, און מיר זיינען געבליבן סך-הכל אַ 5—6 מענטשן. די גרינדער פון פאַראיין זיינען זיך אויך ס׳רוב צעפאָרן, און איך בין געבליבן אַ פרעזידענט . . . אָן אַ פאַראיין. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע איז זיך אַזוי אַרום צערונען און האָט ניט באַוויזן דורכצופירן אירע פּלענער. זי האָט אָבער געלאָזן שפּורן און אַן אָנרעגונג אויף שפּעטער, ווען אַ נייע עמיגראַציע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

אין יאָר 1919 האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען געוועזענע עמי-גראַנטן פון די שטאַטן. דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן דער נאָך-מלח-מה-קריזיס, און די, וואָס זיינען דאָ פריער געווען, האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס לאַנד מעקסיקע האָט אַ סך מעגלעכקייטן, עס נייטיקט זיך אין פיל אַרטיקלען, און זיי קאָנען, זייענדיק דאָ, ווערן פאַרמיטלערס צווישן מעקסיקע און אַמעריקאַנער פירמעס. מיט די אייגענע געדאַנקען זיינען געקומען אויך אַנדערע יידן פון די שטאַטן און זיי האָבן געשאַפן אַ קיבוץ, וואָס האָט צוריק געגעבן האָפענונג אויף אַ שטאַמיקן איינאָרדענען זיך אין מעקסיקע.

די ערשטע דירעקטע עמיגראַציע פון אשכנזישע יידן, פון מזרח־אייראָפּעישע יידן, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1920. עס איז געווען גלייך נאָך דער מלחמה מיט אירע פאָלגן, און מע האָט זיך פון אייראָפּע געלאָזט זוכן נייע וואוינ־ערטער. אין צפון־אַמעריקע איז דאַן ווידער געוואָרן נישט גרינג אַריינצוקומען צוליב די וויזע־שוועריקייטן, און דעריבער איז אַ טייל עמיגראַנטן דורך זייערע קרובים און דורך די עמיגראַציע־געזעל־שאַפטן געקערעוועט געוואָרן אין די שכנותדיקע לענדער, בתוכם אויך קיין מעקסיקע.

סוף יאָר 1920 איז קיין מעקסיקע אָנגעקומען אַ שיף מיט 100 יידישע עמיגראַנטן. זיינען צווישן זיי געווען עטלעכע פאַמיליעס, אָבער דער גרעסטער טייל זיינען געווען בחורים. דאָס אַריינקומען אין לאַנד אַריין איז דעמאָלט נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין באַ־זונדערע שוועריקייטן, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער אָנקום פון אַזעלכע — קלענערע אָדער גרעסערע — גרופּעס עמי־גראַנטן זיך איבערגעחזרט.

אין די נאָענטסטע יאָרן האָט זיך איינגעשטעלט כּמעט אַ רעגולערע עמיגראַציע, און די צאָל יידן אין מעקסיקע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. עס האָט זיך באַלד דערפילט די נויטווענדיקייט צו שאַפן עפּעס אַ צענטער, אַ הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די נייע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען ס׳רוב געקומען, אַזוי ווי זיי שטייען און גייען, אָן מיט־לען, אָן אַ שפּראַך און אָן צו וויסן, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן אין דעם נייעם לאַנד.

ג.

פון וואָס מאַכט מען אַ לעבן?

דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס איז געווען אויף די ליפּן פון איטלעכן ניי געקומענעם יידישן עמיגראַנט. עס זיינען צווישן זיי געווען מענטשן מיט פאַכן, זיי האָבן אָבער זייערע פאַכן דאָ ניט געקאָנט אָנווענדן, ווייל קיין פאַכמענער אַזעלכע האָבן ניט געפעלט, און דער לוין פאַר אַרבעט איז, אגב, אויך געווען דאָן זייער און זייער אַ נידעריקער. עס זיינען געקומען אויך מענטשן אָן פאַכן — מיטלקלאַס-מענטשן, יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַט געענדיקט שולן, אָבער דאָ איז די שפּראַך אַן אַנדערע, די סביבה אַ נייע, — און דאָ דאַרף מען גלייך זען עפּעס צו פאַרדינען, זען פון וואָס צו מאַכן אַ לעבן.

במשך פון די עטלעכע יאָרן זיינען שוין אין מעקסיקע געווען אַ געוויסע צאָל יידישע „דעספּאַטשניקעס”, דאָס הייסט, אייגנטימער פון קלענערע אָדער גרעסערע הורט-געשעפטן. אין אָט די געשעפטן, וואָס האָבן געהערט צו יידן, די פריער געקומענע עמיגראַנטן, שוין אַ ביסל אַרויפגעאַרבעטע, האָבן דאָס די ניי אָנגעקומענע עמיגראַנטן אָנגעהויבן צו נעמען פּעקלעך מיט סחורה, ווי זאָקן, קראַוואַטן, שפּילקעס, פּאַסקעס אאַ״וו, און זיי זיינען געוואָרן פּעדלערס.

מיט אַזאַ פּעקל האָט מען זיך געלאָזט איבער די גאַסן, אין צענטער שטאָט, אין די פאַרשטעט, און אַזוי האָט מען זיך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג, אבי צו פאַרדינען אַ פּאָר פּעזעס. ביי אָט דער גאַסן-אַרבעט האָט מען זיך געטראָפן און באַקענט איינער מיט דעם אַנדערן, זיך דערוואוסט פון וואַנען דער און יענער שטאַמט אָפּ, זיך באַפריינדעט, ווי מענטשן פון איין גורל. אין די זונטיקן פלעגט מען זיך טרעפן אין אַ ביליקן רעסטאָראַן, אין אַ שטאָטישן פּאַרק, אָדער ערגעץ אויף אַ קוואַרטיר ביי איינעם פון די פּעדלערס. אַלע מאָל איז צוגעקומען אַ פּאָר נייע, פרישׂ אָנגעקומענע חברים, און די אַלטע פלעגן זיי געבן עצות, ווי אַזוי זיך צו פאַרשאַפן „אַ פּעקל” און ווי אַזוי אָנצוהייבן „מאַכן אַ לעבן”. ביי אָט דער אַרבעט האָט מען אָנגעהויבן צו ביסלעך כאַפּן די שפּאַנישע שפּראַך, ווייל וואָס מע האָט געפּרואווט זיך אויסצולערנען פון די ווערטערביכלעך, איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש, ווי דאָס לשון אין מויל פון פאָלק...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט שוין די שטאָט מעקסיקע געציילט שיינע עטלעכע הונדערט יידישע פּעדלערס, און זיי זיינען געווען די מערהייט אין אָנהייב פון אונדזער יידישן ישוב. דער דראַנג צו מאַכן אַ לעבן, צו קאָנען וואָס גיכער שיקן אַ פּאָר דאָלאַר אַהיים, וואו מע האָט געשטעקט מיט אַלע אברים און וואוהין מע האָט געבענקט, מער ווי צו אַ געליבטער, — דאָס אַלץ האָט געטריבן צו אָנגע־שטרענגטער אַרבעט.

מע האָט אויסגעפונען וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו געפינען דעם קונה און ווי אים צו פאַראינטערעסירן. די, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין איין באַשטימטער געגנט (אין אַ קאָלאָניע האָט מען דאָס גערופן), האָבן אָנגעהויבן צו געבן זייערע קונדן קרעדיט, און מע פלעגט אין די זונטיקן גיין אָפּנעמען די חובות. מע האָט אָנגע־הויבן צו פאַרדינען מער, אָבער מע האָט געאַרבעט זייער שווער. אַהיים פלעגט מען קומען מידע, אין דער אָרעמער קוואַרטיר, וואָס איז ס׳רוב באַשטאַנען פון אַ געדונגען צימערל ביי אַ פאַמיליע, און מע פלעגט זיך אַ וואַלף טאָן אויפן בעטל, ווי אַ קלאָץ. דער איינציקער אָפּרו און פאַרגעניגן איז געווען דאָס לייענען די באַקומענע בריוו פון דער היים — פון טאַטע־מאַמע, פון אַ כלה אָדער ווייב, און מע פלעגט שרייבן ענטפערס פול מיט בענקשאַפט און האָפענונגען, אַז מע גייט ווערן אַמעריקאַנער, אַז מע וועט זיך אַרויפאַרבעטן און דעמאָלט קאָנען שטיצן משפחה, אַראָפּנעמען אַהער נאָענטע און אייגענע — און ס׳וועט זיין גוט! . . .

אָט אַזוי האָט מען אָנגעהויבן אַרבעטן, פאַרדינען און מאַכן אַ לעבן אין מעקסיקע.

ד.

פעדלערס וועון נוצלעך

גאַר גיך זיינען די פּעדלערס געוואָרן אַ נוצלעכער עלעמענט אין מעקסיקע. טייל פון זיי זיינען אַרויסגעפּאָרן אַרבעטן אויף דער פּראָווינץ, פריער אין די נאָענטערע שטעטלעך און דערנאָך אויך אין ווייטערע, ביז אין דער טיף פון דעם גרויסן לאַנד. דער פּעדלער, וואָס האָט דאָ באַקומען דעם היימיש־מעקסיקאַנישן נאָמען „אבאָנערא״ (פון וואָרט „אַבאָנאָ״ — אַ ראַטע, ווייל ער גיט זיין סחורה אויף אויסצוצאָלן אין ראַטעס, אַבאָנאָס), איז אַריינגעדרונגען צווישן פאָלק און אים פאַרקויפט פון אַ פּאָדעם ביז אַן אָנצוג, פון אַ מעסערל ביז אַ האַק, פון אַ שפּילקע ביז אַלערליי אַרבעטסגעצייג און שטוב־מכשירים, קליידער, העמדער, שיך אאַ״וו.

דער יידישער אַבאָנער איז געוואָרן דער פאַרשפּרייטער פון דעם קליינהאַנדל, וואָס האָט ביז דעמאָלט כמעט ווי נישט עקזיסטירט אין מעקסיקע, און ער האָט ביי דעם אָרעמערן קלאַס פון מעקסיקאַנער פאָלק אַרויסגערופן אַ באַדערפעניש אויף פאַרשיידענע אַרטיקלען און אַ נאָכפראַגע אויף זיי. אין די גרעסערע געשעפטן, וואו מע האָט זיי געקאָנט קריגן, האָט מען, ערשטנס, נישט געוואַגט צו גיין; צווייטנס, האָט מען געדאַרפט האָבן מזומן געלט; און דריטנס, זיינען די פּרייזן טאַקע געווען טייערער, בעת דער אַבאָנער האָט זיך געשטעלט אַ קליינעם פאַרדינסט. אַזוי אַרום איז געוואַקסן די קאָנסומציע און די פּראָדוקציע — און עס איז געהויבן געוואָרן דער לעבנסניוואָ פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד בכלל.

די פּעדלערס־אַבאָנערן פלעגן איינרעדן זייערע קליענטן צו קויפן, דערקלערן זיי די נוצלעכקייט פון די אַרטיקלען, אָפט מאָל איבערלאָזן סחורה קעגן ווילן פון קונה, כדי ער זאָל זיך איבערצייגן אין דער נייטיקייט פון אַ העמד, פון אַ זאָק, פון אונטערוועש פאַר זיך און פאַר זיינע בני־בית. אַזוי האָבן די ערשטע יידישע עמיגראַנטן געדינט צו גלייך שוין דעם לאַנד מעקסיקע און געבראַכט אים נוצן מיטן הייבן דעם סטאַנדאַרט פון לעבן ביים פאָלק.

די יידישע קליינהענדלערס זיינען געווען פּיאָנערן אויפן געביט פון פאַרביליקערן די אַרטיקלען פון מאַסן־געברויך. זיי זיינען שפּעטער דערפאַר אַטאַקירט געוואָרן אָפט מאָל, אָבער ניט מצד די פאָלקסמאַסן, נאָר מצד די אייגנטימער פון די גרויסע געשעפטן, וואָס האָבן אין די רירעוודיקע הענדלערס געזען קאָנקורענטן פאַר זיך, און אין זייער בלינדקייט און שנאה האָבן זיי געמאַכט פּרוּוון אַרויסצורופן אַנטיסעמיטישע שטימונגען. עס קאָן אָבער נישט געשטעלט ווערן אין קיין ספק, אַז די אַט די פּיאָנערן־אַרבעט פון די יידישע פּעדלערס איז געווען נוצלעך פאַרן לאַנד. דער מאַסן־געברויך האָט טאַקע געוויזן, אַז מע קאָן געבן דעם קאָנסומענט ביליקער די סחורה.

ה.

מע נעמט זיך אויך צו אַנדערע אַרבעטן

גלייך נאָך דעם — און פּאַראַלעל מיט דער פּעדלעריי — האָבן אַ סך פון די יונגע יידישע עמיגראַנטן זיך גענומען צו אַנדערע באַשעפטיקונגען. אַ טייל האָבן געבראַכט פון די שטאָטן מאַשינען (די קרובים האָבן געשיקט), און מיט קליינע קאַפּיטאַלן, וואָס מע האָט זיך בינו לבינו שוין געהאַט צונויפגעשלאָגן, אָפּט אָפּשפּאָרנדיק פון ביסן, האָט מען טאַקע ביי זיך אין די ענגע דירות, אָנגעהויבן צו פאַבריצירן (מיט אייגענע הענט, אָדער מיט אַ קליינער הילף פון אַן אַרבעטער) אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס מע פלעגט זיי פריער אין מעקסיקע אימפּאָרטירן פון אויסלאַנד. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער קליין-אינדוסטריע, וואָס פאַרנעמט היינט אַזאַ גרויסן פּלאַץ ביי אונדז אין לאַנד — ווי זאָקן, העמדער, וועש, שטריקעריי, קראַוואַטן, קליידער אאַ"וו.

אויך אין דעם זינען האָט זיך די יידישע אימיגראַציע באַלד אין איר אָנהייב געמאַכט נוצלעך פאַר דעם לאַנד. די געקומענע יידן האָבן אַ סך געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, זיי האָבן געשאַפן נייע קוואַלן פון אַרבעט פאַר דעם מעקסיקאַנער. דער אויפטו און דער פאַרדינסט פון די יידישע עמיגראַנטן אין דער ריכטונג דאַרף נאָך ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן. דער, וואָס האָט צוגעזען די דאָזיקע אַנטוויקלונג מיט זיינע אייגענע אויגן און געהאַט אינטערעס דאָס צו אָבסערווירן און אַנאַליזירן, — פאַר יענעם איז דער אויפקום פון יידישן ישוב אין מעקסיקע אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג און פּראָגרעס פון די מעקסיקאַנער פאָלקסמאַסן.

די הויפּטשטאָט מעקסיקע האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט עפּעס מער, ווי אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער (היינט באַלד צען מאָל אַזוי פיל!). די לעצטע גאַס פון שטאָט, אויסערן צענטער, איז געווען די, וואו ס'איז היינט אַלוואַראָ אָברעגאָן. אַ פּאָר שיך אָדער אַ גוטע פּאָר זאָקן פלעגט טראָגן נאָר אַ גביר. עס האָט געהערט צו די געוויינלעכע זאַכן צו טרעפן אין גאַס באָרוועסע מענער און פרויען; עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין האַלב-נאַקעטע. ביי דער מערהייט איז

דער הויפט-מלבוש געווען די „סאראפע" (א מין פאטשיילע מיט א לאך אין מיטן אויף ארייגצושטעקן דעם קאפ).

ווען יידן האבן אנגעהויבן צו פארשפרייטן און אליין פאבריצירן אלערליי מלבושים, איז זייער אויפטו באשטאנען אין מאכן די דאזיקע זאכן פאפולער ביי די פשוטע מענטשן פון פאלק, אין געבן זיי פאר א צוגעגנלעכן פרייז, אין איינגעוואוינען די מענטשן, אז מע דארף די שיך און דאס העמד טראגן אויך אין דער וואכן, און נאט בלויז זונטיק אויף א פאר שעה.

אזוי ארום האבן די נאר-וואס געקומענע יידן פון מזרח-אייראפע געפונען אין מעקסיקע קוואלן פון ארבעט פאר זיך אויך פאר די מעקסיקאנער; און קאאפערירנדיק מיט די פראגרעסיווע עלעמענטן אין מעקסיקאנער פאלק, האבן זיי מיטגעווירקט, אז די גאסטפריינדלעכע מעקסיקאנער פאלקסמענטשן זאלן קאנען געניסן אין א פיל גרעסערער מאס פון א סך מאטעריעלע גיטער, באזונדערס וואס שייך באקליידונג, וואס איז ביז יענער צייט געווען א פריווילעגיע פון פארמעגלעכע, דאס הייסט פון א קליינעם טייל פון פאלק.

ז.

די עמיגראַציע וואַקסט — און עס ווערט אַ ישוב

דער עמיגראַציע־שטראָם, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּאַרן פון אייראָפּע, האָט אויך ווייטער געבראַכט קיין מעקסיקע מערער יידישע איינוואַנדערער. יעדן חודש אָדער צוויי חדשים פלעגט אָנקומען אַ שיף מיט עמיגראַנטן. אַזוי אַרום פלעגט איטלעכע פּאָר חדשים צוקומען קיין מעקסיקע עטלעכע הונדערט יידן. ווייניק פון זיי פלעגט דערנאָך אָפּפאָרן ערגעץ אַנדערש — די מערהייט איז שוין דאָ פאַרבליבן און געוואָרן מיט דער צייט מעקסיקאַנער תושבים.

שוין אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1921 האָבן מיר דאָ געהאַט אַ פּראָבלעם מיט אָרעמע יידן. אַ סך פלעגן קומען אַהער, פאַרשטייט זיך, מיט ליידיקע הענט; קיין פאַרמעגנס האָט קיינער ניט געהאַט; ניט אַלע האָבן זיך געקאָנט גיך צופּאַסן צו די היגע באַדינגונגען. אַנדערע האָבן יאָ געפּרואווט פּעדלען — און ס'איז ניט געגאַנגען גוט אין דער נייער מלאכה. אַרבעט איז שווער געווען צו קריגן; אָפּענע יידישע געשעפטן איז געווען גאָר ווייניק — געציילטע ממש. האָבן זיך טאַקע אַ טייל פון די פרישע עמיגראַנטן געפילט אומבאַהאָלפן — ווי מע קאָן זיך פילן אין אַ פרעמדן ווייטן לאַנד, ווען מען איז אָרעם און אָן מיטלען.

שוין דעמאָלט האָט זיך געשאַפן עפּעס אַ מין פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט, וואָס האָט אויף אַן אַלט־היימישן שטייגער געשטיצט די אָרעמערע עמיגראַנטן, געגעבן זיי אויף צו לעבן דערווייל און צו־געהאָלפן צו מאַכן די ערשטע זעלבשטענדיקע שריט — איינאָרדענען זיך ביי וואָס־ס'איז־ניט־איז: פאַרקויפן זיסוואַסער אויפן גאַס, ראַזיר־מעסערלעך און אַזוי ווייטער. קיין אָרגאַניזאַציע אָבער איז דאָס נאָך ניט געווען, ווייל איטלעכער איז נאָך געווען פאַרטאָן מיט זיך אַליין, פאַריאָגט און פאַרזאָרגט וועגן משפּחה אין דער אַלטער היים, מכוח פלענער צו פאָרן אפשר אין די שטאַטן — און דער עיקר טאַקע אין דער נייער פרנסה פון האַנדלען אָדער אַרבעטן.

אַלע יידן, און זייער צאָל איז נאָך דעמאָלט געווען ווייט פון טויזנט, האָבן געוואוינט אין דער געגנט פון דער גאַס כעסוס־מאַריאַ.

דאָרטן זיינען וואוינונגען און צימערן געווען ביליק, דערצו איז עס געווען אַ פּאָר טריט פון צענטער־שטאָט, פון דעם סאָקאַלאָ (צענ־טראַלער פּלאַץ פון מעקסיקע־שטאָט), און דאָס וויכטיקסטע — דאָרטן איז געווען דאָס אַרבעטספעלד פון דעם עמיגראַנטן־עולם.

די געקומענע עמיגראַנטן זיינען דאָס רוב געווען יונגע מענטשן, רירעוודיקע, און אַ סך פון זיי האָבן פאַרמאָגט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש. איז אָבער די צרה געווען, וואָס מען איז געווען האַלב שטום — ניט געקאָנט קיין שפּאַניש, זיך געמאַטערט מיטן רעדן ביי אַר־בעט, און דאָס האָט אויך מסתמא אָפּגעטייט יעטוועדע איניציאַטיוו. און עס זיינען אַוועק קנאַפּע צוויי יאָר, איידער מע האָט געגרינדעט די ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון יענע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען אַהער געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין יאָר 1917 זיינען זיי דאָס געווען די גרינדער פון דעם יוגנט־פאַראיין. איך דערמאָן זיך, אַז טאַקע אין יענעם יאָר האָב איך געלייענט אַן אַמעריקאַנער צייטונג און פון איר זיך דערוואוסט וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. האָבן מיר גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אונדזער גרופּע יידן צוזאַמען מיט די אַראַבישע און ספרדישע. מיר האָבן פון דער רעגירונג געקריגן פריי דעם זאַל „באַליוואַר", און איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין פאָרזיצער פון יענעם אָוונט. עס האָבן גערעדט אייניקע רעדנער, מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַ גרויסע ישועה פאַר יידן. איך געדענק, אַז מיר האָבן אויך אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו שיקן באַגריסונגען צו די פּרעמיערן פון די אַליאירטע מלוכות און צו דער ענגלישער רעגירונג פאַרן האָבן אין זינען דעם גורל פון יידישן פאָלק.

אין יענער צייט האָבן די ספרדים שוין יאָ זיך געקהלט אַ ביסל, און מיר, אַ 30 יידישע יונגעלייט, האָבן אין זייערן אַ לאָקאַל איינ־געאָרדנט אַן אָוונט, איינגעלאַדן מעקסיקאַנער באַקאַנטע בחורים און מיידלעך, — געזונגען לידער, מיר אויף יידיש, זיי אויף שפּאַניש. אָבער ווען ס'איז געקומען צום טאַנצן, האָבן מיר געהאַט גרויס עגמת־נפש. צו דעם אָוונט איז אויך געקומען דער ספרדישער „חכם" (רב) און ער האָט פאַרבאָטן, אַז ביי זיי אין לאָקאַל (עס איז, דאַכט זיך, אויך געווען דאָס אָרט, וואו זיי פלעגן דאַווענען) זאָלן בחורים טאַנצן מיט מיידלעך. מיר האָבן אים געמוזט פאָלגן, און עס האָבן געטאַנצט בחורים מיט בחורים . . .

ביים סוף פון יאָר 1921 האָט זיך שוין געפילט אַ נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ געזעלשאַפט, צו שאַפן אַ צענטער פון יידישן לעבן. עמי־גראַנטן זיינען צוגעקומען וואָס אַ מאָל מערער און מערער. עס איז נייטיק געווען זיי אויפצונעמען. וואָס שייך די, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אַ שטיקל צייט אין לאַנד, האָבן זיי אויך געדאַרפט האָבן אַן אָרט, וואו זיך צו טרעפן איינער מיטן אַנדערן. מע האָט אָנגעהויבן פאַרדינען עפּעס מער און מע האָט שוין געקאָנט עפּעס אָפּשפּאָרן אויך. עטלעכע פון די געקומענע זיינען שוין געווען גוט איינגעאָרדנט. עס האָט זיך געפילט אַ פאַרלאַנג צו גרינדן אַ קעגנזייטיקע הילפסקאַסע, — און אַז מע פלעגט זיך טרעפן, פלעגט מען רעדן וועגן דעם, פלאַנעווען, — ביז מע האָט זיך אַנטשלאָסן צו רופן אַ באַראַטונג וועגן שאַפן אַזאַ צענטער.

איך דערמאָן זיך, אַז מיר, די ערשטע עמיגראַנטן, פלעגן אַלם איינעם פון די מאָטיוון פאַר דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע אָנגעבן דאָס, וואָס מע דאַרף די זאַך פון קומענדיקן יידישן ישוב דאָ אַרייננעמען אין די הענט אַריין. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט אויסוואַקסן עפּעס אַן אַנאַרכיע. די עמיגראַנטן פלעגן קומען פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער. איינער האָט דעם אַנדערן ניט געקענט, ניט געוואוסט זיין אָפּשטאַם, ניט געהאַט קיין אָנונג וועגן זיין אויפפירונג. געקומען זיינען יונגעלייט ס׳רוב אין די צוואַנציקער יאָרן, אַ טייל נאָך קינדער אָדער יוגנטלעכע. זיי זיינען געקומען פון אייראָפּע, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ מלחמה־שטורעם, אַ תקופה פון בלוט־פאַרגיסונגען און פאַרווילדונג. זיי האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן, וואָס עס מיינט לעגאַליזירטע גזילה און רויב, ווי אַזוי פעלקער שלאָגן זיך, ווי מענטשן רייסן אַרוים איינער ביים אַנדערן דעם ביסן פון מויל. וואָס פאַר אַ קוק האָבן זיי אויפן לעבן? קומען זיי דאָך פון אַ סביבה, וואו די מאָראַל איז געזונקען צוליב דעם קריג און זיינע רעזולטאַטן! צי וועלן זיך ניט אַ סך פון זיי פאַרוואַנדלען אין שעדלעכע עלעמענטן פאַר דער יידישער געזעלשאַפט? צי וועלן זיי ניט אַוועקגיין אויף שלעכטע וועגן?

מיר פלעגן טראַכטן וועגן דעם אויפן גרונט פון דעם, וואָס די וועלט־פּרעסע האָט דעמאָלט געשריבן וועגן דער לאַגע אין אייראָפּע, וועגן דעם מאָראַלישן קריזיס, וואָס פעלקער און לענדער האָבן דורכגעמאַכט אין יענע צייט. מיר האָבן אָבער — צום גליק! — געהאַט אַ גרויסן טעות. אויף יידן, אויף אונדזערע ניי געקומענע עמיגראַנטן, איז, זעט אוים, דער מאָראַלישער קאַטאַקליזם ניט געווען חל.

נאָך איידער מיר זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ געזעלשאַפט, פלעגן מיר זיך אויך טרעפן אָפט מיט די אַלע ניי געקומענע. מיר פלעגן זיך אויספרעגן וועגן זייער לאַגע, זייערע פּלענער; געבן אַן עצה, וואָס צו טאָן, — און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איינ־געוואַנדערטע יידן, יונגע מענטשן, זיינען געווען אַן ערנסטער עלע־מענט, מענטשן אַרבעטזאַמע און פעיקע. דער גרעסער טייל האָט זיך שנעל אָריענטירט אין דער נייער לאַגע, זיך גענומען מיט פליים צו אַזאַ אָדער אַנדער אַרבעט, און אַלע האָבן געפירט אַן אָרעם, אָבער ערלעך לעבן.

מיט גרויס צופרידנקייט האָבן מיר אָבסערווירט, אַז אַלע עמי־גראַנטן היטן אָפּ די געזעצן פון לאַנד, און עס איז ניטאָ קיין שום יורידישע צי געריכטלעכע פּראָבלעמען, אין וועלכע די יונגע יידישע עמיגראַציע זאָל זיין פאַרוויקלט. דער יידישער עמיגראַנט אין מעק־סיקע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ, מיט אַן אידעישן צוגאַנג צום לעבן. ער האָט געטראָגן אין זיך אַ בענקשאַפט נאָך זיין היים און נאָך די היימישע און נאָענטע מענ־טשן; ער האָט מיטגעבראַכט אַ טריישאַפט און צוגעבונדנקייט צו יידישן שטייגער און צו די טראַדיציעס פון יידישן מאָראַלישן לעבן, פון יידישן ריינעם פאַמיליען־לעבן, —. און ער האָט געשטרעבט אַזאַ לעבן דאָ צו שאַפן און צו פירן. מע האָט בלויז געליטן דערפון, וואָס מע האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך דאָס דאָזיקע לעבן דאָ דערגרייכן, וואָס מע האָט געמוזט דערווייל זיין אָפּגעריסן פון פאַמיליע און נאָענטע.

און פון דאַנען איז נאָך שטאַרקער געווען דער דראַנג צו שאַפן זיך אַן אַנדער משפּחהדיקייט — דורך אַן אָרגאַניזאַציע, דורך דער־נעענטערן זיך צו מענטשן פון זעלבן גורל, דורך אויסלעבן זיך קאָ־לעקטיוו. דער באָדן איז געוואָרן רייף פאַר דעם גרינדן די ערשטע גרויסע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער דער ישוב, וואָס האָט זיך אָקאָרשט אויסגעפיקט, האָט זיך אַזוי גענייטיקט.

קאַפּיטל צוויי

„יאַנג מען" — „טאַקובאַ קינסע"

א.

דער אָנהייב

אין די לעצטע חדשים פון יאָר 1921 און אָנהייב 1922 איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער ערשטער — און במשך פון לאַנגע יאָרן וויכטיקסטער — יידישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע, דער אָנהייב פון געזעלשאַפטלעכן לעב אין דעם נייעם ישוב.

עס איז געגרינדעט געוואָרן די „י.מ.ה.א." („יאָנג מען היברו אַסאָסיעישאָן"). וואָס איז גאָר גיך געוואָרן דער יידישער צענטער פון מעקסיקע. דער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַן אַמעריקאַנער, ווייל די איניציאַטאָרן אירע זענען געווען ס'רוב די געקומענע יונגע עמיגראַנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און זיי האָבן גענומען פאַר אַ מוסטער די דאָרט עקזיסטירנדיקע יוגנט-צענטערס. צווישן די גרינדער זיינען געווען טשאַרלי לעווין, די ברידער ווישניאַק, לעאָן סוראַסקי, יוסף ווערנער, סעם ראָזען, י. טאָמין, ש. ניעגין, ד"ר א. קינג, דזשאַק ריידער, מאַרטין טעמפּעל, מ. מינדלין און נאָך עטלעכע אַנדערע, וואָס איך קאָן זיך, צום באַדויערן, נישט דערמאָנען זייערע נעמען.

קיין סך דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן צו דער ערשטער תקופה פון „יאָנג מען" איז, צום באַדויערן, נישט פאַרבליבן. פּראָטאָקאָלן פון דער פאַרוואַלטונג און אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען זיינען פאַראַן ערשט פון יולי 1927, און דאָס אויך נישט קאָמפּלעטע. אין יאָר 1927 הייבט אָן דערשיינען אַ ביולעטין פון דער געזעלשאַפט, פריער מימעאָגראַפירט און שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ זשורנאַל, וואָס פלעגט דערשיינען מער ווינציקער רעגולער, — און פון אָט דעם זשורנאַל-ביולעטין קאָנען מיר אַרויסנעמען די פאַקטישע מאַטעריאַלן, אויף דעם סמך פון וועלכע מיר קאָנען זיך שאַפן אַ בערכדיק בילד פון דעם וואוקס, אַנטוויקלונג און טעטיקייטס-פאַרנעם פון אָט דער געזעלשאַפט, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע אין לעבן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע. דאָס איבעריקע מוזן מיר זיך שטיצן אויף אייגענע פערזענלעכע זכרונות און מיטטיילונגען פון אַנדערע פערזאָנען, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון „יאָנג מען".

דער ערשטיקער ציל פון דער געזעלשאַפט איז געווען, נאַטיר־לעך, צו שאַפן אַ יידישן צענטער, אַ היים פאַר די אַלטע עמיגראַנטן, וואָס האָבן געפילט אַ באַדערפעניש אין געזעלשאַפטלעכער אוים־לעבונג, און אַ היים פאַר די נייע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן צוקומען אַלץ מער און מער.

און דער צענטער, די געזעלשאַפט „יאָנג מען", איז טאַקע אין גיכן געוואָרן דער זאַמלפונקט פון אַלע יידן אין מעקסיקע. עס איז דאָרטן געווען דער „האיאַס", דאָס אָרט, וואו מען האָט אויפגענומען די ניי אָנגעקומענע איינוואַנדערער גלייך דעם ערשטן טאָג, ווי זיי זיינען געקומען. דאָרט האָט מען געגעבן עצות, ווי צו ברענגען קרובים. דאָרט האָט מען ביי די טישלעך אַרומגערעדט די ליידן פון דער אַרבעט אין דער נייער מדינה, די פריידן ביים באַקומען גרוסן פון דער היים. דאָרט האָט מען געלייענט אַ יידישע צייטונג פון די שטאַטן און פוילן, באַקומען אַ יידיש ביכל און געהערט נייעס פון דער גאַנצער יידישער וועלט.

ב.

דער ערשטער סטאַטוט

די גרינדער און טוער פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך אָבער גע־שטעלט גרעסערע צילן, כאָטש זיי האָבן דאָס אפשר נישט געקאָנט קלאָר פאָרמולירן, ווי דאָס איז צו זען בולט פון דעם סטאַטוט, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן גלייך אין דער ערשטער צייט פון דער טעטיקייט פון „יאָנג מען”*. דער דאָזיקער סטאַטוט, וואָס איז צו־געשטעלט געוואָרן אויף איינער פון די סאַמע ערשטע זיצונגען פון דער געזעלשאַפט, באַשטייט פון די ווייטערדיקע זיבן פונקטן (אָדער ווי זיי ווערן דאָרטן אָנגערופן — אַרטיקלען):

אַרטיקל 1.

די יידישע יוגנט־געזעלשאַפט** ווערט געגרינדעט אין דער שטאָט מעקסיקע.

אַרטיקל 2.

די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט איז די אינטעלעקטוע־לע, מאָראַלישע און פיזישע אנטוויקלונג פון אירע מיטגלידער.

אַרטיקל 3.

מיט דעם אויבן דערמאָנטן נאָמען*** וועט די געזעלשאַפט

---

* דעם סטאַטוט פון דער „יאָנג־מען־געזעלשאַפט” פובליקירן מיר לויט דעם טעקסט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם ביולעטין פון דער געזעלשאַפט א"נ „אונדזער וואָרט”, נומער 2, יוני 1927. מיר גיבן דעם סטאַטוט גענוי לויט דער אָריגינעלער רעדאַקציע, ענדערנדיק בלויז די אָרטאָגראַפיע.

** עס איז זייער אינטערעסאַנט, וואָס אין דאָזיקן טיטולאַרן אַרטיקל פון דעם סטאַטוט איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען „יאָנג מען היברו אַסאָסיעישאָן” און אפילו נישט דער פאַרקירצטער נאָמען אָדער די איניציאַלן „י.מ.ה.אַ.”.

*** משמעות געמיינט דעם נאָמען „די יידישע יוגנט־געזעלשאַפט”.

זיך באַנוצן אין אַלע אירע אָפיציעלע אַקטן און קאָרעספּאָנ־
דענץ, אויסער דעם וועט זי זיך באַנוצן מיטן נאָמען „יאָנג
מען היברו אַסאָסיעישאָן" (י.מ.ה.א.).

אַרטיקל 4.

אַלס מיטל צו דערגרייכן דעם צוועק, וועלכער איז אויס־
געטייטשט אין אַרטיקל צוויי, ווערט געעפנט אין דער שטאָט
מעקסיקע אַ קלוב פאַר געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפונגען
פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דער קלוב וועט פאַר־
וואַלטעט ווערן לויט די אינערלעכע פאָרשריפטן, וועלכע וועלן
אויסגעאַרבעט ווערן דורך דעם פאַרוואַלטונגס־ראַט פון דער
געזעלשאַפט אָדער אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע וועט פאַר
דעם צוועק באַשטימט ווערן.

אַרטיקל 5.

די געזעלשאַפט ווערט געגרינדעט אָן וועלכן־ס'איז סאָ־
ציאַלן קאַפּיטאַל. דער פאַרמעגן פון דער געזעלשאַפט רעכנט
זיך אַלס „אייגנטום פון דער געזעלשאַפט" — אויף וועלכן די
מיטגלידער האָבן נישט קיין פּריוואַטן רעכט. אין פאַל ווען
די געזעלשאַפט ווערט פונאַנדערגעליייזט* — ווערט דער
פאַרמעגן באַשטימט פאַר אַ צוועק, וועגן וועלכן עס וועט זיך
רעדן ווייטער**.

אַרטיקל 6.

אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט ווערט צוגעלאָזן יעט־
וועדע פּערזאָן, וועלכע וועט אַריינטראָגן 10 פּעזאָס אייננטריט־
געלט און וועגן וועמען די פאַרוואַלטונג וועט האָבן אַ גינסטיקע
מיינונג. די פאַרוואַלטונג האָט דאָס רעכט נים צו פאַרעפנטלעכן
די מאָטיוון, צוליב וועלכע אַ באַטרעפנדע פּערזאָן ווערט נים
אָנגענומען אַלס מיטגליד. אויך האָט זי דאָס רעכט צו פאַר־

---

* געמיינט — אויפגעלייזט, ליקווידירט.

** אין קיין שום ווייטערדיקן פּונקט פון סטאַטוט ווערט נישט באַ־
שטימט דער דאָזיקער צוועק. אפשר האָט דאָס געמיינט, אַז וועגן דעם וועט
מען אָננעמען שפּעטער אַ באַזונדערן באַשלוס, מחוץ דעם סטאַטוט. און
אפשר איז אויך אָנצונעמען, אַז דער טעקסט, וואָס איז פּובליקירט אין
„אונדזער וואָרט", נעמט נים אַרום אַלע פּונקטן פון סטאַטוט.

קלענערן אָדער אָפּשאַפן די איינשרייב־קוואָטע ביי יעדער געלעגנהייט.

אַרטיקל ד.

יעדע פּערזאָן, וועלכע ווערט אָנגענומען אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, צאָלט מאָנאַטלעך 5 פּעזעס, אַלס מיטגליד־אָפּצאָל. די פאַרוואַלטונג אָבער האָט דאָס רעכט צו רעדוצירן די אויבן דערמאָנטע קוואָטע אין פאַלן, וועלכע זי געפינט פאַר נייטיק.

ווי מיר קאָנען דאָס זען פון סטאַטוט (פּונקט צוויי) האָט זיך די געזעלשאַפט געשטעלט גאַנץ ברייטע אויפגאַבן, הגם זייער מטושטש פאָרמולירט.

ג.

אויף „קאַיעכאַן סינקאָ דע מאַיאָ"

אין די ערשטע יאָרן אָבער, דער עיקר אין יענער צייט, ווען די געזעלשאַפט „יאַנג מען" האָט זיך געפונען אין ערשטן לאָקאַל אירן אויף „קאַיעכאַן סינקאָ דע מאַיאָ", — איז די קולטור-און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אירע געווען גאַנץ באַשיידן, דער עיקר טאַקע באַגרענעצט צו דער אַלגעמיינער — כאָטש זייער וויכטיקער — אויפגאַבע צו זיין דער צענטער, די היים פאַרן עמיגראַנט. מע דאַרף אָבער אויך פעסטשטעלן, אַז שוין אין יענע ערשטע יאָרן האָט „יאַנג מען" געפירט אַ קולטור-אַרבעט. עס איז כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר פאַר דער יידישער אימיגראַציע דער גרויסער אינטערעס פאַר קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, דאָס הייסט, אַז נישט געקוקט אויף גרויסע שוועריקייטן ביים איינאָרדענען זיך, אויף די טאָגטעגלעכע דאגות און זאָרגן פאַרן שטיקל ברויט, — האָבן דאָך די איינגעוואַנדערטע יידן געהאַט העכערע, גייסטיקע אינטערעסן און זיך געפילט אָדער געוואָלט פילן ווי גלידער פון אַ קאָלעקטיוו.

די ניי אויפגעקומענע יידישע געזעלשאַפט, די „יאַנג מען היברו אַסאָסיעישאַן", האָט זיך באַמיט אַנטקעגנצוקומען, ווי ווייט ס'איז געלעגן אין די דעמאָלטיקע מעגלעכקייטן, די דאָזיקע אינטערעסן און באַדערפענישן. עס פלעגן פאָרקומען פאָרלעזונגען און רעפעראַטן, מע האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ יידישע ביבליאָטעק, מע האָט זיך באַמיט, אַז דער מיטגליד פון צענטער זאָל קאָנען איבערלייענען אַ יידישע צייטונג אא"וו. אמת, אַזעלכע אונטערנעמונגען פלעגן פאָרקומען נישט גאָר אָפט, אָבער דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווען מיר וועלן נעמען אין באַטראַכט, אַז דער יונגיטשקער ישוב האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין סך אינטעלעקטואַלן, וואָס זאָלן קאָנען אַנטוויקלען אַן אינטענסיווע קולטור-אַרבעט.

אין יענע ערשטע יאָרן פון דער „יוגנט-געזעלשאַפט" (אָדער „יאַנג מען") טרעפן מיר שוין צווישן די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען אַקטיוו מיט קולטור-אַרבעט, די נעמען פון **סאַלאָמאָן קאַהאַן, באַדער, יעקב גלאַנץ, מ. ווערלינסקי, ק. בוראָוויק.**

ד.

„טאַקובאַ קינסע" — דער אַדרעס פון ישוב

די גרעסערע אויפגאַבן און צילן, וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט, אָדער זיי זיינען אויפגעקומען בהדרגהדיק, אין משך פון דעם וואוקס פון דער געזעלשאַפט גופא, — האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן צו רעאַליזירן שפּעטער, און דער עיקר נאָכן איבערגיין אין דעם גרעסערן לאָקאַל, אויף טאַקובאַ 15, און דער דאָזיקער נאָמען „טאַקובאַ קינסע" איז פּאַקטיש געוואָרן דער פּאָפּולערער נאָמען פון דער געזעלשאַפט אויף לאַנגע יאָרן*.

אויף „טאַקובאַ קינסע" איז די געזעלשאַפט געווען ביזן סוף פון יאָר 1942, דאָס הייסט גאַנצע זעכצן יאָר. במשך פון דער דאָזיקער צייט האָט זיך דאָרטן, אין די ווענט פון דעם „מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ" (איינעם פון די שענסטע סאַלאָנען פון שטאָט לויט יענער צייט), אָפּגעשפּילט די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון אויפקומענדיקן און זיך אָרגאַניזירנדיקן יידישן ישוב אין מעקסיקע. דאָרטן זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן די ביוראָען פאַר אַלערליי געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, אַ לייענזאַל, אַ ביבליאָטעק, אַ זאַל אויף פאָרלעזונגען און לעקציעס. דאָרטן איז געווען אַ בופעט, וואוהין מע פלעגט, נאָך אַ טאָג פּעדלעריי, קומען אָפּעסן אַ יידישע וועטשערע, טרינקען אַ היימישע גלאָז טיי, זיך טרעפן מיט באַקאַנטע און זיך געפינען אין אַ יידישער סביבה. דאָרטן אויף „טאַקובאַ קינסע" זיינען געוואָרן איינגייער אַלע יידישע עמיגראַנטן, געוואָרן שטאַמגעסט פון זייער צענטער.

דאָרטן אויף „טאַקובאַ קינסע" זיינען נייע יידישע אינסטיטוציעס געבוירן געוואָרן און דאָרטן זיינען אייניקע אונטערגעגאַנגען.

---

* אגב, האָבן זיך די נעמען פון דער געזעלשאַפט געענדערט אין לויף פון די יאָרן און אין גאַנג פון די ענדערונגען אין יידישן ישוב אין מעקסיקע: פריער האָט זי געהייסן מיטן אַמעריקאַנישן נאָמען „יאַנג מען היברו אַסאָסיעישאָן", שפּעטער — „יונגט־געזעלשאַפט", אויף יידיש, דערנאָך „יידישער קולטור־קלוב", און צו לעצט „קולטור־צענטער".

אַלע מעגלעכסטע איניציאַטיוועס פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער זיינען געקומען פון דאָרטן, אויב נישט דירעקט פון דער „י.מ.ה.א.״ — איז אין די לאָקאַלן פון דער געזעלשאַפט. טאָקובאַ 15 איז אין פאַרלויף פון אַט די פופצן יאָר יידיש לעבן אין מעקסיקע געווען דער אַדרעס פון יידישן ישוב. דאָרטן האָבן זיך גרופירט דער רוב פון די יידישע געזעלשאַפטן, וואָס זיינען שפּעטער אַנטשטאַנען. דאָרטן פלעגן פאָרקומען די אַלע עפנטלעכע ארויסטריטן, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות צו יידיש לעבן, שאַפן און בויען דאָ אויף אַן אָרט און צום יידישן לעבן אויסער מעקסיקע. דאָ האָט מען אָרגאַניזירט פאַרזאַמלונגען מכל המינים; דאָ האָט מען אויפגענומען געסט פון גאָר דער וועלט; דאָ זיינען פאָרגעקומען לעקציעס און קולטור־צוזאַמענקומען; דאָ האָט מען געשפּילט יידיש טעאַטער; דאָ האָבן זיך אָרגאַניזירט יידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, עקאָנאָמישע און הילפס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט דעם יידישן ישוב אויף די פיס.

אין אייגענעם נייעם לאָקאַל האָט זיך אַנטוויקלט אַ ברייטערע קולטור־אַרבעט. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אָפטע פאַרלעזונגען און רעפעראַטן אויף טאָקובאַ 15. די רעפערענטן האָבן זיך געפונען צווישן די עמיגראַנטן גופא, און עס האָבן נישט געפעלט קיין ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. עס זיינען צווישן עולם געווען מענטשן פון אַלערליי ריכטונגען אויך דער יידישער גאַס, און מע פלעגט היים דעבאַטירן איבער וועלטפראַגן, איבער יידישע פּראָבלעמען — פּאָליטישע און ליטעראַרישע. עס פלעגן פאָרקומען מיטינגען און דיסקוסיעס — מיט איין וואָרט, עס האָט אָפּגעקלונגען דער יידישער נשמה־ציטער אין דער ווייטער מעקסיקע, נאָך איידער יידן האָבן זיך דאָ פעסט באַזעצט.

אין יענער צייט פלעגן די זאַלן אויף טאָקובאַ 15 פול זיין יעדן אָוונט. אַ פרייד איז געווען ביי אַלעמען דאָס באַווייזן זיך פון נייע פּנימער — נייע עמיגראַנטן, וואָס זיינען ערשט נעכטן אַראָפּ פון דער שיף, געגומען די באַן, געקומען אין שטאָט אַריין און גלייך זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם יידישן צענטער, צו קומען צווישן יידן. אָפט פלעגן זיך אומגעריכט טרעפן לאַנדסלייט, מענטשן פון איין שטעטל — און מע פלעגט אָפּגעבן און אָפּנעמען גרוסן פון קרובים און באַקאַנטע. עס האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו קומען משפחה־מענטשן — פרויען צו מענער, עלטערן צו קינדער.

אין די זאַלן פון צענטער זיינען אָפט אויך פאָרגעקומען טאַנץ־פאַרוויילונגען. דער עולם איז ס׳רוב געווען אַ יונגער, און קיין אונ־

טערנעמונגס־גייסט האָט ניט געפעלט. מע פלעגט איינאָרדענען חנוכה־ און פורים־אָוונטן, טאַנץ־אָוונטן אין טאָג פון 16טן סעפטעמבער (מעקסיקעס נאַציאָנאַלער יום־טוב); באַזונדערס האָט מען זיך גע־ ווײַלט אויף די גרויסע נײַ־יאָר־בעלער, וואָס זײַנען דערנאָך געוואָרן א טראַדיציע.

עס האָבן זיך שפּעטער געשאַפן פאַמיליעס, מע האָט געביטן באַ־ שעפטיקונגען, זיך אַריבערגעצויגן אין אַנדערע געגנטן, — אָבער אויף „טאַקובאַ קינסע״ איז אַלץ געווען די געזעלשאַפטלעכע היים. ביי די נײַ־יאָר־בעלער פלעגט זיך צונויפקומען „גאַנץ מעקסיקע״, און ביי זיסע דערינערונגען פון דער אַלטער היים, ביי פלאַי־פלאַימ־ דיקע געשיכטעס וועגן די ערשטע שריט אין מעקסיקע — פלעגט מען זיך פאַרווײַלן און לאָזן וואוילגיין.

ווען מיט א פּאָר יאָר שפּעטער האָט זיך א געוויסע צאָל יידן געפונען אויף דער פּראָווינץ, פלעגן זיי שרייבן צו דער פאַרוואַל־ טונג פון „יאָנג מען״ וועגן זייערע דערפאַרונגען, און אַז זיי פלעגן קומען אין דער הויפּטשטאָט — איז דאָס ערשטע אָרט צו קומען געווען אויף טאַקובאַ 15.

און עס איז ניט קיין וואונדער, ווײַל דאָרטן האָט מען אין אַלע הינזיכטן געהאַט א היימישע, א יידישע סביבה — סיי גייסטיק סיי מאַטעריעל: עס האָבן דאָרט געפונען אַן אָרט מענטשן פון פאַר־ שיידענע ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס, עס האָבן זיך געשאַפן גרו־ פעס און פראַקציעס; עס זײַנען פאָרגעקומען קאַמפן אַרום דער פאַרוואַלטונג, אַרום די קאָמיסיעס, ביבליאָטעק, עס זײַנען אויסגע־ וואקסן אָפּאָזיציעס. שפּעטער צו זײַנען אפילו געווען שאַרפע ריי־ בונגען, און אין רעזולטאַט פון אַזעלכע רייבונגען זײַנען אָפט אַנט־ שטאַנען אַנדערע אָרגאַניזאַציעס מיט א פאַקטיש ענלעכן כאַראַק־ טער.

אָבער דאָס אַלץ זײַנען געווען סימנים פון אינטענסיוון געזעל־ שאַפטלעכן לעבן. און, ווי ס׳איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, איז די מוטער פון אַלע שפּעטערדיקע אָרגאַניזאַציעס (וואָס א סך עק־ זיסטירן ביז איצט) — געווען דער „יאָנג מען״. דאָרט זײַנען איניצי־ אירט געוואָרן און פאָרגעקומען די באַראַטונגען צו שאַפן הילפס־ אינסטיטוציעס; אין די לאָקאַלן פון „יאָנג מען״ זײַנען פאָרגעקומען זיצונגען פון ציוניסטישע גרופעס, פון בונדיסטן; דאָרט איז אָרגאַ־ ניזירט געוואָרן א דראַמאַטישער קרייז. אויף טאַקובאַ 15 זײַנען מיר זיך אויך צונויפגעקומען אויף די ערשטע באַראַטונגען וועגן באַ־

קעמפן די העץ־ פּאשקווילן קעגן יידן, וואָס געוויסע קרייזלעך פון אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגן אָדער קאָנקורענטן האָבן אָנגעהויבן ארויסלאָזן.

נאָך אַזוי פרי, ווי אין 1924טן יאָר איז שוין אויף טאָקובאָ 15 פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג צו באַהאַנדלען די פראַגע וועגן שוץ פון יידישן כבוד און יידישע אינטערעסן, ווייל עס האָבן זיך שוין באַוויזן שונאי־ישראל, וואָס פלעגן פאַרשפּרייטן העצעס קעגן יידן.

אין „יאָנג מען" איז שפּעטער אויפגעקומען אויך די יידישע האַנדלס־קאַמער, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרטיידיקן יידישע אינטערעסן. פריער פאַר איר האָט עס געטאָן דער הילפס־פאַראיין, וואָס איז אויך געווען אַ פּראָדוקט פון „טאָקובאָ קינסע", און אפילו דער איצטיקער צענטראַל־קאָמיטעט איז אין די זעלבע ווענט געגרינדעט געוואָרן, ווי אַ רעזולטאַט פון לאַנגע יאָרן אַרבעט און אָנשטרענגונגען צו שאַפן אַ צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפט.

ה.

דער זשורנאַל פון דער געזעלשאַפט

אין גאַנג פון אַנטוויקלען די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן פילן די נויטווענדיקייט צו שאַפן זיך אַ טריבונע, וואָס זאָל, פון איין זייט, אָפּשפּיגלען די טעטיקייטן פון דער געזעלשאַפט, און, פון דער צווייטער זייט, דינען צו אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיט דער מיטגלידער-מאַסע און מיט דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע (ווי מע האָט דעמאָלט גערופן דעם נייעם, זיך אָרגאַניזירנדיקן ישוב).

האָט מען זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל-ביולעטין, ווי אַן אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט. דער ערשטער ביולעטין איז אַרויס-געגאַנגען העקטאָגראַפירט, אין מאַי פון יאָר 1927, טאַקע אונטערן נאָמען „י.מ.ה.א.".

עס איז כדאי איבערצוגעבן עטלעכע שטעלן פון דעם ביולעטין, דער עיקר פון דעם לייטאַרטיקל, ווייל עס קאָן אונדז, אין אַ געוויסער מאָס, אַריבערטראָגן אין דער דעמאָלטיקער אַטמאָספער פון דער געזעלשאַפט און אויך העלפן זיך צו שאַפן, זאָל זיין טיילווייז, אַ בילד פון דעם, וואָס די געזעלשאַפט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט און וואָס פאַר אַ צילן זי האָט זיך געשטעלט.

„מיט דעם ביולעטין, — שרייבט דער „עקזעקוטיוו-קאָמי-טעט" אָדער די פאַרוואַלטונג, וואָס שרייבט אונטער דעם לייט-אַרטיקל, — וועלכן מיר לאָזן איצט אַרויס אַלס אַ מאָנאַטלעכע אויסגאַבע פון „י.מ.ה.א.", ווילן מיר שאַפן אַ שטענדיקן קאָנ-טאַקט צווישן דער עקזעקוטיווע, פון איין זייט, און די מיט-גלידער פון פאַראיין, פון דער צווייטער זייט".

איבערגעבנדיק ווייטער געוויסע פרטים וועגן דער טעטיקייט און אויפגאַבן פון דער „י.מ.ה.א.", זאָגט ווייטער דער אַרטיקל:

„דער גרעסטער טייל מיטגלידער איז ווייניק באַקאַנט מיט דער אַרבעט פון פאַראיין. זיי טראָגן אריין זייער מיטגליד-

אָפּצאָל — 3 אָדער 5 פּעזעס אַ מאָנאַט, — און דערמיט זייִנען זיי יוצא, מער גייט זיי נישט אָן. זאָגער די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וואו די עקזעקוטיווע דאַרף זיך טרעפן פּנים־אל־פּנים מיט די מיטגלידער, באַריכטן זיי וועגן דער אַרבעט און אויסהערן זייערע מיינונגען, — זאָגאַר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען ווערן גאַנץ ווייניק באַזוכט פון די מיטגלידער".

און דורכן ביולעטין, פאַרזיכערט די פאַרוואַלטונג, וועט זי שאַפן אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיט די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דורך דעם ביולעטין, דורך דעם געדרוקטן וואָרט, וועט זיך איינשטעלן אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן די אַקטיווע טוערס פון דער געזעלשאַפט מיט דער מיטגלידער־מאַסע.

און ווי ס'איז צו זען פון דעם סוף פון לייטאַרטיקל, האָט זיך די אַנפירערשאַפט שוין דעמאָלט געהאַט געשטעלט אַמביציעזע אויפגאַבן און פּלענער:

„די „י.מ.ה.א.", — ווערט דאָרטן געזאָגט, — איז די שטאַרקסטע און איינפלוסרייכסטע אָרגאַניזאַציע צווישן דער יידישער קאָלאָניע, זי האָט פאַר זיך ברייטע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן, זי דאַרף זיין די פירערין און טאָנגעבערין פון דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין מעקסיקע! — און דערום איז די קאָאָפּעראַציע און מיטהילף פון אַלע מיטגלידער אונדז זייער נייטיק", — פירט אויס די פאַרוואַלטונג.

אין דעם אייגענעם נומער פון ביולעטין (ד"ה, פון **מאַי 1927, נומ' 1**) רעדט זיך שוין וועגן אַ פּראָיעקט פון שאַפן אַ לייקאַסע, וואָס זאָל העלפן דעם קליינהענדלער מיט גרעסערע הלוואות. דער אויפגעבער פון פּראָיעקט, ד"ר א. קינג (איינער פון די עלטסטע טוער פון דער געזעלשאַפט), פירט אויס אין זיין אַרטיקל וועגן אָט דעם ענין, אַז **„י.מ.ה.א." איז די פּאַסנדסטע אָרגאַניזאַציע פאַר אַזאַ אונטערנעמונג".**

זייער אינטערעסאַנט איז דער מאָטיוו, פאַרוואָס ד"ר קינג האַלט, אַז זי איז די פּאַסיקסטע אָרגאַניזאַציע:

„די אונטערנעמונג מוז געמאַכט ווערן מיט גרויס פאַרזיכט און פּינקטלעכקייט". און ווייטער: „אונדזער קאָלאָניע

> באשטייט פון פארשיידענע עלעמענטן. די מערסטע פון זיי קענען נישט איינער דעם צווייטן, פילע פון זיי באזיצן נישט דעם געפיל פון סאָציאַלער און פינאַנציעלער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט. די „י.מ.ה.א.״ אָבער עקזיסטירט שוין מער ווי פינף יאָר. די מיטגלידער, טרעפנדיק זיך שטענדיק צוזאַמען, קע־נען זיי איינער דעם צווייטן מער אָדער ווייניקער. אויך דער קרעדיט פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר דער גאַנצער צייט איז יעדן איינעם באַוואוסט״.

און דער אַרטיקל־שרייבער פירט אויס, אַז דעריבער איז די „י.מ.ה.א.״ די באַרופענע געזעלשאַפט אויפצונעמען די פראַגע וועגן אַ לייקאַסע. ד״ר קינג מיינט, הייסט עס, אַז דער פרעסטיזש פון דער „יוגנט־געזעלשאַפט״ איז שוין געוואָרן אַזוי גרויס, אַז בלויז זי קאָן זיך אונטערנעמען צו שאַפן אַ קרעדיט־אינסטיטוציע.

ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז דער ערשטער ביולע־טין אַרויסגעגעבן געוואָרן העקטאָגראַפירט. דער ערשטער געדרוק־טער ביולעטין איז דערשינען אין יאָר 1928, ווי אַ ניי־יאָר־נומער. דער נאָמען פון ביולעטין איז געווען **„אונדזער וואָרט״.**

כאַראַקטעריסטיש, אַז דער זשורנאַל האָט אין זיין אַריינפיר־אַר־טיקל אָנגעזאָגט, אַז דער זשורנאַל וועט האָבן אַ שפּאַנישע און ענג־לישע אָפּטיילונג. די ענגלישע ביילאַגע איז געבליבן נישט מער ווי אין פּראָיעקט, און די שפּאַנישע באַשטייט בלויז פון עטלעכע מאָ־גערע זייטלעך. דאָ וועט אויך זיין וויכטיק אָנצואווייזן, אַז דער ערשטער געדרוקטער זשורנאַל האָט פאַרמאָגט עטלעכע און זיבע־ציק זייטן אַנאָנסן פון פאַרשיידענע יידישע אינדוסטריעלע און קאָ־מערציעלע פירמעס. די דאָזיקע אַנאָנסן געבן אונדז אַ שטיקל השגה פון דער יידישער עקאָנאָמיק פון יענער צייט. אגב, דער פּרעצעדענט אַרויסצוגעבן זשורנאַלן מיט אַנאָנסן, וואָס זאָלן דעקן די דעפיציטן פון דער געזעלשאַפט, איז שפּעטער איבערגענומען געוואָרן ביי דער „י.מ.ה.א.״ דורך פאַרשיידענע אַנדערע אינסטיטוציעס (למשל, דער הילפספאַראיין, דער קולטור־צענטער, די האַנדלס־קאַמער פלעגן שפּע־טער אַרויסגעבן זשורנאַלן און געזאַמלט גרעסערע סומעס פון אַנאָנסן, כדי צו דעקן די אָנגעשוואָלענע דעפיציטן).

דער ערשטער נומער פון „אונדזער וואָרט״ זאָגט אָן אין זיין לייטאַרטיקל, אַז דער זשורנאַל **„דאַרף דינען די אינטערעסן פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע אין מעקסיקע און דאַרף זיין געווידמעט איר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט״.**

ווי מיר זעען, האָבן זיך די אַרויסגעבער פון ביולעטין־זשורנאַל שוין געשטעלט דעם ציל צו זיין דער אָרגאַן נישט בלויז פון דער געזעלשאַפט אַליין, נאָר פון גאַנצן ישוב. און אויף וויפל די געזעל־שאַפט איז אין יענע אָנהייב־יאָרן געווען דער צענטער פון ישוב, וואו די מערסטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן האָבן זיך קאָנצענ־טרירט, אויף אַזוי פיל האָט זיך דער זשורנאַל געקאָנט אַזאַ ציל שטעלן, און טיילוויז אים אויך אויסגעפירט.

מיר קאָנען אין זשורנאַל געפינען אַ סך מאַטעריאַל וועגן די פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס די „י.מ.ה.א.״ האָט געפירט, באַזונדערס אויפן קולטורעלן געביט. מיר דערוויסן זיך וועגן פאַרשיידענע פאַר־ווייַלונגען און עפנטלעכע אַרויסטריטן. עס איז אינטערעסאַנט אַ ידיעה, וואָס דער זשורנאַל ברענגט, וועגן קורסן פון **שפּאַנישער שפּראַך**, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָרגאַניזירט אונטער דער אָנ־פירונג פון אַ שפּאַנישן פּראָפעסאָר, מיטן נאָמען **דעמעטריאָ גאַר־סיאַ**, אַ ביבליאָגראַף. דער זשורנאַל דערציילט וועגן אַ **ביוראָ פון זוכן אַרבעט** פאַר נייע אימיגראַנטן און וועגן נאָך הילפסאַרבעט פאַר די פרישע איינוואַנדערער, וואָס די געזעלשאַפט האָט געטאָן, הגם מיט הילפסאַרבעט האָט זיך שוין דעמאָלט פאַרנומען דער עיקר די **„בני־ברית״**.

פון די ערשטע נומערן פון „אונדזער וואָרט״ דערוויסן מיר זיך וועגן דעם, אַז אין די זאַלן פון דער געזעלשאַפט זיינען פאָרגעקומען **טעאַטער־פאָרשטעלונגען** אונטער דער אָנפירונג פון דעם וואַנדערנ־דיק אַרטיסט **מאָריס אייזענבערג**. ווי אייגנאַרטיק דאָס דאָזיקע טעאַטערל זאָל נישט האָבן געווען, לויטן מוסטער פון געוויסע „טעאַ־טערס״ אין אַמעריקע, איז עס דאָך געווען דער אָנהייב און דער אימפּולס פאַר די אַלע, וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַראינטערעסירט מיט יידיש טעאַטער אין מעקסיקע. עס איז אויך אַ באַווייז, אַז די געזעלשאַפט „י.מ.ה.א.״, האָט זיך אין יענע יאָרן גענומען צו אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות מיט יידיש לעבן.

דעם אינטערעס, וואָס די געזעלשאַפט האָט אַרויסגעוויזן פאַר יידישע קולטור־פּראָבלעמען און פאַר יידישער שעפערישקייט, באַ־ווייזט דער פאַקט, אַז שוין אין יאָר 1927 איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דעם **ערשטן געדרוקטן בוך** פון דריי היגע יידישע פּאָעטן — **בערלינער** — **גלאַנץ** — **גליקאָווסקי** — וועל־כע האָבן דעמאָלט צוזאַמען אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן נאָמען **„דריי וועגן״**.

ווי מיר דערוויסן זיך פון א נאָטיץ אין דעם זשורנאַל, איז דער אָוונט געווען „אַ גוט באַזוכטער" און ער האָט געהאַט גרויס דער־פאָלג. די אָפּשאַצונג פון די ווערק וועגן די דיכטער האָט געגעבן **סאַלאָמאָן קאַהאַן**; וועגן די פּאָעטן האָט אויך גערעדט **אליהו כיניטש**. פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען **מ. ווערלינסקי**.

דער זשורנאַל אינפאָרמירט אונדז אויך, אַז די געזעלשאַפט האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ספּאָרטאַרבעט פאַר דער יידישער יוגנט.

ז.

שטרייטיקייטן און ענדערונגען

אין יאָר 1928 קומען פאָר געוויסע ענדערונגען אין דער געזעל־שאַפט, מיט דעם וואָס אין איר זיינען אַריינגעטראָטן אַלס מיט־גלידער אַ סך מענטשן פון דער נאָר־וואָס אונטערגעגאַנגענער „קול־טור־געזעלשאַפט"*.

דאָס ערשטע, וואָס די דאָזיקע נייע עלעמענטן האָבן אויפגעטאָן, איז געווען צו בייטן דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט, צוגעבנדיק אים אַ מער יידישלעכן אויסזען. מען האָט די געזעלשאַפט משנה שם געווען אויף „יוגנט־געזעלשאַפט", וואָס דאָס איז, אין תוך, אַ פאַר־יידישונג פון אַלטן נאָמען „יאַנג מען היברו אַסאָסיעישאָן".

דער ריין „יידישיסטישער" צוגאַנג וואָס די נייע צוגעקומענע מיט־גלידער און טוער האָבן געוואָלט אַריינברענגען אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך שוין במשך פון יאָרן געהאַט געשאַפן אַ געוויסן נוסח פון אַרבעט, מער אין כלל־נאַציאָנאַלן גייסט, ווי אויך אַנדערע ענ־דערונגען, וועלכע די ראַדיקאַלערע עלעמענטן האָבן געוואָלט מאַכן, — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן שטרייטיקייטן און אַ געוויסן קריי־זיס, וואָס האָט זיך געענדיקט דעמיט, אַז די בונדיסטישע עלעמענטן האָבן געמוזט צוריק אַרויסגיין פון דער יוגנט־געזעלשאַפט, מיטנע־מענדיק מיט זיך עטלעכע פון די עלטסטע טוער, ווי ד"ר קינג און מ. טעמפּעל.

---

* די דאָזיקע „קולטור־געזעלשאַפט", וואָס האָט שוין עקזיסטירט פֿון עטלעכע יאָר (פון 1922 אָדער 1923?), איז שוין געווען די צווייטע פאַזע פון דער אָרגאַניזאַציע. די ערשטע פאַזע איז געווען דער „י. ל. פּרץ־פאַראיין", געגרינדעט דורך בונדיסטן, איבערגעקומענע פון פּוילן. אין 1927 האָט זיך די „קולטור־געזעלשאַפט" געשפּאָלטן: די לינקע עלעמענטן האָבן געשאַפן דעם „ראַדיקאַלן אַרבעטער־צענטער", און די רעכטערע (וואָס זיינען באַשטאַנען דער עיקר פון בונדיסטן), זיי זיינען דאָס אַריינגעטראָטן אין דער „י.מ.ה.א.".

די אַלע געשעענישן רופן אַרויס אַ געוויסע אָפּשוואַכונג פון די טעטיקייטן, אַן אָפּאַטיע אויף אַ שטיקל צייט.

אַ שטיקל בילד פון דער לאַגע אין דער געזעלשאַפט צו יענער צייט קריגן מיר פון דעם אַרטיקל, וואָס דער דעמאָלטיקער פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט, סעם ווישניאַק, האָט פאַרעפנטלכעט אין דעם זשורנאַל „אונדזער וואָרט" פון ניי־יאָר 1930. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל רעדט זיך וועגן דער טעטיקייט פון דער יוגנט־געזעלשאַפט פאַר דער צווייטער העלפט פון 1929טן יאָר:

„....אָנהייבנדיק פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, מיט אַ זעקס מאָנאַט צוריק (מאַי 1929), אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ 3—4 אַלטע מיטגלידער און אַ פּאָר צענדליק נייע מיטגלידער, צוליב וועלכן עס איז קיין גרויסער אויסוואַל פון אויסגעפּרואווטע מיטגלידער, זיי צו שיקן אין דער פאַרוואַלטונג, נישט געווען, — און דערפאַר דער איצטיקער נישט־נאָרמאַלער צוזאַמענשטעל. ביז די באַריכט־פאַרזאַמלונגען, אין פאַרלויף פון די זעקס מאָנאַטן *, וואו עס האָט זיך נישט איינגעגעבן קיין מאָל צוציען אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, — באַווייזט בולט, אַז די באַציונג פון (צום?) קלוב איז ווייט פון אַן ערנסטע".

אין אַ האַלב יאָר שפּעטער קומט, זעט אויס, פאַר אַן ענדערונג אין די שטימונגען, עס הייבט זיך אָן אַן אויפלעבונג, וואָס קריגט אַן אָפּשפּיגלונג טאַקע אין דעם אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט. אין „אונדזער וואָרט" נומער 28 (יולי 1930) געפינען מיר שוין אַן אָריענטירנדיקן אַרטיקל אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג, מיט אַ מונטערן רוף צו אַקטיווער אַרבעט און מיט אַן אָנווייזונג אויף דער גרויסער ראָליע, וואָס די „יוגנט־געזעלשאַפט" דאַרף שפּילן אין דעם ישוב.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן פון ה. ראַכעס. הגם ה. ראַכעס איז נישט געווען פון די אַלטע טוער אין דער געזעלשאַפט, נאָר פון די צוגעקומענע, איז צו זען פון דעם, וואָס ער שרייבט דעם לייט־

*) פאַר אָט דער צייט איז פּאַקטיש נישט געווען מער ווי איין באַריכט־פאַרזאַמלונג. אפשר האָט דער מחבר געמיינט געוויינלעכע פאַרזאַמלונגען אין קלוב, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט גערופן, און עס זיינען נישט געקומען קיין סך מיטגלידער.

אַרטיקל פון זשורנאַל, אַז ער איז שוין, ווייזט אויס, געווען פון די פירנדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע טוערם פון דער געזעלשאַפט.

צוערשט באַרירט ה. ראַכעם אין זיין אַרטיקל די פראַגע וועגן דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט. זעט אויס, אַז אין געוויסע קרייזן איז נאָך געווען שטאַרק די טענדענץ צו בלייבן ביים אַלטן און טראַדיציאָנעלן נאָמען „י.מ.ה.א.", — און דער מחבר פון לייטאַרטיקל פּאַלעמיזירט מיט דער דאָזיקער מיינונג און ער שרייבט:

„...עס נישט קיין פראַגע פון אַ נאָמען (בלויז), נאָר אויך פון אינהאַלט פון דער געזעלשאַפט, אַ פראַגע פון אַ ברייטן פּאַרנעם, וואָס שפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל פאַרן גאַנצן יידישן ישוב פון מעקסיקע".

דער שרייבער שטרייכט דאָ אונטער, אַז דער נאָמען דאַרף אויסדריקן דעם אינהאַלט פון דער טעטיקייט. אויב „י.מ.ה.א." — איז עס נאָך אַלץ פון דעם טיפּ אַמעריקאַנער „ווייטמעטשיים"; אויב „יוגנט־געזעלשאַפט", מיינט עס: יידיש־פאָלקסטימלעך, מיט אַ קולטורעלער אָריענטאַציע אויף דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

ווייטער שרייבט דער מחבר פון לייטאַרטיקל, ה. ראַכעם, וועגן די צילן און אויפגאַבן דער געזעלשאַפט: „**צווישן ענגע קרייזן פון אונדזער קלוב איז דאָס פיל דיסקוטירט געוואָרן; פלענער זיינען געבראַכט געוואָרן פאַרשיידענע, און נאָך אַנדערע וועלן מסתמא פאַרגעבראַכט ווערן**". און ער קומט צום אויספיר, אַז „**די צילן און טעטיקייט פון דער היינטיקער „יוגנט־געזעלשאַפט" זיינען נישט די זעלביקע, ווי די צילן און טעטיקייט, וואָס האָבן זיך פאַרגעשטעלט די גרינדער פון י.מ.ה.א.**". דער ה. ראַכעם מאַכט אויף זיין שטייגער קלאָר, וואָס פאַר אַ מיני אויפגאַבן זיינען עס געווען יענע פון דער „י.מ.ה.א.". זיי זיינען, לויט אים, געווען דער עיקר פון פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. ה. ראַכעם באַגרינדעט עס אויף דעם ווייטערדיקן אופן:

„...מע האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ קליינע גרופּע מענטשן, איינגעשלאָסן אין זייער איינענעם קרייז, וואָס זאָל אַרבעטן לטובת הכלל, דאָס הייסט, לטובת די יעניקע, וואָס שטייען אויסער דער „י.מ.ה.א.". און אַזוי האָט זיך טאַקע פון אָנהייב געפירט די אַרבעט פון אונדזער געזעלשאַפט, ביז די צייט האָט

באוויזן, אז עס מוז קומען א ראדיקאלע אומענדערונג אינעם גאנצן תוך און סיסטעם פון אונדזער טעטיקייט. די „י.מ.ה.א." האט איינגעזען, אז זי קאן זיך נישט אויסבאהאלטן פון דער מאסע און זי איז אויך, אין דער זעלבער צייט, נישט בארופן צו זעטיקן די עמיגראנטן־באפעלקערונג מיט א פילאנטראפי־שער באציונג, — און דעמאלט איז געקומען די ענדערונג".

מיר האבן געבראכט די ארויסזאגונגען פון ה. ראכעמס לייט־ארטיקל, אזוי ווי זיינען געדרוקט, הגם ס'איז נישט קלאר פון זיי, אין וואס זעט ער די „פילאנטראפישע באציונג" און אין וואס אייגנט־לעך עס איז געקומען צום אויסדרוק די ענדערונגען אין דער סיס־טעם פון ארבעט, וואס ראכעם רעדט וועגן זיי. עס ווייזט זיך אבער יא ארויס פון דעם לייטארטיקל ראכעמס, אז אין דער געזעלשאפט איז געבליבן די השפעה פון דעם ראדיקאלן עלעמענט, דעם שנעל געקומענעם און שנעל אוועקגעגאנגענעם. און וואס שייך די פאק־טישע ענדערונגען, מיינט ער אפשר דעם קער צו א מער יידישלע־כער, פאלקסטימלעכער אריענטאציע אין דער ארבעט פון דער גע־זעלשאפט. אין דעם נוסח פארענדיקט טאקע ה. ראכעם זיין פרא־גראם־ארטיקל:

„...אונדזער וועג איז: יידישע, דעמאקראטיש־געזעלשאפט־לעכע, קולטורעלע ארבעט אין מעקסיקע".

אין די נאטיצן, באריכטן און ארטיקלען פון דעם ביולעטין ווערן פארצייכנט א ריי טעטיקייטן פון דער געזעלשאפט, במשך די יארן 1929—1930, וואס טראגן ווייט נישט קיין „ריין פילאנטראפישן כאראקטער".

עס האט דעמאלט עקזיסטירט ביי דער געזעלשאפט אן **ארבעטס־פארמיטלונג־ביורא**. עס ווערט אנגעוויזן, אז בלויז אין דער צווייטער העלפט פון יאר 1929 זיינען אין דעם ביורא פאררעגיסטרירט גע־ווארן 25 פערזאן פון פארשיידענע פאכן, וואס האבן געזוכט אר־בעט, און אז ארבעט האט מען במשך פון דער זעלבער צייט געשאפן אויך פאר 25 עמיגראנטן. (א שאד בלויז, וואס דער אייגענער בא־ריכט גיט נישט אן, וואס פאר א מין ארבעט מע האט פאר זיי געקריגן, — דאס וואלט אונדז קלארער געמאכט, ביי וואס מע האט דעמאלט באשעפטיקט די עמיגראנטן אין דער ערשטער צייט. אויף וויפל איך געדענק, איז דער רוב געווען נאדל־ארבעטער).

צו יענער צייט האָט זיך שוין אויך געהאַט געגרינדעט די לײַ־קאַסע פֿאַר מיטגלידער, געשאַפֿן פֿון דעפּאָזיטן פֿון פֿאַרמעגלעכערע מיטגלידער (און דאָס איז דאָך אַ טעטיקייט, וואָס טראָגט דעם כאַ־ראַקטער פֿון קעגנזײַטיקער הילף), און עס פֿלעגן אַרויסגעגעבן ווערן הלוואות די מיטגלידער אין דער סומע ביז טויזנט פֿעזעס.

קיין „פֿילאַנטראָפּישן" כאַראַקטער האָט אויך נישט געהאַט די פֿאַרצווייגטע (לויט ווי פֿאַר די מעגלעכקייטן און מענטשן־כוחות פֿון יענער צייט) טעטיקייט אויפֿן קולטורעלן געביט, וואָס וועגן איר ווערט כסדר אינפֿאָרמירט אין דעם זשורנאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט „אונדזער וואָרט". און דער זשורנאַל אַליין איז אויך געווען אַ קול־טור־געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע.

דער זשורנאַל איז במשך פֿון דער צייט געוואָרן רעדאַגירט דורך פֿאַרשיידענע פּערזאָנען. דער סאַמע ערשטער רעדאַקטאָר איז געווען אליהו־חיים כּיניטש. שפּעטער זײַנען געווען מ. װערלינסקי (מיט דער באַטייליקונג פֿון יעקבֿ גלאַניץ), יוסף ווינייעצקי. די זיבן נומערן, וואָס זײַנען דערשינען פֿאַר דער צייט צווישן 1929—1930, בעת דער זשור־נאַל פֿלעגט אַרויסגיין יעדן חודש, זײַנען רעדאַגירט געוואָרן דורך משה ראָזענבערג (דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פֿון דער וואָכנט־לעכער צײַטונג „דער וועג"), כאָטש אויפֿן זשורנאַל זײַנען אָנגעגעבן אַנדערע נעמען. דאָס זײַנען אָבער געווען נישט מער ווי די נעמען פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וואָס האָבן צום רעדאַגירן קיין שייכות נישט געהאַט.

ז.

יאָרן פון פאַרברייטערטער טעטיקייט (1930־1939)

אין א געוויסער צייט אַרום איז דער געזעלשאַפט געלונגען אַרויס־צוגיין פון די אויבן דערמאָנטע שוועריקייטן און זי איז אַריינגע־טראָטן אין אַ נייעם פעריאָד פון אַנטוויקלונג און אויסגעברייטער־טער טעטיקייט.

די פאַרוואַלטונג ווערט אין יאָר 1931 אויסגעברייטערט. עס קו־מען אַריין נייע טוערס און עס קומען צוריק צו דער אַרבעט אַ טייל פון די אַלטע אַקטיוויסטן, אפילו פון די גרינדערס פון דער געזעל־שאַפט. עס קלייבן זיך צונויף ביי דער אַנפירונג מענטשן פון פאַר־שיידענע ריכטונגען, וואָס ברענגען אַריין אַ סך לעבן אין דער טע־טיקייט פון דער געזעלשאַפט.

פון די אַלטע טוערס קומען צוריק, צווישן אַנדערע, **סעם זויש־ניאַק**, זיין ברודער **סאָל זווישניאַק, מ. ברעסלאַוו**; פון די נייע, וואָס האָבן זיך אַקטיוויזירט אין דער אַרבעט, טרעפן מיר **פסח ליסקער, אַדאָלפאַ גוטמערג, ס. מייזנער, די ברידער רובינשטיין, ט. רעזניקאָוו, מרדכי קאָראָנאַ**. עס זיינען ווידער טעטיק **י. ראָסטענבערג, מ. דרשן, א. לאַסק, יולי לאַסקי, מנחם בידערמאַן** (וועלכער האָט אַ סך אויפ־געטאָן פאַר דער ביבליאָטעק און קולטור־אַרבעט בכלל).

אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד (1931־1933 און אויך שפּעטער) ווערט אין דער „יוגנט־געזעלשאַפט" געפירט אַ סיסטעמאַ־טישע און פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן, בפרט אויפן קולטורעלן. עס קומען פאָר כסדר די אַזוי גערופענע „קולטורע־לע דאָנערשטיקן" — רעפעראַטן, לעקציעס, שמועסן, דיסקוסיעס אד"גל. פון צייט צו צייט פלעגן איינגעאָרדנט ווערן קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען און פאַרוויילונגען. עס איז געפירט געוואָרן אַ טע־טיקייט אויפן ספּאָרט־געביט.

אַ שטיקל אַריינבליק אין דער טעטיקייט פון יענעם פעריאָד קאָנען מיר קריגן פון דעם ספּעציעלן נומער פון דעם ביולעטין פון דער געזעלשאַפט „אונדזער וואָרט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יולי 1932, צו דער פאָרשטייענדיקער באַריכט־פאַרזאַמלונג און

וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע פראַגמענטן פון דעם באַריכט־אַרטיקל, וואָס עס פאַרעפנטלעכט אין דעם דאָזיקן ביולעטין דער דעמאָלטיקער פרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, **סעם ווישניאַק**. אין דעם דאָזיקן באַריכט קומען צום אויסדרוק די וויכטיקסטע פראַ־בלעמען, מיט וועלכע עס האָט אין יענער צייט געהאַט צו טאָן די געזעלשאַפט און אירע טוערס.

„...די פאַרוואַלטונג פון ערשטן פעריאָד 1932 האָט פאַר־ענדיקט איר אויפגאַבע, זי טרעט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר נייע מענטשן, נייע טוערס, וואָס די נאָענטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וועט אויסקלייבן און וועלכע וועלן האָבן די פליכט אָנצופירן מיט דער געזעלשאַפט אין משך פון צווייטן פעריאָד 1932. די איצטיקע פאַרוואַלטונג פאַרענדיקט איר אויפגאַבע, אָבער בשום אופן נישט איר אַרבעט. אַ סך זאַכן בלייבן נאָך איבער פאַר דעם נייעם קאָמיטעט צו באַטראַכטן, צו באַשליסן און אויס־פירן, — זאַכן וויכטיקע, פון אומבאַדינגטער נויטווענדיקייט פאַר אונדזער געזעלשאַפט" (...)

ווייטער ברענגט דער מחבר פון אַרטיקל אַרויס, וועלכע עס זיי־נען, לויט דער מיינונג פון דער אָפּטרעטנדיקער פאַרוואַלטונג, די וויכטיקסטע פראָבלעמען, וועלכע די נייע פאַרוואַלטונג וועט אין דער ערשטער ריי דאַרפן לייזן.

אַ וויכטיקער ענין, וואָס ווערט אַרויסגערוקט אין דעם באַריכט־אַרטיקל, איז די פראַגע, ווי אַזוי צו סאַנירן דעם בודזשעט פון דער געזעלשאַפט. פון דעם באַריכט ווערט קלאָר, אַז מיט די פינאַנצן פון דער געזעלשאַפט האָט עס, נישט געקוקט אויף דער פאַרצווייגטער טעטיקייט — און אפשר טאַקע ווי אַ פועל־יוצא דערפון — גע־האַלט נישט גאָר גוט.

מיר ווערן געוואָר, אַז די אָפּטרעטנדיקע פאַרוואַלטונג האָט אי־בערגענומען בירושה פון דער פריערדיקער (פון 1931) אַ דעפיציט מיט חובות אין דער סומע פון העכער 2 טויזנט פעזעס. דער פאַרוואַל־טונג איז, זעט אויס, נישט געלונגען דעם דעפיציט צו דעקן און, ווי עס שרייבט דער באַריכט־אָפּגעבער אין „אונדזער וואָרט", **„דעם זעלבן חוב וועלן מיר זיין געצוואונגען איבערצוגעבן אויך דער נייער פאַרוואַלטונג, צוליב די ספּעציעלע גרויסע אויסגאַבן, וואָס מיר האָ־**

בן געמאַכט דאָס יאָר פאַר אונדזער ספּאָרט־סעקציע „מכבי" און אויף איבערצובויען און פאַרגרעסערן דעם קלוב".

...„די נייע פאַרוואַלטונג וועט דערפאַר מוזן נעמען אויף זיך צו ניוועלירן אונדזער בודזשעט, בכדי דעם אויבן דערמאָנטן חוב צו מאַכן פאַרשווינדן. און דאָס קאָן זי טאָן דורך צוויי מיטלען: 1) אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט צו שאַפן אַנאָנסן פאַרן נײַ־יאָר־נומער פון „אונדזער וואָרט" און 2) אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג אויפצומאָנען דעם אָפּצאָל פון די מיטגלידער(...) אַט די טעטיקייט איז נישט אַזאַ שווערע, ווי אַנדערע שטעלן זיך פאָר, — דערפאַר איז זי אָבער וויכטיק פאַר אונדזער געזעלשאַפט. און מיר האָפן, אַז די קומענדיקע פאַרוואַלטונג וועט עס דורכפירן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט".

דער באַריכט אַרטיקל רוקט אַרויס נאָך אַן אויפגאַבע — **דאָס איז „צו רעגולירן אָדער רעגלאַמענטירן די אַרבעט פון „מכבי"(...) עס מוז אויסגעאַרבעט ווערן אַ פּראָגראַם פון צוזאַמענאַרבעט פון אונדזער ספּאָרט־סעקציע מיט דער פאַרוואַלטונג, בכדי עס זאָל הערשן האַרמאָניע און פּראָגרעס צווישןביידע קערפּערשאַפטן".**

געענוי, אין וואָס עס זיינען באַשטאַנען די חילוקי־דעות אָדער „ניט־האַרמאָנישקייט" צווישן ביידע קערפּערשאַפט, — גיט דער באַריכט ניט אָן, ווייל **„עס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל איינצלהייטן, אַז מיר קאָנען זיך נישט דערלויבן עס צו טאָן אויף דעם פּלאַץ".** דער מחבר דריקט אָבער אויס דעם פּאָסטולאַט, אַז די קומענדיקע פאַרוואַלטונג וועט עס מוזן טאָן, **אַרומרעדן דעם ענין מיט ביידע צדדים און דערליידיקן „צו גונסטן פון ביידע צדדים".**

נאָך אַ פּראָבלעם רוקט אַרויס דער באַריכט אין פאָדערגרונט, און דאָס איז —

...„דער וויכטיקער פּראָבלעם פון אונדזער געזעלשאַפט איז די פראַגע פונעם יוגנט־קלוב ביי דער יידישער שולע, וועלכער אַרבעט אין לאָקאַל פון אונדזער געזעלשאַפט(...) גראָד דאָס איז אַ פּראָבלעם אַן אָנגעוויטיקטער פאַר אונדז. עס איז קיין צווייפל נישט, אַז די טעטיקייט פון יוגנט־קלוב איז זייער אַ וויכטיקע און דאַנקבאַרע פאַר דער יידישער יוגנט. אָבער אין דער זעלבער צייט איז די דאָזיקע טעטיקייט פאַרבונדן מיט פיל שטערונגען פאַר אונדזער אייגענער אַרבעט. די פאַרוואַל־

טונג האָט ביי עטלעכע געלעגנהייטן די זאַך באַטראַכט, און אפילו אַנגענומען באַשלוסן. אין דער ווירקלעכקייט (אָבער) שטייט נאָך די פראַגע אָפן פאַר דער נייער פאַרוואַלטונג, וועלכע וועט מוזן זוכן די נייטיקע און בעסטע מיטלען ווי (זי) צו לייזן".

דער מחבר פון באַריכט-אַרטיקל פאַרענדיקט דערמיט, אַז ניט אַלע פּראָבלעמען האָט ער אויסגערעכנט, אַז עס זיינען פאַראַן נאָך אַ סך וויכטיקע פראַגן, ניט דערמאָנטע אין באַריכט, וועלכע „די אַרבעט אַליין וועט אָנווייזן דער קומענדיקער פאַרוואַלטונג".

ווי ס'איז צו זען פון דעם ציטירטן אַרטיקל (וואָס איז אי אַ באַריכט אי אַ מין פּראָגראַם) פון דעמאָלטיקן פּרעזידענט פון דער יוגנט-געזעלשאַפט, זיינען פאַר איר געשטאַנען קודם כל צוויי פּראָבלעמען: ברענגען אין אָרדענונג דעם בודזשעט פון דער אינסטיטוציע; די אַרבעט פון דער ספּאָרט-סעקציע ביי דער געזעלשאַפט און די פּראָבלעמען פון דער יוגנט בכלל. די דאָזיקע פּראָבלעם האָט שוין אַריינגענומען אין זיך סיי די אַרבעט אין „מכבי", וואָס איז געווען אַן אָפּטיילונג, אַ סעקציע פון דער יוגנט-געזעלשאַפט גופא, און איז דורך איר אָנגעפירט געוואָרן, סיי דעם יוגנט-קלוב פון דער יידישער שולע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָרגאַניזירט ערשט, און איז געווען בלויז אַ לאָקאַטאָר אין די ווענט פון דער יוגנט-געזעלשאַפט.

עס איז סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דער סטאַדיע אין דער אַנטוויקלונג פון דער זעלבער געזעלשאַפט, וואָס איז דאָך אייגנטלעך אַנטשטאַנען ווי אַ געזעלשאַפט פון יוגנטלעכע, אַז זי הייבט שוין אָן צו האָבן שוועריקייטן מיט דער... יוגנט, און ס'איז קלאָר פאַר וואָס: עס איז שוין אויפגעקומען אַ נייע יוגנט — דער צווייטער דור. עס זיינען שוועריקייטן — פון וואוקס און פון „עלטקייט", אַזוי צו זאָגן, אין דעם פּאָזיטיוון זינען פון דעם באַגריף. דער ישוב איז זיך צעוואַקסן, עס זיינען אויפגעקומען נייע אינסטיטוציעס, נייע באַדערפענישן און נייע בליקן — פאַרשיידנאַרטיקע — ווי אַזוי זיי צו לייזן. די ווענט פון דער געזעלשאַפט זיינען געוואָרן ענג אין פּשוטן און אויך סימבאָלישן זינען פון וואָרט אויף אַריינצונעמען דאָס אַלץ, וואָס איז אין יידישן ישוב אויפגעקומען און געדאַרפט אויפקומען, אין נייע — אַנדערע צייטן.

היפּשע עטלעכע יאָר האָט נאָך די „יוגנט-געזעלשאַפט" געאַרבעט און געווירקט פּאָזיטיוו אין יידישן ישוב אין מעקסיקע, שוין

ניט אַלע איניציאַטיוועס און פּלענער, ברייט פֿאָרמאַסטענע, איז די טור־ערם פֿון דער געזעלשאַפֿט געלונגען צו רעאַליזירן — זיי זיינען ערשט שפּעטער געוואָרן אַ פֿאַקט (למשל, די אידעע וועגן אַ צענטראַלער רעפּרעזענטאַנץ פֿון יידישן ישוב, וועגן אַ יידישער קהילה א״א). אָבער עס בלייבט אַ היסטאָרישער פֿאַקט, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפֿט האָט אָפּגעשפּילט אַ דעציידירנדיקע און פּאָזיטיווע ראָליע אין דעם אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען דעם ישוב — געזעלשאַפֿטלעך, עקאָנאָ־מיש און קולטורעל. צענדליקער און צענדליקער זיינען די טוערס זיי־נע, וואָס האָבן שפּעטער זיך אַריבערגעוואָרפֿן אויף אַנדערע געביטן פֿון עקאָנאָמישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, געשאַפֿן פּאָזיציעס און אינסטיטוציעס, * וואָס צוזאַמען גענומען שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר דעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אין מעקסיקע פֿון היינט.

---

* עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז נאָך אין 1942 איז אויפֿגעקומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ יידישן ספּאָרטצענטער. דהיינו, דעם 26 יוני פֿון דעם יאָר, איז לויט דער איניציאַטיוו פֿון דעם שרייבער פֿון די שורות און פֿון דעם איידעם זיינעם, יצחק בעסודאָ, צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ באַראַטונג פֿון אַ גרופּע פּערזאָנען (טאַקע אין הויז פֿון בעסודאָ), בשעת וועלכער עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַן „אָרגאַניזיר־קאָמיסיע צו גרינדן אַ יידישן ספּאָרט־קלוב". אין דער דאָזיקער קאָמיסיע זיינען אַריין: לעאָן סוראַסקי, האַרי מאַ־זאַל, יצחק בעסודאָ, גרעגאָריאָ שאַפּיראָ, ד״ר אַדאָלפֿאָ פֿאַסטליכט, באָריס סיגאַל, אינזש. מיכאל כיניטש. גלייך אויפֿן אָרט איז געזאַמלט געוואָרן די סומע פֿון 15 טויזנט פּעזעס. צווישן די באַשטייערער זיינען געווען די הערן לעאָן וויינשטאָק ($2000), לעאָן סוראַסקי ($5000), האַרי מאַזאַל ($1200), יוסף בענבאַסאַט, יצחק בעסודאָ, אַדאָלפֿאָ פֿאַסטליכט (צו $1000), וויליאַם מאיער, גבריאל ראָזענטאַל, גרעגאָריאָ שאַפּיראָ, מיכאל גפן, וויקטאָר מי־טראַני, קורט קאיזער, מיכאל כיניטש, באָריס סיגאַל, דוד יום־טוב, מיכאל פּאַלאַטשי, כוליאָ גימפּעל, אַלפֿרעד פּאָללאַק, עמנואל שמילל, פּעדעריקאָ בלומענטאַל. די דערמאָנטע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע איז גלייך צוגעטראָטן פּראַקטיש צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און עס איז שוין אפילו איינגעקויפֿט געוואָרן אַ היפּשער פּלאַץ. ליידער, זיינען דערנאָך אַרויסגעשוואומען פֿאַר־שיידענע שוועריקייטן; עס איז נאָך, זעט אויס, בכלל דער ענין געווען פּריציייטיק דורכצופֿירן, — דעריבער איז פֿון דער דעמאָלטיקער איניציאַ־טיוו נאָך נישט אַרויסגעקומען קיין קאָנקרעטע רעזולטאַטן, און די באַשטייע־רונגען זיינען אומגעקערט געוואָרן צו די מנדבים. שפּעטער איז דער פּלאַן ווידער אויפֿגענומען געוואָרן, נישט מיט קיין קליינעם אָנטייל מצד אַ סך פֿון די ערשטע איניציאַטאָרן, און עס איז אויפֿגעבויט געוואָרן דער היינטיקער שיינער ספּאָרטצענטער.

קאַפּיטל דריי

„נדחי־ישראל“

א.

די בענקשאַפט נאָך אַ תורה-צענטער

אין די ערשטע יאָרן האָט דער „יאַנג-מען׳׳-לאָקאַל אויך געדינט פאַר אַן אָרט, וואו עס האָבן זיך אויסגעלעבט רעליגיעזע יענע יידן, וואָס האָבן דאָס געדאַרפט. אפילו ווען מען איז שוין געווען אויף טאַקובאַ 15, פלעגט מען נאָך דאָרטן איינאָרדענען מנינים, ספּעציעל אויף ימים-נוראים. צוליב די ספּעציפישע באַדינגונגען אין לאַנד פון יענער צייט האָט מען ראש השנה און יום-כיפור גערופן „נאַציאָ-נאַלע יום-טובים׳׳ און מע פלעגט באַקומען אַ דערלויבעניש זיי אָפּ-צוריכטן בפרהסיה. אין קלוב פלעגט מען אויך פּראַוועוען שמחות, למשל, חתונות, — הגם אין יענע אָנהייב-יאָרן זיינען נאָך חתונות ביי יידן געווען אַ זעלטנהייט.

עס זיינען אָבער גלייך ביים אָנהייב פון דער איינוואַנדערונג גע-ווען אַ צאָל יידן — און זייער צאָל איז אַלע מאָל געוואַקסן — וועל-כע האָבן געגאַרט צו אַ שלימותדיקן עכט יידישן רעליגיעזן אויס-לעבן זיך און זיי האָבן געבענקט נאָך אַ תורה-צענטער — אַ בית-מדרש, אַן אמתע יידישע שול, לויטן שטייגער פון דער אַלטער היים, וואוהין מע זאָל קאָנען אַלע טאָג קומען צו אַ מנין, שבת — קריגן אַן עליה, קאָנען אָפּריכטן אויף אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער אַ יאָר-צייט אד״גל. גלייכצייטיק האָבן אָט די יידן בכלל געשטרעבט צו אָרגאַניזירן זיך, ווי עס האָט זיך געפירט פון דורות, אין אַ „קהילה קדושה׳׳, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו פירן זיך אין דער יידישער טראַ-דיציע: אָפּצוהיטן כשרות און טהרת המשפחה, צו האָבן אַ רב, אַ שוחט, צו שאַפן אַ בית-החיים, צו לערנען און דערציען קינדער אין יידישן גייסט און אַזוי ווייטער.

די דאָזיקע עלטערע יידן האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַר-בעט און אָנגעהויבן לייגן די יסודות פון אַזאַ רעליגיעזן לעבן אין נוסח פון די יידישע קהילות און חברות אין מזרח-אייראָפּע. עס איז נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער יונגער דור עמיגראַנטן האָט אַרויסגעוויזן די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר די שטרעבונגען פון זייערע טאַטעס און האָט זיי געהאָלפן אַ סך אין זייערע באַמיונגען.

אַזוי אַרום זיינען אין אַ קורצער צייט אויפגעקומען מנינים און חברות, און איינע פון זיי האָט מיט דער צייט זיך צעוואקסן און אַנטוויקלט אין אַ גרויסער, פאַרצווייגטער אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט באַפרידיקן די רעליגיעזע הצטר־כותן פון אירע מיטגלידער, נאָר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פיל אַנדערע טעטיקייטן אויפן געביט פון סאָציאַלער הילף, חינוך א״א — אגב, טאַקע ווי עס האָבן דאָס געטאָן יידישע קהילות אין איי־ראָפּע.

דאָס איז געווען די חברה„ נדחי־ישראל”, וואָס איר נאָמען טראָגט אויך די היינטיקע, שוין מאָדערנע, אשכנזישע יידישע קהילה אין מעקסיקע.

ב.

„עת לעשות!"

כדי צו באַקומען אַ באַגריף וועגן די שטימונגען און בענקשאַפטן פון דעם רעליגיעזן טייל איינגעוואַנדערטע יידן און טאַקע, אגב, צו ווּיסן, וואָס עס איז געווען דער דירעקטער שטוים צו דער גרינדונג פון דער חברה „נדחי־ישראל" און צו פאַרשטיין די געשיכטע פון איר אַ ביסל מאָדנע נאָמען (וואָס רופט נאָך עד היום אַרויס אומצופרידנקייט, באַזונדערס ביים יונגן דור, וואָס קען נישט די געשיכטע פון יענע שווערע, אָבער אינטערעסאַנטע יאָרן פון אָנהייב), — איז כדאי צו ברענגען אָן אָריגינעלן דאָקומענט: דאָס איז דער פּראָטאָקאָל (אייגנטלעך אַ מין אויפרוף) פון דער ערשטער, דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער חברה*.

„בע"ה

„דינסטיק, חוה"מ פסח, יאָר 1922, אין מעקסיקע הויפטשטאָט.

„צוליב דער סיבה, וואָס ס'האָט געפעלט אַ גייסטיקער צענטער פאַר רעליגיע און תורה, און אויך אַ בית־תפילה;

„ווייל ס'האָט אונדז באַוויזן די פּראַקטיק, אַז מיר האָבן נישט צו האָפן אויף אַ גאַסטפריינדלעכקייט און דערנעענטערונג מצד אונדזערע ברידער יידן, וואָס וואוינען דאָ, די יידן פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע האָבן אימיגרירט אהער, מיט 20 יאָר צוריק, ווי מיר היינט, און זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, און אָנשטאָט גוט־פריינדשאַפט, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אַרויסווייזן צו זייערע אייראָפּעישע ברידער — קרבנות פון דער בלוטיקער מלחמה און געליטענע פון פּאָגראָמען, — האָבן זיי אָפּגעשטויסן מיטביידע הענט און געקוקט אויף זיי מיט שנאה**.

---

* דער פּראָטאָקאָל איז געשריבן אין לשון־קודש.

** די דאָזיקע שילדערונג פון דער באַציונג מצד די ספרדים איז בפירוש איבערגעטריבן און שטימט נישט מיט דעם אמתן מצב. עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן „שנאה" און „אָפּשטויסן". איך פּערזענלעך קאָן עדות זאָגן

„און אמיינסטן האָט געווירקט דער טרויעריקער און דער אומגלייבלעכער פאַל, אַז פּורים פון דעם יאָר, ווען מיר האָבן געלייענט די מגילה אין דער שול פון יענע ספרדים, — זייַנען אַריינגעקומען אַ 25 ספרדישע יידן און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן צו וואַרטן, ביז מיר וועלן ענדיקן לייענען די מגילה, און מיט חוצפּה האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען אויף משונהדיקע קולות, מיט דער כוונה צו שטערן, ביז — צו אונדזער ווייטיק און חרפּה — מיר זענען געווען געצוואונגען איבערצורייסן דאָס לייענען און פאַרענדיקן אין אַן אַנדער הויז; —

„דאָס אַלצדינג האָט אונדז געלערנט, אַז ס'איז „עת לע־שות" — ס'איז געקומען די צייט צו טאָן און צו זאָרגן פאַר זיך אַליין: צו שאַפן עפּעס אַן אייגענעם צענטער פאַר תורה.

„און צו דעם צוועק האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אַ 30 מאַן — פּליטים פון די בלוטיקע לענדער אוקראַינע, פּוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, אונגאַרן, רומעניע און ליטע — וועגן דער גרינדונג.

„אייניקע פון די פאַרזאַמלטע זיינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס און מיט וואַרעמע ווערטער וועגן דער נויטווענדיקייט פון דעם ענין און מיטן רוף צו פאַראייניקן זיך. און געווען זיינען דאָס ווערטער שיוצאים מן הלב און האָבן געווירקט אויף די צוהערער: „און דער אייבערשטער העלפט, ולא אלמן ישראל, און אין יעדן אָרט, וואו ער ווערט פאַרוואָגלט, איז די שכינה מיט אים.

„און באַלד האָבן זיי זיך פאַראייניקט און האָבן געגרינדעט די אשכנזישע קהילה, און זי איז די ערשטע אין מעקסיקע דער

וועגן גאָר אַן אַנדער באַציונג צו די נייע יידישע אימיגראַנטן מצד די ספר־דישע יידן. ווען איך בין אָראָפּגעקומען קיין מעקסיקע, האָט איך באַגעגנט זייער אַ פריינדלעכע באַציונג. איינער פון די ספרדישע עסקנים, ה' קאַפּאָ, האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע געשעפטן און געהאָלפן מיר דערליידיקן פיל ווירטשאַפטלעכע ענינים. און אַזוי איז אויך געווען מיט פיל אַנדערע. אוודאי זענען געווען אַ סך אומפאַרשטענדענישן צווישן די אשכנזים און ספרדים, מער פון אַלץ אויפן באָדן פון דער אַנדערשקייט אין די מנהגים און לעבנ־שטייגער.

הדיפּטשטאַט (און אפשר אויך אין מעקסיקע דעם לאַנד) מיטן פּאַסיקן נאָמען „נדחי־ישראל״, אזוי צו זאָגן, אַז די געמיינדע איז געשאַפן געוואָרן דורך די פאַרשטויסענע און פאַרוואָגלטע פון זייערע געבורטלענדער.

„און עס איז געוואָרן אויסגעקליבן אַ צייטווייליקער ועד (פאַרוואַלטונג), וואָס זאָל זאָרגן צו פאַרשענערן און צו אַנט־וויקלען * און צו יעדער זאַך, וואָס איז נוגע דער טובה פון דער קהילה:

פאָרזיצער — ר׳ יעקב טשעכאַנאָווער;
וויצע־פאָרזיצער — ר׳ שמואל־אליהו טהורזש;
סעקרעטאַר — ר׳ שמואל־אליהו דאַנעשטשיק;
קאַסיר — ר׳ חיים־עזריאל שוחט ובודק.

„זאָל גאָט געבן, און די קליינע קהילה פון היינט זאָל זיך צעבליען און זיך דערהייבן העכער און העכער״.

(אונטערגעשריבן נאָך איין מאָל דורכן סעקרעטאַר)
„ש. א. דאַנעשטשיק פון אָסטראָוו, לאָמזשער גובערניע, פּוילן״.

מיר האָבן דעם אויבן ציטירטן פּראָטאָקאָל געבראַכט אין גאַנצן נישט בלויז צוליב דעם, וואָס ער איז דער ערשטער דאָקומענט וועגן דעם אָנהייב פון אָרגאַניזירן דאָס רע־ליגיעזע און בכלל יידיש־קהילהשע לעבן אין מעקסיקע. דער דאָזי־קער דאָקומענט איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט צוליבן אינ־האַלט און טאָן זיינעם: נישט געקוקט אויף דער פּשטות, פילט מען אַרוים דעם דראַמאַטיזם פון מאָמענט; מע פילט אויך אַרוים דעם יידישן אייביקן ביטחון, וואָס איז אַזוי שיין אויסגעדרוקט אין דעם רוף „לא אלמן ישראל״, די ריירעוודיקייט און דעם אחריות־געפיל פון דער קליינער גרופּע יידן. פאַרוואָגלטע און אָרעמע — האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס איז „עת לעשות״: מע טאָר ניט זיצן מיט פאַר־לייגטע הענט, מע דאַרף אויף דעם נייעם אָרט, אין דער נייער תפוצה, זיך נעמען בויען יסודות פון אַ יידישן קהילישן לעבן.

נאַטירלעך, אַז קודם כל האָט מען זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן די וויכטיקסטע רעליגיעזע הצטרכות: מע האָט אָרגאַניזירט אַ שול,

* מע דאַרף פאַרשטיין: אַנטוויקלען די נאָר־וואָס געשאַפענע קהילה.

מע האָט געזאָרגט, אַז די שול זאָל האָבן אַן אויסזען פון אַ מקום־קדוש, אַז עס זאָל זיין אַ חזן אא״וו.

וועגן דעם טאָקע דערציילן אונדז די קורץ געפאַסטע פּראָטאָקאָלן פון די ערשטע זיצונגען, וואָס דער געקליבענער ועד האָט אָפּגעהאַלטן, און פון די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע מיטגלידער פון דער חברה „נדחי־ישראל״*.

אין אַ זעקס וואָכן נאָך דער גרינדונגס־אסיפה פון „נדחי־ישראל״ קומט זיך צונויף די פאַרוואַלטונג, אויף וועלכער מע באַטראַכט שוין אַ ריי קאָנקרעטע ענינים, ווי, אַ שטייגער, אַז מע האָט אָנגעהויבן אַ זאַמלונג אויף אַן אָרון קודש.

צום באַדויערן, איז דער פּראָטאָקאָל פאָרמולירט אַזוי בצימצום־דיק, אַז עס בלייבן פאַר אונדז נישט קלאָר איינציקע זייער וויכטיקע ענינים. דער פּראָטאָקאָל דערציילט, למשל, אַז דער סעקרעטאַר האָט **אָפּגעגעבן אַ „בילאַנץ פון די ביז איצטיקע טעטיקייט, פון 18טן סיוון ביז 1טן ניסן״**, — אָבער קיין שום פּרטים פון דעם דאָזיקן „בילאַנץ״ זיינען ניט אָנגעגעבן. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז אויף דער דאָזיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אונטער דער אָנפירונג פון דער ציטווייליקער פאַרוואַלטונג, אונטערן פאָרזיץ פון ה׳ יעקב טשעכאַנאָווער, איז **„באַשטעטיקט געוואָרן דאָס רוב פון די אויסגעאַרבעטע קהילה־סטאַטוטן און פיל געענדערט געוואָרן און באַשטעטיקט די אויסבע־סערונג דורך אַ מערהייט״**. לײדער, זיינען אין פּראָטאָקאָל ניט אָנ־געגעבן קיין שום פּונקטן פון די אָנגענומענע קהילה־סטאַטוטן. אין

* מע דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן ווערט כמעט ניט באַנוצט דאָס דרייסטע וואָרט „קהילה", וואָס איז אָנגעווענדט אין דעם ערשטן גרינדונגס־דאָקומענט, גאָר אָפט ווערט דערפאַר באַנוצט דאָס וואָרט „קאָנגרעגיישן", כאָטש ס׳איז ניט קלאָר, צי האָט מען טאָקע די ניי געשאַפענע אינסטיטוציע באמת אַזוי גערופן, צי עס קומט דאָ בלויז צום אויסדרוק דער אַמעריקאַניזירטער נוסח פון די פּראָטאָקאָל־שרייבער, וואָס זיינען געקומען פון די שטאָטן (ווי, למשל, דער דערמאָנטער דאָנעטשטשיק), וואָס זיינען געוואוינט געוועז צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע ווער־טער, ווי „מעמבער" אָנשטאָט מיטגליד, „מיטינג" אָנשטאָט זיצונג אָדער אסיפה, — און דעריבער טרעפט מען אַזוי אָפט די דאָזיקע אַמעריקאַניז־מען אין די פּראָטאָקאָלן פון דער ערשטער צייט.

קיין שום אַנדערע, שפּעטערדיקע פּראָטאָקאָלן איז אויך נישטאָ גאָר־נישט וועגן אָט דעם אַזוי וויכטיקן דאָקומענט*.

פון דעם דערמאָנטן פּראָטאָקאָל דערוויסן מיר זיך בלויז נאָך איין פּרט, וואָס זאָגט עדות וועגן דער אויסברייטערונג פון דער אָרגאַניזאַציע־אָנפירונג, דהיינו, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע (מעגלעך, אַז דאָס איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון ניי אָנגענומענעם סטאַטוט), און מע האָט אין איר אויסגעקליבן די וויי־טערדיקע פּערזאָנען: ה׳ **בנימין פּערסקי**, ה׳ **ישראל דיקשטיין**, ד׳ **מרדכי גזשענדע**.

פון אַ שפּעטערדיקן פּראָטאָקאָל (דאַטירט מיט דער „פּרשה כי תצא״, תרפ״ב) דערוויסן מיר זיך אומדירעקט, אַז עס איז שוין פּאַראַן אָדער מע פּראָיעקטירט צו דינגען אַ לאָקאַל, מחמת עס ווערט געקליבן אַן **„אָרדענונגס־קאָמיסיע וועגן אַ לאָקאַל און טיקעטס און אַנדערע טעכנישע זאַכן וועגן די קומענדיקע ימים־נוראים״**. דער זעלבער פּראָטאָקאָל דערציילט אונדז אויך וועגן אַ באַשלוס אויסצו־קלייבן אַן **„אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגן באַשטימען** (באַשטעטיקן?) **נייע קאַנדידאַטן פאַר מעמבערס״**. דערביי איז פאַראַן אַ באַוואָרע־ניש, אַז אַ קאַנדידאַט פאַר אַ „מעמבער״ מוז ברענגען צוויי עדות, וואָס קענען אים. די צוויי עדות **„דאַרפן זיין מעמבערס פון דער שול״**. נאָך ווערן מיר געוואָר, אַז **„מע האָט באַשלאָסן וועגן חזנים נישט באַהאַנדלען, ווייל מע האָט שוין אַ חזן״**.

נאָך אַ קנאַפּע יאָר אַרבעט האָבן מיר שוין, הייסט עס אַ געוויסן אַקטיוו פון „נדחי־ישראל״. חוץ דער פּאַרוואַלטונג (אָדער ועד, ווי ער איז אָנגערופן אין ערשטן פּראָטאָקאָל), וואָס איז פריער אויס־גערעכנט (מיט דעם שינוי, וואָס אַנשטאָט דעם ה׳ דאַנעשטשיק איז אַלס סעקרעטאַר געוויילט געוואָרן ה׳ **בנימין פּערסקי**), איז אויך דאָ אַ רעוויזיאָנס־קאָמיסיע (אין באַשטאַנד פון די ה״ה **ישראל דיקשטיין, מרדכי גזשענדע און גאָלדשלאַג**), אַן אָרדענונגס־קאָמיסיע (ה״ה גאָלד־שלאַג, **ווראָנאַ, דיאַמאַנד** און דיקשטיין) און אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע (ה״ה **ווידעס**, וורא‌נא און גאָלדשלאַג).

---

* אַלע ציטירטע פּראָטאָקאָלן און אַנדערע דאָקומענטן גיבן מיר אין דער היינטיקער אָרטאָגראַפיע און מיט דער געהעריקער אינטערפּונקציע.

ג.

אַ גבית-עדות פון אַ פּיאָנער

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס רעליגיעזע לעבן בכלל אין יענע צייט, איז זייער שווער זיך צו שאַפן אַ בילד אויפן סמך פון די קורצע און זעלטענע פּראָטאָקאָלן פון „נדחי-ישראל". אַ שטיקל השגה קאָנען מיר באַקומען פון דער אויטענטישער גבית-עדות, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן איינער פון די פּיאָנערן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע, ה' **ברוך כיניטש**, וואָס איז אַראָפּגעקומען אַהער אין יאַנואַר 1924.

ה' כיניטש דערציילט:

„אין דער צייט* האָט זיך אויף דער גאַס סאַנטיסימאַ (אַנטקעגן גערטל) געפונען אַ געדונגען קליין צימערל, וואָס האָט געדינט צו מאַכן אַ מנין אַלע שבת. עס פלעגן זיך אין די שבתים צונויפקלייבן קוים אַ מנין יידן צום דאַווענען. אין פאַל ווען עמעצער האָט געהאַט אַ יאָרצייט אין מיטן דער וואָך, פלעגן די מתפללים זיך באַשטימען שבת ביים מנין, מע זאָל קומען דאַווענען במנין דעם טאָג פון יאָרצייט.

„מיט דער צייט, ווען עס זיינען געקומען קיין מעקסיקע מערער עלטערע יידן, ווי די ה"ה **משה-נחמיה טעמקין, אברהם גוטמאַן, משה-יצחק זילבורג, מרגליות** און אַנדערע, — האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דינגען אַ גרעסערן לאָקאַל. אויף פסח האָט מען שוין געדאַוונט אין אַ ביסל אַ גרעסערן לאָקאַל (5 אויף 5 מעטער) אויף קאַיעכאַן סינקאָ דע מאַיאָ. אין דעם אונטערשטן עטאַזש האָט געהאַט זיין לאָקאַל דער „יאַנג-מען", — דאָרט פלעגט מען איינאָרדענען אַ מנין

---

* ס'איז דאָך ניט קלאָר פון דער גבית-עדות, וועגן וועלכן מאָמענט עס רעדט זיך: צי וועגן דער צייט, וואָס ער איז געקומען, צי וועגן אַ פריערדיקן פעריאָד, ווייל געוויסע פרטים זיינען אין סתירה מיט די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי-ישראל". וואַרשיינלעך מיינט מען דאָ דעם ערשטן מנין ביי אַן אַראַבישן יידן אין הויז, אַ מנין, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, נאָך איידער „נדחי-ישראל" איז געגרינדעט געוואָרן.

אין די ימים-נוראים, און אַ גאַנץ יאָר האָט מען געדאַוונט אין איי־גענעם צימער אויבן.

„דאָס ערשטע יאָר האָט „נדחי-ישראל" ניט געהאַט מער ווי איין ספר-תורה, געשאָנקען פון אַ היגן ייד. (דעמאָלט) האָט יעדער ייד, וואָס האָט געוואָלט עסן פסח מצות און אַנדערע כשרע אַרטיקלען, איינגעקויפט דאָס פאַר זיך אין די שטאַטן. צוליב דעם איז פסח גע־קומען צו אַ סקאַנדאַל אין שולכל, ווייל פיל יידן האָבן געהאַט פרע־טענזיעס, פאַר וואָס מע האָט זיי ניט באַזאָרגט מיט פסחדיקע אַר־טיקלען. דעריבער האָבן זיך די ה"ה זילבורג, אליהו ווײנשטאָק און כיניטש פאַראינטערעסירט מיט דעם ענין דעם קינפטיקן פסח: זיי האָבן געשאַפן דורך גמילת-חסדים 5 טויזנט פעזעס און פאַר דעם געלט האָבן זיי געקויפט 10 טויזנט פונט מצות. די מצות האָבן זיי פאַרקויפט מיט ריווח פון אַן ערך 2 טויזנט פעזעס. האָבנדיק די קוואָטע, האָט מען גענומען זוכן אַ גרעסערן לאָקאַל, וואָס מע האָט געדונגען אויף סינקאָ דע מאַיאָ 38. דאָס איז שוין געווען אַ גענוגנ־דיקער לאָקאַל, וואו מע האָט שוין געקאָנט דאַווענען אפילו און די ימים-נוראים.

„דאָס צווייטע יאָר האָט מען שוין געברענגט פון די שטאַטן מער מצות, וואָס האָבן, פאַרשטייט זיך, געגעבן אַ גרעסערן ריווח. אזוי אַז די ערשטע געלטער זענען געווען באַזירט אויפן ריווח פון די מצות. האָבנדיק מער געלט, האָט מען איינגעקויפט בענק, לאָמפּן און מע האָט איינגעאָרדנט דעם לאָקאַל אין פאָרעם פון אַ שול.

„די שול האָט זיך אויסגעהאַלטן פון עליות און מעמבער-געלט. דאָ האָט מען געדאַוונט אַלע טאָג דריי מאָל; טייל מאָל פלעגט אָבער אויספעלן צו אַ מנין ביי מנחה און מערב. ס'איז געווען אַ צייט, ווען מע פלעגט צאָלן עטלעכע יידן פאַר זייער קומען אַלע טאָג קאָמפּלע־טירן אַ מנין צום דאַווענען".

ה.

די ערשטע יאָרן

פון די פּראָטאָקאָלן, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון די ערשטע יאָרן, איז צו זען, אַז די חברה „נדחי־ישראל" האָט געפירט גאָר אַ באַשיידענע טעטיקייט, וואָס האָט זיך באַגרענעצט צו זאָרגן וועגן די וויכטיקסטע רעליגיעזע הצטרכותן.

אַזוי לייענען מיר אין אַ פּראָטאָקאָל (דאַטירט מיטן 3טן טאָג חוה"מ סוכות תרפ"ג) אַז „עס ווערט באַשלאָסן, מע זאָל אָנשטעלן אַ באַשטימטן קאָלעקטאָר פאַר די הכנסות פון דער שול". שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן (ב' פּרשה וישב) דערוויסן מיר זיך, אַז מע האָט „דעם חזן מוסיף געווען 25 פּעזעס". דער ענין לאָקאַל פאַרן מנין און וועגן חזן שווימט אויך אַרויף ערב ימים נוראים פון זעלבן יאָר, און מיר געפינען אין פּראָטאָקאָל (פון ב' פּרשה שופטים), אַז עס ווערט באַשלאָסן: „צו דינגען אַ לאָקאַל פאַר די קינפטיקע ימים־נוראים; טיקעטס זאָלן קאָסטן צו 2 פּעזעס פאַר אַ פּערזאָן, פאַר אַ מאַן מיט אַ פרוי — 3 פּעזעס; אַלס חזן איז געוויילט* געוואָרן ה' דוד צאַנק, פאַר די ימים נוראים. זיין באַלוינונג — 100 פּעזעס, און אויב עס וועט בלייבן מער פּראָפיט, און די פאַרוואַלטונג וועט צופרידן זיין פון זיין דאַווענען, — וועט מען אים צולייגן ביז נאָך 20 פּעזעס".

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט שוין „נדחי־ישראל" ווידער צו זאָרגן וועגן אַן אָרט פאַר אַ מנין: אין פּראָטאָקאָל ווערט פאַרצייכנט (ב' שמות, תרפ"ד), אַז מע האָט „געגעבן דעם פּרעזידענט פולמאַכט צו דינגען די רום (אַ צימער), וואָס גרענעצט מיט דער שול, ווייל מע האָט געצוואונגען די שול אַרויסצוציען זיך פון איצטיקן צימער". דערפאַר אָבער ווערט שוין פאַרן חזן באַשטימט אַ יערלעכער שכר אין דער גרייס פון 50 פּעזעס, חוץ ימים־נוראים. פון אַ שפּעטערדיקן פּראָטאָקאָל דערוויסן מיר זיך, אַז מע האָט געשלאָסן אַ קאָנטראַקט מיט דער „י.מ.ה.א." וועגן אָפּדינגען זייער לאָקאַל פאַר אַ מנין אויף

* פון דעם אויסדרוק „געוויילט געוואָרן" קאָן מען טייטשן, אַז עס זיינען געווען עטלעכע קאַנדידאַטן.

ימים-נוראים. פון זעלבן פּראָטאָקאָל (י״ג אלול, תרפ״ד) ווערן מיר געוואָר, אַז „נדחי-ישראל" האָט געליען אַ ספר-תורה ביי אַ געוויסן ה' גראָסמאַן, אַ דאַנק דער השתדלות פון דעם פאַרוואַלטונגס-מיט-גליד ה' טהורזש, פאַר וואָס מע באַשליסט אים צו שיקן אַ דאַנקבריוו.

אַז די חברה „נדחי-ישראל" האָט געזאָרגט וועגן ברענגען מצות פאַר די יידן פון מעקסיקע, איז צו זען פון אַ ריי פּראָטאָקאָלן פון די ערשטע יאָרן. למשל, אויף דער אסיפה, וואָס איז פאָרגעקומען ב' פרשה בא, תרפ״ג, איז געוואָרן **„באַשלאָסן, אַז „נדחי-ישראל" זאָל ברענגען מצות פון נידיאָרק און באַזאָרגן די יעניקע, וואָס וועלן זיך אין זיי נייטיקן אויף פּסח"**. עס איז אויך געקליבן געוואָרן אַ „מצות-קאָמיסיע" אין די פּערזאָנען: **מעלמאַן, וורויאַנא און זאַלצמאַן**. אגב, אויף דער זעלבער אסיפה האָט מען **„מחנך געווען די נייע ספרים, וועלכע זיינען פּרעזענטירט** (געשענקט?) **געוואָרן פון דעם „צענטראַל-רעליעף-קאָמיטעט" פון נידיאָרק"**.

נאַטירלעך, קאָן מען פון די פּראָטאָקאָלן נישט קריגן קיין פול-שטענדיק בילד פון אַלע פאַראינטערעסירונגען און טעטיקייטן פון „נרחי-ישראל". ביים אַנאַליזירן די פּראָטאָקאָלן קריגט מען דעם איינ-דרוק, אַז נישט אַלע געשעענישן און טעטיקייטן זיינען דאָרט פיק-סירט. דאָס זעט מען קודם כל דערפון, וואָס פון צייט צו צייט גע-פינט מען אין זיי אַ באַשלוס, וואָס ער איז בלי ספק אַ המשך פון אַ פריערדיקן, וועלכער איז אָבער נישט אָנגעגעבן, און פאַרקערט — מיר טרעפן באַשלוסן (אָפט מאָל וועגן וויכטיקע ענינים), און מיר געפינען נישט שפּעטער קיין אויפקלערונג, וואָס איז מיט דעם ענין געוואָרן. מע דאַרף דעריבער אָננעמען ,אַז „נדחי-ישראל" האָט זיך פאַרנומען מיט אַלע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום יידישן רעליגיעזן לעבן און אפילו מיט אַזעלכע, וואָס שטייען נישט אין קיין דירעקטער שייכות מיט דת-ענינים.

דער עיקר, געפינען מיר אָנדייטונגען, אַז מע האָט זיך אָנגעהויבן אָנגאַזשירן אין הילפסאַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז לכתחילה זיינען דאָס געווען באמת אויסערגעוויינטלעכע פאַלן, ווייל וועגן אַ סיס-טעמאַטישער און אָרגאַניזירטער הילפסאַרבעט האָט נאָך אין יענע יאָרן נישט געקאָנט זיין קיין רייד: דער רוב עמיגראַנטן — בפרט דער עלטערער דור — איז נאָך אַליין געווען ווייט צו זיין פאַרזאָרגט. פון דעסטוועגן, בעת צרה, בפרט נאָך ווען דער אומגליקספאַל איז געווען פאַרבונדן מיט יוצא זיין אָנטקעגן די דינים פון יידישקייט, האָט מען געטאָן אַלצדינג.

אזוי, למשל, דערציילט אונדז איינער פון די ערשטע פּראָטאָ־קאָלן (ב׳ פּרשה בא, תרפ״ג), אַז מע האָט באַשלאָסן, **„די שול זאָל געבן 25 פּעזעס אויף מקבר זיין אַ מת, וואָס איז געלעגן אין אַ היגן האָספּיטאַל"** — און מסתמא האָט ער ניט געהאַט קיין קרובים, ווער עס זאָל זיך מיט אים מעסעק זיין. דערביי שווימט צום ערשטן מאָל אַרויס (לכל החכות אין די פּראָטאָקאָלן) די פּראָבלעם וועגן אַן אייגענעם, אשכנזישן בית־עולם*. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט צוצו־געבן, אַז חוץ דער דעסיגנירטער סומע, האָבן די אָנטיילנעמער אין דער אסיפה געזאַמלט צווישן זיך נאָך 18 פּעזעס לטובת דעם זעלבן צוועק. און נאָך אַ וויכטיקער פּרט, וואָס זאָגט עדות וועגן דעם קהלשן אחריות־געפיל: עס איז גלייכצייטיק באַשלאָסן געוואָרן, אַז **„דער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן פאַרשטאָרבענעם, זאָל שרייבן אַ בריוו צום בית־דין פון פאַרשטאָרבענעמס שטאָט, מתיר צו מאַכן די עגונה"**.

אין אַ שפּעטערדיקן פּראָטאָקאָל (ב׳ שמות, רתפ״ד) לייענען מיר ווידער: דער פּרעזידענט ה׳ ראָזענבערג אינפאָרמירט, אַז **„ער האָט אויסגעגעבן 20 פּעזעס אויף אַרויסצונעמען אַ מת פון האָספּי־טאַל, וואָס מע האָט אים געוואָלט מקבר זיין אויפן צווינטער"** (קריסטלעכער בית־עולם).

מיר געפינען פון דעסטוועגן פאַרצייכנט עטלעכע פאַלן פון אַן אַנדער מין הילפסאַרבעט: למשל, **„אַ מעמבער ווערט באַפרייט פון אַ חוב, 37 פּעזעס, וואָס מע האָט אים געליען"** (פּראָטאָק. פון ב׳ שמות, תרפ״ד). אין אַ שפּעטערדיקן פּראָטאָקאָל געפינען מיר אַ באַשלוס אַרויסצוגעבן **„אַ קראַנקן מיטגליד אַ שטיצע — 30 פּעזעס"** (ד׳ תרומה, תרפ״ד).

די ברייט פאַרצווייגטע טעטיקייט פון „נדחי־ישראל" אויפן גע־ביט פון הילף און קעגנזייטיקער הילף — דאָס איז אַ קאַפּיטל ערשט פון די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָס מיר וועלן זיך נאָך צו אים אומקערן.

* וועגן ענין בית־עולם גענויער — שפּעטער.

ה.

מע דאַרף אַ בית־החיים

אזוי האָט זיך עס געפירט מקדמונים: ווי נאָר עס האָט זיך ער־געץ־וואו געשאַפן אַ יידישע קהילה, איז דאָס ערשטע געווען צו זאָרגן וועגן אַ שול ,אַ בית־תפילה, און דאָס צווייטע — וועגן אַ בית־החיים, אַן אָרט, וואו מע זאָל קאָנען ברענגען יידן צו קבורת־ישראל.

די פראַגע וועגן אַ בית־עולם איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס זיינען אַרויסגעשוואומען אויפן סדר היום, און מיר געפינען זי אָפּ־געשפּיגלט שוין אין די ערשטע פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל״. אמת, ס׳איז שוין אין מעקסיקע געווען אַ יידישער בית־עולם, האָט ער אָבער געהערט צו דער אַראַביש־יידישער חברה „מאָנטע סינאַי״, און, ווי עס זעט אויס, פלעגן פאָרקומען געוויסע אומפאַרשטענדעניש. דעריבער מערקט זיך גלייך פון אָנהייב אַ שטרעבונג פון די איינגע־וואַנדערטע מזרח־אייראָפּעישע יידן צו ווערן זעלבשטענדיק אויף דעם געביט און צו האָבן אַן אייגענעם, אַן אשכנזישן בית־עולם.

שוין אויף דער אסיפה פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל״ אָנהייב 1923 (פּראָטאָקאָל דאַטירט ב׳ פּרשה בא, תרפ״ג) קומט אַרויס קאָנקרעט דער ענין. עס איז געשען, אַז מע האָט געדאַרפט מקבר זיין אַן אָרעמען מענטשן, וואָס איז געשטאָרבן אין אַ היגן שפּיטאָל; קיין קרובים זיינען, ווייזט אויס, נישט געווען, און מע האָט געהאַט צרות מיט דער קבורה אויף דעם בית־עולם פון די אַראַ־בישע יידן. דער ענין איז מסתמא ניט צום ערשטן מאָל אַרויסגע־שוואומען, און עס קומט דעריבער אַ באַשלוס, אַז **„די שול זאָל שיקן אַ דעלעגאַציע צו דעם „יאָנג־מען״ צו פאַרהאַנדלען מיט זיי וועגן קויפן אָדער דינגען קרקע פאַר אַ בית־עלמין״**. עס איז אויך דערביי אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו זאָרגן וועגן דעם ענין: **דיאַמאַנט, טהורזש, ווראָנאַ, זילבער און טשעכאַנאָווער.**

ווי מיר זען, האָט זיך „נדחי־ישראל״ אַליין געפילט נאָך צו שוואַך צו באַהויפּטן דעם ענין בית־עולם און מע האָט זיך געוואָנדן נאָך הילף צום ייִנגערן דור. אָבער, ווי עס זעט אויס, האָבן זיך די יונגע ווייניקער געקימערט וועגן דעם. אין אַ שפּעטערדיקן פּראָ־

טאָקאָל געפינען מיר אַ באַריכט, אַז „דער יאַנג־מען האָט צוגעזאָגט צו געבן אַן ענטפער וועגן בית עלמין אין צווי וואָכן אַרום, אָבער ביז איצט האָבן זיי דאָס ניט געטאָן".

פאַרלירנדיק, ווייזט אויס, די האָפענונג, אַז עס וועט געלינגען אין גיכן צו שאַפן אַן אייגענעם בית־עולם, און וועלנדיק אויסמיידן די כסדרדיקע דינגענישן מיט די אַראַבישע יידן, באַשליסט „נדחי־ישראל" פּרואוון אַן אַנדער וועג: אויף דער זיצונג פון דער פאַר־וואַלטונג (ב' פרשה שמות, תרפ"ד) ווערט באַשלאָסן, אַז **„די שול זאָל ווערן אַ מיטגליד, אַלס קערפּערשאַפט, אין בית־עולם, אויב מע וועט קאָנען פאַרשטענדיקן זיך מיט „מאָנטע־סינאַי"** (אַזוי האָט געהייסן די אַראַביש־יידישע קהילה, וואָס זי האָט געהאַט אין איר רשות אַ בית־עולם). אגב, ווערט ביי דער געלעגנהייט באַשטימט אַ קאָמיסיע אויפצונעמען די נעמען פון אשכנזישע יידן, וואָס זיי־נען באַגראָבן אויפן „מאָנטע־סינאַי"־בית־עולם.

מע דאַרף דרינגען, אַז די זאַך איז צוגעגאַנגען ניט אַזוי גרינג, ווייל דער ענין קומט אַרויף אויפן סדר היום נאָך פיל מאָל. אַזוי דערציילט דער פּראָטאָקאָל פון ב' פרשה תצוה, תרפ"ד, אַז מע האָט ווידער זיך אומגעקערט צום פּראָיעקט פון שאַפן אַן אשכנזישן בית־עולם: **„מרי ראָזענבערג* אינפאָרמירט, אַז „מאָנטע־סינאַי" פאַר־לאַנגט אַ ליסטע פון אַלע מיטגלידער פון „נדחי־ישראל" און אַ קאָפּ־שטייער, אויב „נדחי־ישראל" וויל ווערן אַ מיטגליד אין איר בית־עולם"**. זעט אויס, אַז דאָס איז ניט געווען צום האַרצן די אשכנזישע יידן, און דעריבער האָט מען אויף דער דאָזיקער אסיפה אָנגענומען, **אַז „נדחי־ישראל" זאָל זיך פאַראייניקן מיט די איבעריקע אשכנזים פון מעקסיקע וועגן ענין בית־עולם"**, און עס ווערט אויך באַשלאָסן **„שיקן בריוו צו דעם „י.מ.ה.א." און צו דער „בענעפיסענסיאַ" וועגן דעם ענין"**.

דער אשכנזישער בית עולם איז אָבער געגרינדעט געוואָרן ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. גענוי ווען און ביי וואָס פאַר אַן אומ־שטענדן דאָס איז געשען, לאָזט זיך נישט פעסטשטעלן, ווייל עס פעלן די פּראָטאָקאָלן פון די יאָרן 1925—1927. געוויסע וויכטיקע פּרטים דערוויסן מיר זיך פון דער גבית־עדות פון ה' זילבורג — איינעם פון די, וואָס האָבן געטאָן אַ סך וועגן דעם ענין:

* דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון „נדחי־ישראל".

„נאָך ווען די שול האָט זיך געפונען אויף קאַיעכאַן דע מאַיאָ, האָבן די ה"ה כיניטש, ראָזענבערג, אַדלער און זילבורג זיך גענו־מען פאַראינטערעסירן וועגן בויען אַ בית־החיים. די סיבה איז גע־ווען די, אַז ס'איז געווען שווער אויסצוקומען מיט די אַראַבישע יידן, וועמעס בית־החיים מע האָט גענוצט.

„אגב, ווי מע דערציילט, האָבן די אַראַבער אַליין ניט געבויט זייער בית־החיים, נאָר גאָר פוילישע יידן: **גרינשטיין** (לעבט ניט) און די פאַמיליע **קאַלב**. און קאַלבס אַ שוואָגער גראַנאַט (וועלכער האָט געהאַט עטלעכע סינעס אין מעקסיקע), ניט קאָנענדיק אַטענ־דירן דעם בית־החיים, און אַזוי גוט, ווי עס זענען נאָך געווען ווינ־ציק אשכנזים אין מעקסיקע, — האָט ער דעם בית־החיים איבער־געגעבן צו די אַראַבער.

„די אַראַבער האָבן געפאָדערט 300 פעזעס פאַר אַ טויטן. דער ה' אַדלער האָט פאַרגעלייגט דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל", אַז עס געפינט זיך אַ ייד, **מענצער**, וועלכער איז גרייט צו שענקען אַ פלאַץ פאַרן בית־החיים. עס זיינען געוואָרן דאַן דעלעגירט צום ה' מענצער די ה"ה זילבורג און אַדלער צו באַהאַנדלען דעם ענין. דער ה' מענצער (אַן אונגאַרישער ייד) האָט דאַן געענטפערט, דאָס ער איז גרייט צו שענקען דעם פלאַץ, אָבער מיטן באַדינג, עס זאָל געשאַפן ווערן אַ בענעפיסענסיאַ, ווייל דעם פלאַץ קאָן ער דאָך ניט אָפשרייבן אויף קיין פּריוואַטע פּערזאָן.

„מיטן שאַפן די בענעפיסענסיאַ האָבן זיך פאַראינטערעסירט די ה"ה כיניטש, אַדלער, זילבורג, ראָזענבערג אהרון. ווען מע האָט שוין באַקומען די אָנערקענונג פון דער רעגירונג אַלס בענעפיסענ־סיאַ, האָט דער ה' מענצער אָפּגעשריבן דעם פלאַץ (100 מעטער אויף 100 מעטער) אויף „נדחי־ישראל".

„דער פלאַץ איז געווען אַ וויסטער, און מע האָט געדאַרפט האָבן 6000 פעזעס אויף אויסצוגלייכן די גריבער און אַרומצוימען אים. אין טאָג פון לייגן דעם ווינקלשטיין זיינען אויפן בית־עלמין געשאַפן גע־וואָרן די 6000 פעזעס".

* * *

פאַרשטייט זיך, אַז מיטן קריגן אַ פלאַץ פאַרן בית־החיים זיי־נען נאָך ניט געלייזט געוואָרן אַלע שוועריקייטן און דאגות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם ענין קבורת־המת. דערציילן אונדז טאַקע די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל", אַז ניט איין מאָל האָט מען די ענינים באַהאַנדלט.

„דעם 19טן דעצעמבער 1928, אין טאָג פון דער קבורה פון פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, ה' יצחק־מאיר בראַון, ז"ל, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אויפן בית־עלמין, צו זאַמלען ביי די אָנוועזנדיקע מיטגלידער און ניט־מיטגלידער די קוואָטע פון 190 פעזעס און פאַר די געלט איז באַשטימט געוואָרן צו קויפן אַ פלאַטפאָרמע־אויטאָ פון דער בעסטער מאַרקע, צום צוועק פאַרן בית־עלמין".

עס שווימט אויך אַרויס די שווערע פּראָבלעם פון די מתעסקים ביי קבורת־המת. אויף איינער אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג (דאַטע ניט פעסטגעשטעלט גענוי, בערך העלפט פון 1929) **„ווערט באַהאַנדלט די פּראַגע חברה־קדישא. ביז איצט זענען געווען פיל שוועריקייטן, ווייל עס פעלן מתעסקים. דערום איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, מע זאָל אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע אין מעקסיקע מיט אַ ביטע, אַז עס זאָלן זיך ווענדן מענער און פרויען, וועלכע זיינען באַווילִיקט (ווילִיק) צו אַרבעטן אַלס מתעסקים, אַזוי די ,וועלכע ווילן אַרבעטן פרייווילִיק, ווי אויך די פּערזאָנען, וועלכע ווילן קריגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט".**

מיט דער צייט איז, נאַטירלעך, אַרויסגעשוואומען די פּראַגע וועגן מצבות אויך, און, ווי דער שטייגער איז, אויך וועגן „בעסערע" אָדער „ערגערע" פּלעצער אויפן בית עולם. דאָס באַווייזט אויך אומדירעקט, אַז עס איז שוין אין יידישן ישוב געווען אַ געוויסע דיפערענציאַציע, וואָס שייך דעם מאַטעריעלן מצב פון פאַרשיידענע יידן.

דעם 16טן יוני 1929 ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאַג פון ה' כּיניטש איינצוטיילן דעם בית־עולם אויף צוויי קאַטעגאָריעס. אויף דער זעלבער אסיפה ווערט אויך באַשלאָסן, אַז ביים שטעלן אַ מצבה באַשטימט די פאַרוואַלטונג אַ פּרייז, לויט איר איינזען. דאָס איז אין פאַל ווען „דער יעניקער איז ניט קיין מעמבער פון „נדחי־ישראל"; **אַ מעמבער איז פריי פון אָפּצאָל. אָבער אויב די מצבה דאַרף פאַרנעמען אַ סך קרקע, דאַן ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלער אָפּצאָל, רעכענענדיק זיך מיט זיין מעמבערשאַפט"** (מע דאַרף אפשר דרינגען, אַז לויט זיינע פאַרדינסטן פאַר דער קהילה?).

ווי עס זעט אויס, האָט דער בית־עולם געפאָדערט אַ סך אַרבעט, ווייל עס ווערט שוין אין גיכן אויסגעטיילט אַ ספּעציעלער פאַרוואַלטער פון בית־עולם, דער ה' זילבורג (באַשלוס פון 10 דעצעמבער 1929). אין אַ צייט אַרום (30 נאָוועמבער 1930) קומט אויך

אַ פאַרשלאָג וועגן גרינדן אַ שטענדיקע חברה־קדישא, זעט אויס, אַ געצאָלטע דורך דער „נדחי־ישראל”. דאָס קאָן מען אויספירן פון אַ שפּעטערדיקער ווענדונג צום ישוב, אַז „די מיטגלידער פון חברה־קדישא טאָרן נישט נעמען קיין געלט פאַר זייער אַרבעט ביי די קבר־בים (פון געשטאָרבענעם), ווייל זיי ווערן געצאָלט דורך דער אינס־טיטוציע” (פּראָטאָקאָל פון 10 מערץ 1935). אגב, ווערט אויף דער זעלבער זיצונג אַסיגנירט געלט אויף צו פאַרפלאַנצן ביימער אויפן בית־עולם. דאָס איז שוין שייך, ווייזט אויס, דעם נייעם פּלאַץ, וואָס מע האָט צוגעקויפט פאַרן בית־החיים נאָך מיט אַ צייט פריער פאַר דער סומע פון 2500 פעזעס (פּראָטאָקאָל פון 3 סעפּטעמבער 1933). דער ענין בית־עולם שווימט אַרויף אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל” נאָך איין מאָל*, דעם 6טן נאָוועמבער 1938, ווען די פאַר־וואַלטונג נעמט אָן אַ באַשלוס

„אַרויסצוהענגען אויפן בית־החיים אַ רעגלאַמענט אין יידיש און שפּאַניש מיט 2 פּונקטן: 1) קיינער האָט נישט קיין רעכט צו שטעלן אַ מצבה און לייגן אַ פונדאַמענט צו אַ מצבה אָן אַ דערלויבעניש פון דער אַדמיניסטראַציע פון בית־החיים; 2) אַ מצבה קאָן נישט פאַרנעמען מער פּלאַץ ווי 2 מעטער די לענג און 1 מעטער די ברייט. די אויפשריפטן אויף די מצבות מוזן זיין אין יידיש און שפּאַניש”. **

---

* אין דעם פּעריאָד, וואָס מיר באַהאַנדלען אין דעם דאָזיקן בוך.

** מסתמא איז דאָ אַ טעות פון פּראָטאָקאָל־שרייבער, ווייל עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז מע זאָל האָבן פאַרבאָטן צו מאַכן אויפשריפטן אויף לשון־קודש.

ז.

די פראַגע וועגן חינוך

עס איז געווען אין גאַנצן נאַטירלעך, אַז גלייך ביים אָנהייב זאָל „נדחי-ישראל" אָנהייבן זאָרגן אויך וועגן פראַגן פון דערציונג, באַזונדערס וועגן דער טראַדיציאָנעל-יידישער דערציונג. שוין אין סוף פון 1922 געפינען מיר אין פּראָטאָקאָל (דאַטירט מיטן 3טן טאָג חוה"מ סוכות תרפ"ג) אַ פאַרצייכענונג, אַז מע האָט „געלייענט אַ בריוו פון „די סענטראַל רעליעף קאָמיטע" (פון ניו יאָרק), אין וועלכן זיי מאַכן באַקאַנט, אַז זיי שיקן אַ טשעק פון 100 דאָלאַר פאַר דער תלמוד-תורה". זעט אויס, אַז מע האָט זיך וועגן דעם געוואַנדן, ווייל אַליין האָט מען זיך ניט געפילט בכוח אָנצוהייבן אַזאַ גרויסע אויפ-גאַבע, מע האָט אויך מסתמא אויסגערעכנט אויף סיסטעמאַטישער שטיצע פון אַמעריקע.

שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן באַשליסט שוין די פאַרוואַלטונג (פּראָטאָקאָל פון ב' פרשה וישב, תרפ"ג) „צו גרינדן אַ תלמוד-תורה. אַלס קאָמיטעט זיינען געוויילט געוואָרן: ה"ה פּערסקי, זילבער און וואַלענשטיין". אין אַ וואָך אַרום קומט פאָר אַ ספּעציעלע זיצונג וועגן דעם ענין תלמוד-תורה, און „מר' זילבער באַריכטעט, אַז עס האָבן זיך פאַרשריבן 9 קינדער, יעדערער (פון די עלטערן) וועט צאָלן דורך זייערע מעגלעכקייטן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מע זאָל פייערן די דערעפענונג פון דער תלמוד-תורה דאָנערשטיק, דעם 21 דעצעמבער, זאת חנוכה, אין מר' זילבערס רעסטאָראַן. מר' טשעכאַנאָווער ווערט באַשטימט אַלס תלמוד-תורה-קאָמיטעט-מיטגליד. באַשלאָסן פונאַנ-דערטיילן איינלאַדונגען צו דער אויבן דערמאָנטער פייערונג" (פּראָ-טאָקאָל פון דער זיצונג ב' פרשה מקץ, תרפ"ג).

די וויטערדיקע פּראָטאָקאָלן במשך פון קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָר ברענגען נישט קיין שום ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער תל-מוד-תורה. ערשט אויף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי-ישראל" ב' פרשה שמות, תרפ"ד, שווימט דער ענין אַרויף אויפן טאָג-אָרדענונג, און דאָס אין גאָר אינטערעסאַנטע אומשטענדן, וואָס שפּיג-לען אָפּ, אין אַ געוויסער מאָס, די קעגנזעצלעכע מיינונגען, וואָס האָבן געהערשט בנוגע דער ריכטונג פון דער דערציונג צווישן די איינ-

געוואַנדערטע יידן בכלל און אויך טיילווייז אפילו ביי דער אַנפירער־שאַפט פון „נדחי־ישראל". עס איז כדאי צו ציטירן ווערטלעך דעם געהעריקן טייל פון דאָזיקן פראָטאָקאָל:

„...די ה"ה וויינבערג און זילבער טראָגן אריין אַן אַנקלאַגע קעגן דעם סעקרעטאַר, ה' פערסקי, פאַר וואָס ער האָט מיט אַ יאָר צוריק צעבראָכן אַ רעפאָרמירטן קינדערגאָרטן אין מעקסיקאָ־סיטי און אויף זיין אָרט האָט ער געמאַכט אַן אָרטאָדאָקסישע תלמוד־תורה, וואו מע לערנט נאָר חומש מיט רשי, דקדוק, שרייבן לשון־קודש, אויך שפּאַניש, אריטמעטיק און געאָגראַפיע.

די אויבן דערמאָנטע הערן לייגן פאָר, אַז עס איז גלייכער, אַז די שול זאָל בלייבן אָן אַ סעקרעטאַר, איידער זי זאָל פאַרמאָגן אַזאַ רעאַקציאָנערן סעקרעטאַר. אָבער די איבעריקע מיטגלידער פון מיטינג (זיצונג) דענקען, אַז תורה איז נישט קיין פינצטערניש, נאָר ליכטיקייט און שטימען פאַרן סעקרעטאַר, ביז מע וועט אַנטדעקן אויף אים גרעסערע עבירות, ווי צעברעכן אַן אַנטירעליגיעזן קינדערגאָרטן".

אָבער עס זעט אויס, אַז עס זיינען געווען געוויסע טוערס אין „נדחי־ישראל" און אויך מחוץ איר, וואָס האָבן זיך פאָרט ניט באַפרידיקט מיט דער געגרינדעטער תלמוד־תורה צוליב פאַרשיידענע סיבות און מען האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ שול מיט ברייטערע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייט און פּראָגראַמאַטישע ראַמען — דעם אָנהייב פון יענער חינוך־אינסטיטוציע, וואָס איז געוואָרן שפּעטער און איז ביז היינט די קרוין און דער שטאָלץ פון יידישן ישוב אין מעקסיקע און ווערט אויך באַוואונדערט דורך באַזוכער פון אויסלאַנד — די גרויסע יידישע שולע. דאָ, אין „נדחי־ישראל", דעם 25טן דעצעמבער 1924, איז פאָרגעקומען איר גרינדונג, און מיר ברענגען דאָ* דעם ערשטן היסטאָרישן פראָטאָקאָל וועגן דעם ענין:

„די זיצונג ווערט געעפנט דורך דעם פרעזידענט פון „נדחי־ישראל", הער א. ראָזענבערג.

* ציטירט לויטן „שול־אַלמאַנאַך" צום צעניאָריקן יובל פון דער יידישער שול, 1934.

(סדר היום):

1) באַשטימען שכר־לימוד:

ה׳ טאַפּעלאָוו זאָגט זיך אַרויס, אַז יעדער פּאַטער זאָל זיך אַליין באַשטייערן, וויפל ער קאָן.

ה׳ גאָלדמאַן זאָגט, אַז מע זאָל מאַכן דריי קלאַסן צאָלונגען: 2 פּעזעס, 4 פּעזעס און 6 פּעזעס.

ה׳ כּיניטש (ברוך) איז איינשטימיק מיטן ה׳ גאָלדמאַן.

נאָך אַ לענגערער דעבאַטע האָט מען באַשטימט, אַז די צאָלונגען זאָלן זיין: פאַר ניט־פאַרמעגלעכע עלטערן — 2 פּעזעס און (פאַר) פאַרמעגלעכע — 4 פּעזעס אַ חודש.

2) באַשטימען אַ בודזשעט פאַר דער שולע*:

דירה־געלט — 65 פּעזעס;

2 לערער — 200 פּעזעס;

משגיח — 75 פּעזעס;

סטרוזש ** — 8 פּעזעס;

אַלגעמיינע אויסגאַבן — 40 פּעזעס.

צוזאַמען — 388 פּעזעס מאָנאַטלעך.

ה׳ כּיניטש פּראָטעסטירט — ער זאָגט, אַז מע דאַרף ניט קיין משגיח.

ה׳ טשערטאַריוסקי זאָגט, מע זאָל זען, צי עס איז פאַראַן געלט אויף אַ משגיח.

נאָך אַ דעבאַטע איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז מע דאַרף יאָ אַ משגיח — דעם הער מ. זילבורג.

איינשטימיק האָט מען אויסגעוויילט אַן עלטערן־קאָמיטעט פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

ה׳ י. גיטלין, ה׳ קלעצעל, ה. ב. אָלעווסקי, ה׳ ח. ב. טאַפּעלאָוו, ה׳ ב. טשערטאַריוסקי און ה׳ משנה.

ס׳איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז יעדער קומענ־

---

* דער פּאַקטיש באַנוצטער נאָמען איז די ערשטע צייט געווען „בית ספר עברי״.

** וועכטער, באַדינער.

דיקער אימיגראַנט קאָן דעם ערשטן מאָנאַט שיקן זיינע קינ־דער לערנען פריי.

די לימודים זאָלן זיך אָנהייבן דעם 28 דעצעמבער, 9 אזייגער אין דער פרי און ענדיקן 2 אזייגער ביי טאָג. אויך איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז די לערערס זאָל מען באַצאָלן פון דער צייט אָן, ווען מע האָט זיי אַלס לערערס באַשטימט.

אויך איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז אַלע זונטיק 6 אָוונט זאָלן פאַרקומען די פאַרוואַלטונג־זיצונגען צוזאַמען מיטן עלטערן־קאָמיטעט.

פרעזידענט — א. ראָזענבערג,

סעקרעטאַר — מ. זילבורג.

פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז אין דער ערשטער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט נאָך איינציקע טוערס פון ישוב, צווישן זיי דער ערשטער און לאַנגיאָריקער פאַרוואַלטער פון דער יידישער שולע, ה׳ מאיר בערגער, יוסף וויניעצקי, ל. וויינבערגער, ס. ראָזען א״אַ.

אין דעם „שול־אַלמאַנאַך״, וואָס די יידישע שולע האָט אַרויסגע־געבן צו איר צעניאָריקן יובל, אין 1934, געפינען מיר אַ רירנדיקע באַשרייבונג פון ח. ב. טאַפּעלאָוו (איינער פון די בויער און לאַנגיאָ־ריקער געטרייער שולטוער) וועגן די ערשטע שריט אין דעם לעבן פון דער שולע. מיר ברענגען דאָ עטלעכע אויסצוגן, וואָס האָבן אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט:

„ווען דער שטויב איז נאָך ניט אָפּגעטרייסלט געוואָרן פון די וואַנדער־מלבושים; ווען מען איז אַרומגעגאַנגען, ווי די שאָטנס, און געזוכט אַן אָנלען פאַר דעם מידן גוף, — שוין דאַן האָבן יידישע מענטשן פאַרשטאַנען, אַז דער יסוד פון דעם יידישן ישוב אין מעקסיקע איז די יידישע דערציונג פון דעם יונגן דור.

(...) ענדע 1924 האָבן די שיפן אויסגעשפּיגן אויף די ברעגעס פון מעקסיקע אַ 400 עמיגראַנטן. מע האָט מקנא גע־ווען דעם, וואָס האָט באַוויזן צו קומען פריער און זיך איינ־אָרדענען מיט אַ פּעקל קראַוואַטן אויפן אָרעם; און דער, וואָס האָט זיך איינגעאָרדנט מיט אַ „פּועסטאָ״ שטאָלוואַרג אָדער אַנדערע סחורות, איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גליקלעכן.

יעדער איז געווען פאַרנומען מיט דאגת הפּרנסה, אין אַ לאַנד, וואו דער ניי געקומענער איז געווען אָן אַ לשון.

און דאָ פּלוצלינג רופט מען אַ פאַרזאַמלונג פון עלטערן וועגן דער שאַפונג פון אַ שול! (...)

ס'האָבן זיך פאַרשריבן בערך 30 קינדער מיט אַביישטייערונג פון 70 פּעזעס אַ חודש, און ס'איז געשאַפן געוואָרן די שול אונטער דער לייטונג פון „נדחי־ישראל", מיט איר דע־מאָלטיקן פּרעזידענט א. ראָזענבערג. מע האָט געדונגען עט־לעכע חושכדיקע צימערן אויף קאָלאָמביאַ 39, און עס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן צוויי לערערס — מאיר בערגער און יוסף וויניעצקי — און ה' מ. זילבורג אַלס משגיח. דער בודזשעט פון שול האָט געדאַרפט געדעקט ווערן דורך שכר־לימוד און 50 סענט אַ חודש פון יעדן מיטגליד פון „נדחי־ישראל". און אַז מע האָט אויסגערעכנט, אַז ס'וועט פעלן עפּעס — האָט די פאַנטאַזיע אויסגעהאָלפן מיט האָפענונגען אויף די רייכע ברידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע וועלן דאָך זיכער שטיצן די שולע (...)

כאָטש די פּראָגראַם איז ניט געווען קיין צופרידנשטעלנ־דיקע, דאָך האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקייט אין דער אַר־בעט; די צוקונפט האָט פיל פאַרשפּראָכן; ס'האָט זיך געפילט אַ פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט ביי דער גרופּע, וועלכע האָט זיך באַטראַכט — און מיט רעכט — אַז זי איז דער פּיאָנער, וואָס בויט אַ נייע היים אויף געזונטע יידישע יסודות.

איידער מע האָט באַוויזן עפּעס־וואָס אויפצוטאָן, האָט מען שוין דערפילט אַ מאַנגל אין מאַטעריעלע מיטלען. די פירער פון דער נאָר־וואָס געגרינדעטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן איבערגענומען דעם „בית־ספר עברי" אין זייער רשות, אָבער מער ווי אַ חודש צייט האָבן זיי ניט אויסגעהאַלטן.

די פאַרוואַלטונגען פון די אַנדערע עקזיסטירנדיקע גע־זעלשאַפטן האָבן — צוליב די אָדער יענע סיבות — ניט גע־קאָנט אָנפירן מיט דער שול. די שול האָט געמוזט ווערן אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע פון און פאַר דעם ישוב".

די ווייטערדיקע געשיכטע פון דער שולע * — דאָס איז אַ קאַ־

---

* פּרטימדיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער יידישער שולע

פיטל פאַר זיך, לכל הפחות האָט עס שוין ניט קיין דירעקטע שייכות מיט דער געשיכטע פון „נדחי־ישראל", מיט וועלכער מיר פאַרנעמען זיך איצט. „נדחי־ישראל" האָט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ארוסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע און אָפּטמאָל אַ וואַרעמע באַציונג צו דער יידישער שולע, הגם זי איז שוין געווען אַ זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע פאַר זיך.

אַז „נדחי־ישראל" איז געשטאַנען אין פריינדלעכן קאָנטאַקט מיט דער שולע, איז צו זען פון פיל פּראָטאָקאָלן. די פאַרוואַלטונג דעלעגירט פיל מאָל אירע פאַרשטייער (אויף דער איינלאַדונג פון דער שולע) צו פאַרשיידענע פייערלעכקייטן און אַנדערע געלעגנהייטן. דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר אַ פאַרצייכענונג דעם 15 דעצעמבער 1929, אַז „נדחי־ישראל" **„דעלעגירט די ה"ה גערשענזאָן און גאָלדפעדער אויף די עקזאַמענס דעם 22 דעצעמבער ה"י"**. שפּעטער געפינען מיר אָפט פאַרצייכנט, אַז „נדחי־ישראל" באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע שמחות פון דער שולע, ווי סוף־שול־יאָר פייערונגען, די שמחה פון חנוכת־הבית פון דער סעקונדאַריע (6טער מערץ 1938), אויף אַ באַנקעט, אויף אַ טרויער־אַקאַדעמיע לכבוד די געפאַלענע יידן אין פוילן (8 אָקטאָבער 1939).

ווען די פינאַנציעלע לאַגע פון „נדחי־ישראל" האָט זיך פאַרבעסערט, האָט מען באַשלאָסן אויך מאַטעריעל צו שטיצן די שולע. די ערשטע פאַרצייכענונג וועגן דעם געפינען מיר אין דעם פּראָטאָקאָל פון 30 יאַנואַר 1938. מיר דערוויסן זיך, אַז עס האָט זיך געמאָלדן **„אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער שולע וועגן אַ מאָנאַטלעכער שטיצע"**. אמת, אויף דער דערמאָנטער זיצונג האָט מען קיין באַשלוס נישט אָנגענומען וועגן דעם — מע האָט די פראַגע אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטער זיצונג (קיין סיבות דערצו זיינען נישט אָנגעגעבן), אָבער טאַקע אויף דער נאָענטסטער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּאָזיטיווער באַשלוס: **„באַשטימט שטיצן די יידישע שולע, מאָנאַטלעך, אויף דעם יאָר, מיט 100 פּעזעס"**. שפּעטער געפינען מיר עטלעכע מאָל פאַרצייכענונגען סיי וועגן אָנהאַלטן ווייטער די סובסידיע, סיי וועגן דעם אויסצאָלן — אמת ניט תמיד רעגולער — די סובסידיע פאַר דער שולע.

* * *

קאָן מען געפינען אין די „יובל־ביכער" פון 1934, 1944 און 1950, באַזונדערס אין די אַרטיקלען פון ל. באַיאָן, מ. בערגער, מ. רובינשטיין, י. וויניעצקי און אַנדערע.

אומקערנדיק זיך צו דער פראַגע וועגן דער טראַדיציאָנעל־רעלי־גיעזער דערציִונג, וואָס וועגן איר האָט „נדחי־ישראל" געזאָרגט אין דער ערשטער ריי, דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז במשך פון אַ ריי יאָרן פעלן פּראָטאָקאָלאַרישע מאַטעריאַלן בנוגע דער טעטיקייט פון דער תּלמוד־תּורה, וואָס די „נדחי־ישראל" האָט געשאַפן.

די ערשטע ידיעה, וועלכע געפינט זיך אין אונדזער רשות, באַציט זיך שוין צום יאָר 1928: מיר ווערן געוואָר, אַז די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" האָט **„באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פאַר דער תּלמוד־תּורה די סומע פון 500 פּעזעס"**. פון דעם פּראָטאָקאָל (26 נאָוועמבער 1928) איז ניט קלאָר, צי איז דאָס געווען אַ כסדרדיקע אונטערשטיצונג, צי אַן איינמאָליקע — גיכער דאָס לעצטע, אורטיילנדיק לויט דער, פאַר יענער צייט, גרויסער סומע.

פון די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן ווערט קלאָר, אַז צו יענער צייט איז די תּלמוד־תּורה־אָנפירונג אין גאַנצן געווען אַרויסגעגאַנגען פון רשות פון „נדחי־ישראל", אָדער זי איז געשטאַנען אין אַ קאָנפליקט מיט דער „נדחי־ישראל"־פאַרוואַלטונג. אין פּראָטאָקאָל פון 14 יולי 1929 לייענען מיר: **„אויפן בריוו, וועלכער איז אָנגעקומען פון דער תּלמוד־תּורה, ווערט באַשטימט אָן ענטפער, אַז „נדחי־ישראל" וועט מיט זיי ניט האָבן קיין דין־תּורה, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט ביי זיי ניט זיין קיין קאָנסטיטואירטע פאַרוואַלטונג"**. דערפון דאַרף מען דרינגען, אַז די טוערס פון „נדחי־ישראל" האָבן געהאַלטן, אַז בראש פון דער תּלמוד־תּורה־אָנפירונג געפינען זיך מענטשן, וואָס זיינען נישט געוויילט געוואָרן לעגאַל, און דעריבער וויל מען מיט זיי ניט פירן קיין שום אונטערהאַנדלונגען.

זעט אויס אָבער, אַז די לאַגע איז געווען אַן ערנסטע, און מע האָט געוואָלט פאָרט קומען צו אַן אויסגלייך (וועגן תוך פון סכסוך איז גאָר נישטאָ), דעריבער ווערט אויף דער צווייטער זיצונג פון „נדחי־ישראל" (28 יולי 1929) באַשלאָסן יאָ צו גיין צו אַ דין־תּורה מיט דער תּלמוד־תּורה־אָנפירונג און מע בעט זיי אָנצוגעבן זייערע בוררים.

וואָס עס איז געוואָרן מיט דער דין־תּורה און צי איז זי בכלל פאָרגעקומען — דאָס קאָן מען פון די פּראָטאָקאָלן ניט דערגיין. אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" דעם 1טן סעפּ־טעמבער 1929 ווערט ווידער באַהאַנדלט די פראַגע פון דער תּלמוד־תּורה, און מע באַשליסט נאָך אַ מאָל גאַנץ קאַטעגאָריש, **אַז אַזוי לאַנג ווי די תּלמוד־תּורה וועט ניט רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג** פון אַלע אירע מיטגלידער אין לאָקאַל פון „נדחי־ישראל" און ניט

קלייבן אַ פאַרוואַלטונג, — **„אַזוי לאַנג וועט „נדחי־ישראל" גאָר־ נישט טאָן פאַר איר".**

במשך פון עטלעכע יאָר געפינט נישט דער ענין תלמוד־תורה קיין שום אַפשפּיגלונג אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל". מע קאָן אויספירן, אַז די פריערדיקע תלמוד־תורה האָט אויפגעהערט צו עק־ זיסטירן, ווייל אין יאָר 1936 קומט אַרויף אויף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג (7טער יוני) אַ פאָרשלאָג פון ה׳ כ״ק, אַז מע זאָל וואָס שנעלער **„עפענען די תלמוד־תורה אויפן נאָמען פון „נדחי־ישראל".** קיין שום קאָנקרעטער באַשלוס איז אויף אָט דער זיצונג נישט אָנ־ גענומען געוואָרן, אַ חוץ אויסקלייבן אַ קאָמיסיע (ניט אָנגעגעבן ווע־ מען), וואָס האָט, זעט אויס, געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע דעם ענין אויסצופאָרשן און קומען מיט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן.

והא ראיה — אויף איינער פון די ווייטערדיקע זיצונגען (דעם 30 יולי 1936) ווערט שוין אָנגענומען אַ באַשלוס, אויפן פאָרשלאָג פון רב, אַז די תלמוד־תורה זאָל געדופן ווערן **„תלמוד־תורה יבנה ביי נדחי־ישראל".** עס ווערן אויך אָנגענומען געוויסע פינאַנציעלע הת־ חייבותן מצד דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" לגבי דעם בו־ דזשעט פון דער תלמוד־תורה, דהיינו: **„נדחי־ישראל" פאַרפליכטעט זיך צו שטיצן מיט 3 מאָנאַטן רענט, יעדן מאָנאַט צו 100 פּעזעס, און פאַר איין חודש שכר־לימוד, ביז 250 פּעזעס".**

בכלל לאָזט זיך מערקן, אַז דער רב ראַפאַלין איז דאָס געווען דער גורם, וואָס מע האָט זיך אָנגעהויבן געזענטער צו אינטערעסירן סיי מיטן בודזשעט פון דער תלמוד־תורה סיי מיטן אינהאַלט פון דער דערציונג דאָרט. אָבער די ערשטע צייט גייט דאָס צו שווער. דאָס איז צו זען דערפון, וואָס אין אַ צייט אַרום ווערט אפילו אָנגענומען אַ באַשלוס אָפּצושטעלן די מאָנאַטלעכע סובסידיע פאַר דער תלמוד־ תורה אין דער גרייס פון 150 פּעזעס (דעם 6טן מערץ 1938). אין עטלעכע חדשים אַרום שווימט די פראַגע אַרויס אויפן סדר־היום. אין פּראָטאָקאָל פון 29טן מאַי 1938 לייענען מיר:

„דער פּרעזידענט באַדויערט דעם פאַקט, וואָס די פריער־ דיקע תלמוד־תורה איז צעשטערט געוואָרן, און קיין צווייטע איז נישט געשאַפן געוואָרן, ער לייגט פאָר איינלאַדן דעם ה׳ מאיר רובינשטיין און באַהאַנדלען מיט אים וועגן אַריינגיין ווייטער אַרבעטן אין דער תלמוד־תורה. די פאַרהאַנדלונגען זאָל אָנפירן דער תלמוד־תורה־קאָמיטעט".

זעט אויס, אַז די דאָזיקע פּרוּוון האָבן זיך נישט איינגעגעבן, ווייל שפּעטער מיט עטלעכע חדשים נעמט זיך צו דעם ענין דער ה׳ אליעזר מאַשינסקי, צו „רעאָרגאַניזירונג פון דער תלמוד־תורה", — ווי עס זאָגט זיך אין פּראָטאָקאָל פון 30 אָקטאָבער 1938.

אין עטלעכע חדשים שפּעטער לעבט די תלמוד־תורה ווידער אַ מאָל איבער אַ קריזיס. אויף דער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" דעם 19 פעברואַר 1939 ווענדעט זיך הרב גאָלדבערג, פאַרלייגנדיק, אַז היות ער האָט געהערט, אַז די תלמוד־תורה האַלט ביי געשלאָסן ווערן, „זאָל מען אים אַנטרויען די אָנפירונג מיט דער תלמוד־תורה אויף נאָך אַ חודש, דענקענדיק, אַז אים וועט געלינגען אָוועקשטעלן די ת״ת אויף איר געהעריקן פּלאַץ". מע נעמט דעמאָלט אָן אַ באַשלוס, אַז מיט דער תלמוד־תורה זאָלן ווייטער אָנפירן הרב ראַפּאַלין, הרב גאָלדבערג, און ה׳ אליעזר מאַשינסקי.

אויף דער זיצונג דעם 23 דעצעמבער 1939 קומט פאָר אַ גע־מיינזאַמע זיצונג מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער תלמוד־תורה, אויף וועלכער הרב ראַפּאַלין אינפאָרמירט, אַז עס זיינען פאַרשריבן 44 תלמידים. די תלמוד־תורה האַלט זיך אויס פון שכר־לימוד, פון זאַמ־לונגען ביי מיטגליעדער און פון זאַמלונגען אויף שמחות. דער רב גיט צו, אַז די ת״ת האָט אַ דעפיציט פון 100 פּעזעס, „ווייל עס זיינען לעצטנס געווען ווייניק שמחות".

אין אַ חודש אַרום קומט ווידער דער רב ראַפּאַלין מיט אַ פאָר־שלאָג, אַז „מע זאָל קלייבן אַ טעטיקע פאַרוואַלטונג פון דער תלמוד־תורה, וועלכע זאָל מאַכן אויסבעסערונגען אויף פאַרשיידענע גע־ביטן". עס ווערט טאַקע דעמאָלט געקליבן אַ ספּעציעלע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנד פון די ה״ה: הרב ראַפּאַלין — ערן־פּרעזידענט; מאַ־שינסקי — פּרעזידענט; ניעדוויעדאָוויטש — וויצע־פּרעז.; פעלדמאַן, סעקרעטאַר; ראָזענבערג — קאַסיר; לעווין — קאָמיסאַר; רעוויזיאָנס־קאָמיסיע — די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל".

די פּראָבלעם פון רעליגיעזער דערציונג איז אָבער געלייזט גע־וואָרן ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען די תלמוד־תורה „יבנה" איז אַוועקגעגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, וואָס אַלע יידישע שולן אין מעקסיקע — צו ווערן אַ גאַנצע טאָגשול, נאַטירלעך מיט איר באַזונדערן — רעליגיעזן — אַקצענט.

צום ערשטן איז דער פאָרשלאָג אַרויסגעשוואומען אויף דער זי־צונג פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" דעם 26 אָקטאָבער 1941, ווען דער ה׳ קליף האָט פאָרגעלייגט, אַז „די תלמוד־תורה

„יבנה" זאָל ווערן אַן אינקאָרפּאָרירטע שולע פון דער רעגירונג, פאַר אַ גאַנצן טאָג, מיט שפּאַנישע לימודים". אויף אַ צווייטער, ספּעציע־לער זיצונג איז דער פאָרשלאָג קאָנקרעטיזירט געוואָרן אין אַ באַשלוס:

„רעאָרגאַניזירן די תלמוד־תורה „יבנה" אין אַ שולע, אינ־קאָרפּאָרירט ביי דער רעגירונג, מיט שפּאַנישע לימודים, מיט אַ רעגירונגס־פּראָגראַם. די שולע זאָל זיך רופן אין שפּאַניש „עסקועלאַ „יבנה" דע לאַ בענעפּיסענסיאַ „נדחי־ישראל"; אין יידיש — „בית־ספר יבנה ביי נדחי־ישראל". ס'ווערן דעלעג־גירט די ה"ה קראַכמאַלניק, קליף, גאָלדבערג צום ה' סוראַסקי — בעטן זיין מיטהילף צו באַקומען די דערלויבעניש פון דער רעגירונג. ס'ווערט געוויילט אַ קאָמיסיע צו רעמאָנטירן דעם אונטערשטן לאָקאַל פון כעסום מאַריאַ 3 פאַר דער שולע".

(פּראָטאָקאָל פון 28 אָקטאָבער, 1941).

אין עטלעכע וואָכן אַרום נעמט מען אָן נאָך עטלעכע וויכטיקע באַשלוסן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער שול און וועגן איר בו־דזשעט. דהיינו, עס ווערט באַשלאָסן, אַז **„די שול זאָל האָבן אַ פּריי־מאַריע און סעקונדאַריע; אַז קיין שכר־לימוד זאָל מען די ערשטע צייט ניט נעמען; אַז מען זאָל פאַר דער שולע באַשטימען פון „נדחי־ישראל" אַ בודזשעט פון 2000 פּעזאָס אַ חודש"** (פּראָטאָקאָל פון 11 נאָוועמבער 1941). אַזוי אַרום איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער „יבנה־שול", וואָס פאַרמאָגט שוין היינט צו טאָג אויך אַ פּרע־פּאַראַטאָריע־אָפּטיילונג און איז די צווייט־גרעסטע — לויט דער צאָל קינדער — יידישע שולע אין מעקסיקע.

בערך אין דער אייגענער צייט קומט אויף די דריטע יידישע שולע אין מעקסיקע — די „תרבות־שולע", ווי אַ רעזולטאַט פון דער פאַר־אויסגייענדיקער דיפערענציאַציע אין דעם יידישן חינוך. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַן אינערלעכער מחלוקת — אַ מחלוקת לשם שמים — אין דער יידישער שול צווישן לערער מיט פאַרשיידענע פּאָליטי־שע אָנשויונגען (דער עיקר נאָכן אָנקומען פון דעם לערער פון ארץ ישראל, ה' **אבנר אליפז**), און דער סוף איז געווען, אַז אַ גרופּע על־טערן און לערער מיט שאַרפער אויסגעשפּראָכענע ציוניסטיש־העב־רעיסטישע טענדענצן האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געשאַפן אַ באַ־זונדערע שולע.

„נדחי־ישראל" האָט אין דער גרינדונג און אָרגאַניזירונג פון דער „תרבות־שולע" קיין אָנטייל נישט גענומען. מיר דערמאָנען עס דאָ דערפאַר, ווייל בעתן אויסברוך פון קאָנפליקט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שפּאַלטונג וועט ברענגען אַ גרויסן שאָדן דער יידי־שער שולע, — האָט מען דעם סכסוך פאַרגעבראַכט פאַר דער פאַר־וואַלטונג פון „נדחי־ישראל", כדי צו געפינען אַ וועג צו אַן אויס־גלייך.

פון פּראָטאָקאָל פון 29 יוני 1941 דערוויסן מיר זיך, אַז ס'איז צו דער זיצונג געקומען „אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער שולע, וועלכע בעט, אַז די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" זאָל אינטער־ווענירן אין דעם אינצידענט, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דער יידי־שער שולע". עס ווערט באַשלאָסן „אַרויסרופן פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון שול־קאָמיטעט אויף דעם ערשטן יולי צו באַטראַכטן דעם ענין".

דעם ערשטן יולי איז טאַקע אַזאַ זיצונג פאָרגעקומען מיט פאָר־שטייער פון ביידע צדדים און ,ווי עס זאָגט דער פּראָטאָקאָל: „נאָך פילע דיסקוסיעס באַשליסט די פאַרוואַלטונג, אַז ביידע צדדים זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף דעם פּסק פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל". ביידע צדדים פאַרפליכטן זיך אונטערשרייבן די רעזאָלוציע אין פאַר־לויף פון 24 שעה" (דער טעקסט פון דער רעזאָלוציע איז נישטאָ).

זעט אויס אָבער, אַז די דערמאָנטע רעזאָלוציע האָט די צדדים נישט באַפרידיקט — דער עיקר טאַקע די אָנפירער פון דער יידי־שער שולע — און צו קיין אויסגלייך איז נישט געקומען, כאָטש דער ענין איז נאָך געשטאַנען עטלעכע מאָל אויף די זיצונגען פון „נדחי־ישראל" (פּראָטאָקאָלן פון 6טן און 13טן יולי 1941). צום נייעם שוליאָר (1942) האָט זיך טאַקע די נייע העברעישע שולע געעפנט, און די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" באַטייליקט זיך אָפיציעל, דורך אירן אַ דעלעגאַט, אין דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער „תרבות־שולע" (פּראָטאָקאָל פון 11 יאַנואַר 1942).

ז.

די זאָרג פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן

„נדחי־ישראל״, וואָס איז אויפגעקומען, דער עיקר, ווי אַן אינ־סטיטוציע פון רעליגיעזן כאַראַקטער, האָט טאַקע זייער אַ סך אויפ־מערקזאַמקייט געשענקט דער זאָרג און דער באַפרידיקונג פון די רעליגיעזע הצטרכותן פון אירע מיטגלידער און פון גאַנצן ישוב בכלל.

צווישן די ניי איינגעוואַנדערטע יידן אין מעקסיקע האָבן זיך געפונען אַ געוויסע צאָל אמת פרומע און געטרייע יידן, און אייניקע פון זיי זיינען געווען יידן בני־תורה. האָבן זיי טאַקע גלייך פון אָנ־הייב אָנגעהויבן זאָרגן וועגן דעם, אַז דער נייער ישוב זאָל זיך פירן אין גייסט פון דער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, מע זאָל אָפּהיטן יידישע דינים און מנהגים, בעיקר אין די ענינים פון כשרות און טהרות־המשפחה.

דער ענין כשרות נעמט אָן אַ באַזונדערע שאַרפקייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען דער ישוב צעוואַקסט זיך און עס הייבט אָן שווערער ווערן דער קאָנטראָל איבער דעם. די קהילה הייבט אָן טראַכטן וועגן איבערנעמען דעם פאַרקויף פון כשר פלייש אין די אייגענע הענט, זעט אויס, מיט דער כוונה צו קאָנען האָבן איבער דעם די געהעריקע השגחה. דעם 7טן יולי ווערט אויף דער פאַר־וואַלטונגס־זיצונג פון „נדחי־ישראל״ אַרומגערעדט די פראַגע **„וועגן איבערנעמען די יאַטקע ביי ה׳ שבת״**. אין אַ חודש אַרום שווימט אַרויס אַן אַנדער פּראָיעקט:

> „עס ווערט באַשלאָסן צו מאַכן אַ יאַטקע אין געגנט פון כעסוס מאַריאַ *; אַלס שותף ווערט צוגענומען דער קצב ה׳ אברהם קוריוואָווסקי. ער איז מחויב אַריינצולייגן אַ גע־וויסע סומע געלט. דער ריווח פון דער יאַטקע וועט זיין: אַ העלפט פאַר „נדחי־ישראל״ און אַ העלפט פאַרן קצב. די פאַר־

* דער קוואַרטאַל, וואו עס האָבן דעמאָלט געוואוינט אַ סך יידן.

וואַלטונג איז פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר דער צייט, ווען זי עקזיסטירט. אין פאַל פון קלייבן אַ פרישע, האָט די איצטיקע דאָס רעכט אַרויסצונעמען פון קאַסע פון „נדחי־ישראל" די גאַנצע פריוואַטע געלט. דער קאָנטראַקט איז גילטיק 3 מאָנאַטן אַלס אַ פּראָבע".

(פּראָטאָקאָל פון 6טן אויגוסט 1929).

מיטן ענין כשר פלייש איז געווען ענג פאַרבונדן דער ענין שחיטה און שוחטים, וואָס האָט אויך נישט ווייניק דאגות פאַרשאַפט די רעליגיעזע יידן און דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל", בפרט ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן (ווי ס'איז צו פאַרשטיין פון געוויסע אָנצוהערענישן אין די פּראָטאָקאָלן) מיט געוויסע פּערזענלעכע אַמביציעס און מחלוקתן.

ווענדיק אַריינברענגען אַ טאָלק אין דעם ענין, באַשליסט די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל", „מע זאָל מעלדן „אגודת־אחים", אַז עס דאַרף פאָרקומען אַן עקזאַמען פון קאַנדידאַטן אויף שוחטים, און ס'וועלן איינגעלאַדן 2 דעלעגאַטן פון „אגודת־אחים" *. אויב זיי וועלן ניט קומען, וועט דער עקזאַמען אַדורכגעפירט ווערן אָן זיי. די קאַנדידאַטן זיינען די ה"ה לעווין, גאַרבאַשעוויטש און ראַפּאַפּאָרט". (פּראָטאָקאָל פון 24טן אָקטאָבער 1929).

אין עטלעכע יאָר אַרום שווימט ווידער אַרויף דער ענין כשרע שחיטה בשייכות מיט אַ קאָנפליקט צווישן דער קהילה און טייל קצבים, וואָס האָבן זיך געוואָלט, זעט אויס, אַרויסברעכן פון דער קהילה־השגחה. אויף דער זיצונג דעם 7טן פעברואַר 1932 איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ בריוו פון די שוחטים קליף און יאַבלאָנאָוויטש, אַז „נדחי־ישראל" זאָל זיך אַריינמישן אין ענין השוחטים. מע באַשליסט דעמאָלט אַרויסצורופן די ספרדישע שוחטים, „זיי זאָלן חתמענען אַ כתב, אַז אין צייט ווען „נדחי־ישראל" וועט אָנפירן אַ קאַמף מיט די קצבים, זיי זאָלן צאָלן שחיטה־געלט אין אַ קאָמיטעט פון באַלעבאַטים פון ביידע שולן, טאָרן זיי ניט קיין פוס אַרויסטרעטן שעכטן צו די קצבים, וועלכע האַנדלען אויסער קאָלאָניע ראַמאַ" **.

---

* אַ צווייטע רעליגיעזע חברה פון אשכנזישע יידן.

** דער קוואַרטאַל, וואו עס האָבן זיך דעמאָלט קאָנצענטרירט די ספרדישע יידן.

די ספרדישע שוחטים האָבן טאַקע שפּעטער אַזאַ כתב אונטער־געשריבן, אָבער דער קאָנפליקט גופא איז נאָך דערמיט ניט דער־ליידיקט געוואָרן צוליב געוויסע חילוקי דעות צווישן „נדחי־ישראל" און „אגודת־אחים", ווי אויך צוליב דער שטעלונג פון שוחט מאיר לעווין. אין דעריבער איז נאָך דער ענין אַ לענגערע צייט ניט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג (פּראָטאָק. פון 15טן און 21טן פעברואר און 6טן מערץ 1932).

ערשט מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז געקומען צו אַ פּאַר־שטענדיקונג, וואָס האָט אפילו דערפירט צו אַ ברייטערן הסכם. אין פּראָטאָקאָל פון 18טן יוני 1932 לייענען מיר:

> „ה' שור גיט איבער אַ באַריכט וועגן אַ פאַרזאַמלונג אין „אגודת־אחים", אויף וועלכער עס זיינען אָנוועזנד געווען 30 מאַן פוןביידע שולן. די פאַרזאַמלונג האָט באַלאָסן גרינדן אַ „ועד הכשרות" מיט פאָרשטייער פון אַלע שולן. די ה"ה טראָט־נער, ליטוואַק און שור ווערן דעלעגירט אין ועד הכשרות".

די ערשטע צייט האָט דער דאָזיקער ועד חכשרות געאַרבעט גאַנץ ענערגיש (מע האָט אָנגעשטעלט משגיחים אין אַ צאָל יאַטקעס אד"גל), מיט דער צייט אָבער איז די אַרבעט זיינע אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ביז זי איז אין גאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן, און מיט עט־לעכע יאָר שפּעטער האָט מען נאָך אַ מאָל געשאַפן אַזאַ ועד, אין יאָר 1936, דעמאָלט ווען די קהילה האָט שוין געהאַט אַ רב, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפזיכט איבער דעם ענין.

אַ פּרוּוו צו קאָאָרדינירן די השגחה איבער די רעליגיעזע עני־נים בכלל איז נאָך געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1933, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געמיינזאַמער שטענדיקער „קאָמיטעט פאַר רע־ליגיעזע ענינים", אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאָרשטייער פון דריי רעליגיעזע חברות: „נדחי־ישראל", „אגודת־אחים" און „תפרת־ישראל"*. דער דאָזיקער „פאַראייניקטער קאָמיטעט" האָט אָבער קיין אריכת־ימים נישט געהאַט און קיין קענטיקע שפּורן פון זיין טעטיקייט זיינען אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל" נישט פאַרבליבן. עס האָט זיך אָבער ווייטער געפילט די נויטווענדיקייט צו האָבן אַ רעליגיעזן אויטאָריטעט, און מע האָט זיך ענערגיש גענומען אַראָפּ־צוברענגען אַ רב.

---

* אויך אַ רעליגיעזע חברה פון די אשכנזישע יידן. וועגן איר — זע שפּעטער.

ח.

אַ קהילה דאַרף האָבן אַ רב

די ערשטע פּאַרצייכענונגען וועגן דעם, אַז די קהילה „נדחי-ישראל" באַמיט זיך צו קריגן אַ רב, געפינען מיר אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאַרוואַלטונג-זיצונג דעם 16טן יוני 1929. מיר דערוויסן זיך דאָ, אַז מע האָט שוין אפילו אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אַ קאַנדידאַט, אַ געוויסן **הרב גליקסבערג**, און מע האָט אים שוין אפילו געשיקט אַ כתב הרבנות מיט געלט:

„...עס ווערט אויך באַשטימט אַרויסצושיקן אַ בריוו צו הרב גליקסבערג מיטן אינהאַלט, אַז אויב ער וועט אין פאַרלויף פון 4 וואָכן ניט ענטפערן אויפן בריוו, וועלכן ס'האָט אים געשיקט דער ה' כיניטש אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג, — דאַן ווערן די אונטערהאַנדלונגען איבערגעריסן. אַזוי גוט ווי „נדחי-ישראל" נייטיקט זיך אין אַ רב, בעט מען דעם הרב גליקסבערג, ער זאָל וואָס שנעלער אָפּשיקן דאָס געלט מיטן כתב-רבנות".

דעם 14טן יולי לייענט מען אויף דער פאַרוואַלטונג-זיצונג אַ בריוו פון הרב גליקסבערג, אַז ער האָט ביז אַהער ניט געקאָנט קומען קיין מעקסיקע, ווייל ער האָט וויזע-שוועריקייטן — ווי נאָר ער וועט קריגן די וויזע, וועט ער קומען. די פאַרוואַלטונג פון „נדחי-ישראל" באַשליסט אָבער, אַז זי קאָן לענגער ניט וואַרטן און רייסט איבער די אונטערהאַנדלונגען מיט אים, מע בעט אים אויך אָפּשיקן דאָס באַקומענע געלט. צו העלפן קריגן אַן אַריינפאָר-דערלויבעניש האָט מען זיך דעמאָלט נאָך געפילט נישט בכוח, זעט אויס.

דערווייל זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך צוויי יאָר, און קיין רב איז אַלץ נאָך ניט געלונגען אַראָפּצוברענגען, הגם דער ענין איז ניט איין מאָל געשטאַנען אויפן טאָג-אָרדענונג און מע האָט געמוזט אַליין זאָרגן וועגן פאַרשיידנאַרטיקע רעליגיעזע ענינים, וואָס האָבן בפירוש געפאָדערט אַ רב. מיר געפינען אַפילו אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי-ישראל אַזאַ פאַרצייכענונג: „מיט דער איינשטימונג פון מאָן

און פרוי, אין דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל", ווערט באַשטימט די דאַטע פון אַרויסגעבן זיי אַ גט" (פראָט. פון אקט. 30).

אין נאָוועמבער 1930 ווערט צונויפגערופן אַ געמיינזאַמע זיצונג פון „נדחי־ישראל" און „אגודת־אחים", אויף וועלכער עס ווערט באַשלאָסן „אַראָפּצוברענגען דעם רב*. **די קאָסטן פון 400—500 פעזעס, וועלכע זיינען דערמיט פאַרבונדן, דאַרפן געדעקט ווערן פון ביידע אינסטיטוציעס אין גלייכע חלקים".**

אויך דאָס מאָל איז דערפון גאָרנישט געוואָרן, ווייל אין אַ יאָר אַרום ווערט דערמאָנט, אַז מע פירט אונטערהאַנדלונגען (ווידער אַ מאָל שותפות מיט „אגודת־אחים") מיט צוויי רבנים — **גוטניק און פאָרטמאַן.**

פון דעם שותפות מיט „„אגודת־אחים" איז אין גיכן גאָרנישט געוואָרן, ווייל יענע האָבן גאָר געגעבן אַ כתב־רבנות דעם ה' גאָלד־בערג, און „נדחי־ישראל" איז געווען קעגן דעם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף אַ ריי זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג. גלייכ־צייטיק הייבט מען ווידער אָן ענערגיש צו זוכן אַ קאַנדידאַט אויף אַ רב פאַר מעקסיקע. דעם 13טן אָקטאָבער 1931 ווערט אָנגענומען **„דער פאָרשלאָג פון ה' שוביטש, מע זאָל שרייבן צו דער אגודת הרבנים אין די שטאַטן, קיין ווילנע, צום רב רובינשטיין, אין קאָוו־נע, פאַלעסטינע, וואַרשע און אין נאָך ערטער, וואו מע וועט געפי־נען פאַר גייטיק, וועגן אַ רב. דער רב זאָל זיין אַ למדן, דרשן נפלא, הדרת־פנים, און אַ מאָדערנער רב".** אויף אַ צווייטער זיצונג (אין אַ וואָך אַרום) באַשליסט מען אַריינציען נאָך פאַרשיידענע יידישע אינס־טיטוציעס פון ישוב אין דעם ענין פון אַראָפּברענגען אַ רב און מע שיקט פאַרשטייער זיך צונויפצורעדן מיט דעם „הילפספאַראיין", „יאַנג־מען", ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און צו דער יידישער שולע.

זעט אויס, אַז אין רעזולטאַט פון די זוכונגען האָבן זיך געמאָלדן קאַנדידאַטן. צווישן אַנדערע האָט מען אויף די זיצונגען פון דער „נדחי־ישראל"־פאַרוואַלטונג באַטראַכט די קאַנדידאַטור פון הרב פינ־גער פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין הסכם צו פאַרנעמען דעם כסא הרבנות אין מעקסיקע. די פאַרוואַלטונג באַ־שליסט זיך נאָכפרעגן אויף אים, בתוכם שיקט מען אויך אַ בריוו

---

* זעט אויס, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָנקרעטן קאַנדידאַט, וואָס זיין נאָמען איז אין דעם פּראָטאָקאָל ניט דערמאָנט.

צו הרב פינגער אַליין, און וועלכע מע בעט אים ער זאָל אינפאָר־מירן „וועגן זיין געבורטשטאָט, און וועלכע שטעט און איראָפּע ער איז געוועזן רב, ווי אויך (שיקן) זיין פאָטאָגראַפיע" (פּראָטאָקאָלן פון 2טן אַפּריל און 21טן מאַי 1933).

די פראַגע וועגן רבנות אין מעקסיקע איז ערשט געלייזט גע־וואָרן מיטן קומען פון הרב ראַפּאַלין. צום ערשטן מאָל איז די קאַנ־דידאַטור פון הרב ראַפּאַלין אויפגעהויבן געוואָרן אויף אַ זיצונג פון „נדחי־ישראל" דעם 25טן דעצעמבער 1933. דעמאָלט איז באַשטימט געוואָרן „איבערגעבן די פראַגע צום פאַראייניקטן קאָמיטעט, און אויב „תפארת־ישראל" און „אגודת־אחים" וועלן ניט זיין איינשטי־מיק, זאָל „נדחי־ישראל" אַליין אויפנעמען (דעם רב ראַפּאַלין) אויפן אייגענעם חשבון". די אונטערהאַנדלונגען מיטן רב ראפאלין (וועל־כע עס האָבן געפירט אַ דעלעגאַציע פון „נדחי־ישראל" בראש מיט די ה"ה כיניטש און קלעצעל) האָבן זיך פאַרענדיקט גיך און פּאָזיטיוו. דער רב האָט מסכים געווען אָנצונעמען דעם כסא־הרבנות אין מעקסיקע, און די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" איז אַנטקעגנגע־קומען די באַדינגונגען, וועלכע עס האָט געשטעלט הרב ראַפּאַלין, דהיינו: „אַראָפּברענגען זיין פאַמיליע, איינאָרדענען אים אַ הויז, לע־גאַליזירן אים אין מעקסיקע און (געבן) אַ געהאַלט, ער זאָל האָבן גענוג צום לעבן". דאָך האָט ער „איינגעשטימט ציטווייליק אויף 200 פּעזעס מאָנאַטלעך" (פּראָטאָקאָלן פון 7־טן און 21טן יאַנואַר 1934).

דערמיט האָט דער אשכנזישער ישוב געקריגן זיין רב, דעם רעליגיעזן אויטאָריטעט. עס איז אויך מיט עטלעכע חדשים שפּע־טער געלייזט געוואָרן דער סכסוך מיט „אגודת־אחים" בנוגע הרב גאָלדבערג. עס זיינען אָנגענומען געוואָרן עטלעכע וויכטיקע באַ־שלוסן, וואָס האָבן צוריק געשטעלט די איינהייט צווישן די צוויי רעליגיעזע חברות אין מעקסיקע, דהיינו: „הרב ראַפּאַלין ווערט אָנערקענט אַלס רב, און ה׳ גאָלדבערג אַלס דיין; ה׳ גאָלדבערג נעמט אָן אָנטייל אין אַלע רעליגיעזע ענינים צוזאַמען מיט הרב ראַפּאַלין; „אגודת־אחים" גייט מעכאַניש אַריין אין פאַראייניקטן קאָמיטעט" (פּראָטאָקאָל פון 26טן אַפּריל 1934). שפּעטער מיט אַ יאָר, זעט אויס, בשייכות מיט געוויסע חילוקי־דעות, האָט מען אויף דער פאַרוואַל־טונג־זיצונג אָנגענומען נאָך אַ מאָל אַ באַשלוס, אַז „הרב ראַפּאַלין איז די העכסטע אינסטאַנץ אין רעליגיעזע ענינים אין מעקסיקע, און אַלע מוזן זיך אונטערוואַרפן אונטער זיין באַשלוס" (פּראָטאָקאָל פון 21טן אַפּריל 1935).

פון די פּראָטאָקאָלן איז צו זען אויך, אַז הרב ראַפאַלין האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט פון „נדחי־ישראל“, אַרויסקומענדיק מיט פאַרשלאָגן און איניציאַטיוועס אין פאַרשיידענע ענינים, נישט בלויז רעליגיעזע.

ט.

צדקה און הילף

די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון „נדחי-ישראל" האָט זי זיך כמעט ווי נישט פאַרנומען מיט קיין צדקה אָדער הילפסאַרבעט, ראשית, צוליב דעם וואָס אויפן ערשטן אָרט זיינען פאַר איר געשטאַנען די ריין רעליגיעזע פּראָבלעמען, צווייטנס — דער עיקר — דערפאַר ווייל די קהילה אַליין איז נאָך געווען אָרעם, ווי אויך אירע מיטגלידער, און די הילפסאַרבעט איז דעמאָלט דער עיקר געווען קאָנצענטרירט אין די הענט פון „בני-ברית"* און פון פרויען-פאַראיין. אמת, מיר געפינען אין די ערשטע פּראָטאָקאָלן איינציקע פאַרצייכענונגען פון דעם מין, ווי למשל, „**געגעבן אַ שטיצע אַ קראַנקן מיטגליד 30 פּעזאָס**" (פּראָטאָק. פון ד' פרשה תרומה, תרפ"ד). אָבער דאָס זיינען געווען אויסנאַם-פאַלן.

סימנים פון אַ געוויסער הילפסאַרבעט הייבן מיר אָן צו געפינען אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי-ישראל" זינט דעם סוף פון יאָר 1928. דער נאָמען און דער צוועק פון די אַסיגנירונגען זיינען פאַרשיידענע און אויף אַ פאַרשיידענעם אופן פאָרמולירט. עס זיינען דאָ פּראָטאָקאָלן, אין וועלכע דאָס ווערט אָנגערופן מיטן גאָר ניט שיינעם נאָמען „נדבה". אַמאָל איז פאַרשריבן סתם: „**באַשטימט אַ הילף אַ יידן מיט דער סומע פון כך וכך**"; צום אָפטסטן איז פאַרצייכנט: „**באַשטימט אַ שטיצע**". די אַרויסגעגעבענע שטיצעס זיינען דאָס רוב איינמאָליקע.

אַ וויכטיקע הילפסאַקציע איז געווען די אַקציע פון מעות-חטים, געפירט אין די טראַדיציעס פון די אַלטע יידישע קהילות אין אייראָפּע. יאָר-יערלעך האָט מען געזאַמלט מעות-חטים און פאַר דעם געלט האָט מען אַרויסגעהאָלפן יידן איינצואָרדענען זיך אַ כשרן פּסח; טייל מאָל פלעגט מען די הכנסות פון מעות-חטים, אויב עס פלעגט

---

* אַן אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען טעטיק אין מעקסיקע און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין די ערשטע שווערע יאָרן פון דער איינוואַנדערונג. זע ווייטער אין די קאַפּיטלען וועגן הילפספאַריין און באַנק.

בלייבן, פֿאַרווענדן אויף אַנדערע הצטרכותן. ס'איז כדאי צו ציטירן דעם ערשטן באַריכט פֿון דער מעות-חטים-אַקציע: דער פּראָטאָקאָל פֿון 21 אַפּריל 1929 אינפֿאָרמירט, אַז **„מצות האָט מען פֿאַרטיילט 1288 ליבּרעס; צוקער 44 קילאָגראַם; געלט מזומן — 571 פּעזעס. אויסער מצות און געלט, וואָס מע האָט אַרויסגעגעבן פֿאַר אָרעמע לייט אויף פּסח, האָט מען באַצאָלט פֿאַר מיטאָגן אין פֿאַרשיידענע כּשרע רעסטאָראַנען די סומע 886 פּעזעס"**.

אגב, זיינען דאָ אָנווייזונגען, אַז פֿון דער מצות-אַקציע, וואָס „נדחי-ישראל" פֿלעגט אָרגאַניזירן אַלע יאָרן, האָבן גענאָסן נישט בלויז די אשכנזישע ייִדן, נאָר אויך די טערקישע און אַראַבּישע ייִדן, ווי אויך ייִדן פֿון אויסער מעקסיקע (וועראַ קרוז, מאָנטעריי) דער פּראָטאָקאָל פֿון 16טן סעפּטעמבער 1934 דערציילט, אַז מע האָט **„באַשטימט צו שטעלן ערב יום-כּיפּור אַ קערה אין שול פֿאַרן צוועק פֿון אַ בית-עולם אין וועראַ קרוז"**. שפּעטער שרייבט מען זיי אויך, אַז ווען זיי וועלן אָנהייבן מאַכן זייער בית-עולם, וועט „נדחי-ישראל" זיי שטיצן, אויף וויפֿל ס'וועט זיין מעגלעך.

אַ גרויס אָרט אין דער הילפֿס-טעטיקייט פֿון „נדחי-ישראל" הייבט אָן ביסלעכוויז צו פֿאַרנעמען די קאָלעקטיווע שטיצע פֿאַר פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס*. די ערשטע ידיעה געפֿינען מיר אין פּראָטאָקאָל פֿון 4טן פֿעברואַר 1929, ווען מע באַשליסט אַ שטיצע פֿאַר דער „בענעפֿיסענסיאַ פּריוואַדאַ" מאָנאַטלעך 15 פּעזעס. דערנאָך ווערן די אַסיגנירונגען לטובת פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטן אַ כּסדרדיקע דערשיינונג. דעם 19טן אַפּריל 1931 **„ווערט אַרויסגעגעבן אַ שטיצע פֿאַרן קליינהענדלער-פֿאַראיין 100 פּעזעס"**. אין דעם אייגענעם יאָר הייבט אָן „נדחי-ישראל" סיסטעמאַטיש צו שטיצן דעם הילפֿספֿאַראיין: לכתחילה ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז **„פֿון איינקונפֿט פֿון די ימים-נוראים זאָל מען געבן דעם הילפֿספֿאַראיין 300 פּעזעס"** (23 אויגוסט 1931); שפּעטער ווערט שוין באַשטימט **„אַרויסצוגעבן דעם הילפֿספֿאַראיין אויף רעצעפּטן מאָנאַטלעך 200 פּעזעס"** (פּראָטאָקאָל פֿון 17 יאַנ. 1932). **„אויף אַ בריוו פֿון דער תּלמוד-תּורה „יבנה" וועגן הילף פֿאַר אויסקליידן אָרעמע קינדער, טראָגט אַריין ה' קאַץ אַ פֿאָרשלאָג, אַז „נדחי-ישראל" זאָל באַצאָלן די גאַנצע נייטיקע סומע (200 — 250 פּעזעס) פֿאַר דעם ציל. דער פֿאָרשלאָג ווערט אָנגענומען"** (פּראָט. פֿון 27 אויגוסט 1933).

* וועגן שטיצן די ייִדישע דערציונגס-אינסטיטוציעס — זע פֿריער.

מיט דער צייט, ווען דער ישוב האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט אויף די פיס, ווען יידן האָבן זיך שוין דערוואָרבן אַ נישקשהדיקן עקאָנאָמישן מצב, כדי צו קאָנען העלפן נישט בלויז זיך אַליין נאָר אויך אַנדערע, — הייבט אָן „נדחי־ישראל" צו שטיצן פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס פון אַ געזעלשאַפטלעכן און טורעלן כאַראַקטער, ווי אויך אַקציעס און א"ג קאַמפּיינען פון אויסלענדישע געזעלשאַפטן.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון אַ וועלט־כאַראַקטער, וואָס איז געשטיצט געוואָרן דורך „נדחי־ישראל", איז געווען דער „אָרט". אין פּראָטאָקאָל פון 17טן פעברואַר 1935 איז פאַרצייכנט, אַז מע האָט „גענומען אין אַכט אַ בריוו פון דער „פאָלקס־אָרט־פעדעראַציע פון ניו־יאָרק וועגן שטיצן דעם ד"ר אייזוראָוויטש אין זיין אַרבעט, וועגן ער וועט באַזוכן מעקסיקע". שפּעטער איז טאַקע באַשטימט געוואָרן צו העלפן דעם „אָרט" מיט 500 פּעזעס.

דערנאָך איז שוין אוועק אַ גאַנג — פאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע אַסיגנירונגען פאַר היגע און אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס: ייווו"אָ אין ווילנע, קרן־היסוד, מכבי, קרן־קימת, פאַר דער ליבאַוויטשער און אַנדערע ישיבות אויף דער וועלט, אאַ"וו.

גאָר אַ גרויסן פאַרנעם האָט די הילפס־טעטיקייט (סיי אינדיווידועלע סיי קאָלעקטיווע) פון „נדחי־ישראל" אָנגענומען אין די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, בשעת די פּוילישע און דייטשישע יידן האָבן איבערגעלעבט שווערע צייטן און ס'האָבן אָנגעהויבן קומען פּליטים, אויך שפּעטער, שוין נאָכן אויסברוך פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע פאַר דער וועלט בכלל און פאַרן יידישן פאָלק בפרט. דער יידישער ישוב אין מעקסיקע האָט זיך היים אָפּגערופן אויף די יידישע צרות, און אַלע יחידים און געזעלשאַפטן, בתוכם „נדחי־ישראל", האָבן זיך באַמיט צו טאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זייערע יכולתן צו לינדערן די נויטן.

די ערשטע פאַרצייכענונג וועגן אָט דער הילפסאַרבעט געפינען מיר שוין אין אַ פּראָטאָקאָל פון 26טן אַפּריל 1936, וואו עס ווערט גערעדט וועגן „זיך באַשטייערן פאַר די פּאָגראָמירטע יידן פון פּוילן מיט 200 פּעזעס". שפּעטער ווערן אַזעלכע אַסיגנירונגען אַלץ אָפטער. חוץ דעם טרעפט מען אָפט באַשלוסן וועגן אינדיווידועלע שטיצעס פאַר פאַרשיידענע פּליטים, ווי למשל: „באַשטימט הילף פאַר די יידיש־דייטשע דאָקטוירים"; „שטיצן אַ יידן מיט 15 טעג עסן און שלאָפן"; „שטיצן אַ דייטשן פּליטשלינג"; „לייען אַ דייטשן פּליט

1000 פעזעס" — אא"וו. דער פראטאקאל פון 14טן אפריל 1940 אינ־פארמירט, אז די פארוואלטונג פון „נדחי־ישראל" האט זיך באשטייערט פאר דער אקציע לטובת די מלחמה־געליטענע מיט 540 פעזעס, חוץ דעם אויך מיט א שיפסקארטע פאר 540 פעזעס, און פארן קא־מיטעט פון רבנים־פליטים אין קובא — 300 פעזעס. אין יאר 1941 ווערט איבערגעשיקט דעם דזשאינט לטובת דער הילפסארבעט פאר די אייראפעישע יידן די גרויסע סומע פון 2180 דאלאר. די פארוואל־טונג פון „נדחי־ישראל" נעמט אויך אויף פייערלעך דער ד"ר נחום גאלדמאן און באשטייערט זיך לטובת דעם „וועלט־קאנגרעס" מיט 500 דאלאר.

דאס איז געווען דער אנהייב פון די גרויסע קאמפיינען און אק־ציעס לטובת יידישע צוועקן, א דאנק וועלכע דער מעקסיקאנער יידישער ישוב האט געקריגן אזא גוטן שם אויף דער גאנצער וועלט פאר איר ווארעמען אפרופן זיך אויף אלערליי יידישע נויטן.

י.

קעגנזייטיקע הילף

מיר ווילן זיך איצט אומקערן צוריק, צו די ערשטע יאָרן פון דעם ישוב, צו אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דער הילפסאַרבעט, וואָס איז געווען נאָך וויכטיקער ווי די געוויינלעכע צדקה, — דאָס איז דאָס קאַפּיטל פון פּראָדוקטיווער און קאָנסטרוקטיווער הילף — פון קעגנזייטיקער הילף.

נישט יעדער האָט גענדאַרפט און געוואָלט אָנקומען נאָך צדקה. דאַקעגן האָבן זיך אַ סך יידן, באַזונדערס אין די ערשטע יאָרן פון איינאָרדענען, גענייטיקט אין אַ קאַפּיטאַל — זאָל זיין אַ מינימאַלן — כדי צו קאָנען עפּעס אָנהייבן טאָן, האַנדלען, פּאַרלייגן אַ וואַרשטאַט, קריגן אַ פּעקל סחורה אויף צו פאַרקויפן אא״וו. מע האָט זיך גענייטיקט אין אַ הלוואה אויף אַ קליינעם פּראָצענט אָדער בכלל אָן פּראָצענט — אין אַ גמילות-חסד. זיינען טאַקע ביי פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און חברות אויפגעקומען אַזעלכע גמילות-חסדים-און לייקאַסעס. אויך די מיטגלידער פון „נדחי-ישראל״ האָבן געוואָלט, אַז עס זאָל פאַר זיי געשאַפן ווערן אַ מעגלעכקייט פון אַזאַ מין קרעדיט. מע האָט געקלערט וועגן אַן אָרגאַניזירטער קראַנקן-הילף, וועגן פאַרזיכערונגען אד״גל.

שוין צום סוף פון 1929 ווערט אויף דער זיצונג פון דער „נדחי-ישראל״-פאַרוואַלטונג באַהאַנדלט „די פראַגע וועגן אַ קראַנקן-קאַסע (...) מע זאָל זיך פאַרשטענדיקן מיט אַ דאָקטאָר פון אַ קליניק, וועלכע ווערט באַזוכט אַ גאַנצן טאָג דורך קראַנקע״ (פּראָטאָקאָל פון 3טן נאָוועמבער 1929). ווידער דעם 1טן יאַנואַר 1930 ווערט באַשלאָסן „צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיטן ציל צו גרינדן אַ „חברה גמילות-חסדים של אמת״. אין אַ יאָר אַרום קומט ה׳ כ״ץ מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג „וועגן גרינדן אַ פאָנד פון 1000 פעזעס אויף אַרויסצוגעבן הלוואות״ (פּראָטאָקאָל פון 6טן דעצעמבער 1932).

זעט אויס, אַז די אַלע פאָרשלאָגן און פּלענער זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט ביי די מיטגלידער און טייל טוערס פון „נדחי-ישראל״. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 5טן פע-

ברואַר 1933: „ה׳ יעקב כ״ץ קריטיקירט די אַלטע פאַרוואַלטונג פאַר איר קאַלטער אַרבעט און פאַרן ניט דורכפירן דעם פאַרשלאַג וועגן גרינדן אַ לייקאַסע״. אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג זיינען טאַקע אָנגענומען געוואָרן אַ רייע פאַרשלאָגן און רעקאָמענדאַציעס פאַר דער קומענדיקער פאַרוואַלטונג אין דער ריכטונג. צווישן אַנדערע איז פאַרגעלייגט געוואָרן, אַז די נייע פאַרוואַלטונג זאָל אויספועלן ביי דער רעגירונג צו ענדערן דעם נאָמען פון דער געזעלשאַפט (אַנשטאַט "Alianza Beneficencia Nidje Israel" זאָל זי הייסן "Comunidad Alianza Beneficencia Nidje Israel" און מע זאָל אויסאַרבעטן, אין הסכם מיט די פאַרשריפטן פון דער רעגירונג, געהעריקע סטאַטוטן פאַר אַ לייקאַסע אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, נאָר פאַר מיטגלידער פון „נדחי־ישראל״. די פאַרזאַמלונג האָט אויך אָנגענומען אַ פאַרשלאַג פון ה׳ קלעצעל, מע זאָל „דורכפירן אַ קאַמפּאַניע פון סעגוראָס, וועגן אַ קאָלעקטיווע סעגוראַ פאַר אַלע מעמבערס פון „נדחי־ישראל״ און שאַפן אַ סעגוראַ־קאַסע״.

די ניי אויסגעוויילטע פאַרוואַלטונג איז ענערגיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און שוין אויף אַ נאָענטסטער זיצונג איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער סטאַטוט פון דער געגרינדעטער לייקאַסע. צוליב דער גרויסער באַדייטונג פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, ברענגען מיר אים אין זיין פולן טעקסט, אַזוי ווי ער איז אָנגעגעבן אין פּראָטאָקאָל פון דער פאַרברייטערטער זיצונג פון „נדחי־ישראל״ דעם 5טן מערץ 1933:

„סטאַטוט פון דער לייקאַסע ביי „נדחי־ישראל״

1. די איניציאַטיוו־גרופּע איז די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל״.

2. אַ פּאַי * האָט דעם פּרייז 10 פּעזעס.

3. אַלע פּאַישטשיקעס האָבן איין שטים, ניט קוקנדיק, וויפל מע זאָל האָבן**.

* פּאַי — אַקציע, איין אייניס פון אָנטייל; פּאַישטשיק — אַקציאָנער, אָנטיילנעמער (די ווערטער זיינען גענומען פון רוסיש).

** געמיינט מסתמא: וויפל פּאַיען (אַקציעס) עמעצער האָט געקויפט.

4. קויפן פּאַיעס האָט רעכט נאָר א מעמבער פון „נדחי־ישראל".

5. לייען געלט קאָן נאָר א מעמבער ביז 200 פּעזעס.

6. די הלוואה ווערט געמאַכט ביז 4 חדשים; די הלוואה ווערט צעטיילט פּראָפּאָרציאָנעל נאָך די סראָקן *, וועלכע דער בעל־חוב פאַרלאַנגט.

7. די הלוואות ווערן ארויסגעגעבן מיט אן אונטערשריפט פון איין זשיראַנט.

8. עס ווערט קאַבירט פאַר די הלוואות 1 פּראָצענט פון דער פאַקטישער סומע.

9. יעדער, וועלכער ווענדט זיך מיט א בקשה אויף א הלוואה, מוז אונטערשרייבן אן אנקעטע.

10. יעדער, וועלכער ווענדט זיך נאָך א הלוואה, מוז ווערן א מעמבער פון „נדחי־ישראל" און איינצאָלן 3 פּעזעס פאַר די פאַריקע 3 חדשים מעמבער־געלט.**

11. יעדער בעל־חוב האָט דאָס רעכט נאָכן איינצאָלן א העלפט פון זיין חוב־הלוואה (צו) בעטן דערפילן די ערשטע סומע זיינע.

12. אַלע פּאַישטשיקעס האָבן דאָס זעלבע רעכט אויף א הלוואה, נים קוקנדיק, וויפל פּאַיעס מע האָט.

13. דער סעקרעטאַר שיקט 2 אוויזאָס וועגן דער סומע פון דער צאָלונג — איין אוויזאָ דעם בעל־חוב, און די צווייטע — דעם זשיראַנט.

14. אויב דער בעל־חוב צאָלט ניט צום סראָק, ווערט וועגן דעם געמאָלדן דעם זשיראַנט אין דער צייט פון 24 שעה.

15. אויב ס'וועט זיין דיווידענד, ווערט דאָס צעטיילט פּראָפּאָרציאָנעל נאָך די פּאַיעס.

---

* סראָק — טערמין, ראַטע (פון רוסיש).

** פון דעם זעט מען, אַז מען האָט געוואָלט אריינוצין די לייקאַסע אויף אָרגאַניזאַציע וואָס מער מיטגלידער אין „נדחי־ישראל".

16. ווען די קאסע וועט האבן די מעגלעכקייט ארויס־צוגעבן הלוואות מער פון 200 פעזעס, דארף די מעסא דירעק־טיווא מעלדן וועגן דעם די מעמבערס.

17. יעדער פאישטשיק האט דאס רעכט צו פארקויפן זיין פאי נאר א מעמבער, מיט דער צושטימונג פון דער מעסא דירעקטיווא.

18. ווער עס וויל ארויסגיין פון די פאישטשיקעס, קען ארויס נאכן באריכטיאר.

19. יעדער פאישטשיק איז פאראנטווארטלעך נאר מיט דער סומע פון זיינע פאיעס, וועלכע ער האט.

20. די לייקאסע הייבט אן פונקציאנירן, ווען ס'וועט פאר־קויפט ווערן 300 פאיעס פאר 3000 פעזעס.

21. ווען ס'וועט פארקויפט ווערן 300 פאיעס, ווערט גע־רופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וועלכע קלייבט אויס א פאר־וואלטונג פון די פאישטשיקעס.

* * *

זעט אויס, אז דאס פארקויפן „פאיעס" איז צוגעגאנגען שווער־לעך, ווייל ערשט אין צוויי חדשים ארום האט מען געעפנט די לייי־קאסע, אי דאס האט מען די ערשטע קאפיטאלן געשאפן דורך הל־וואות פון פארוואלטונגס־מיטגלידער. אזוי דערציילט אונדז דער פראטאקאל פון „נדחי־ישראל" פון 7טן מאי 1933:

„א פארשלאג פון ה' קאנט, אז די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג זאלן אויסלייען דער לייקאסע 2000 פעזעס אויף 4 חדשים אן פראצענט, און ער טראגט אריין די ערשטע 1000 פעזעס. צו זיין פארשלאג שטייען צו: ה' קלעצעל מיט 300 פעזעס, ה' ליטוואק מיט 200 פעזעס, צופעליק ביווועזנ־דער ה' שוביטש מיט 100 פעזעס, און באשלאסן ווענדן זיך צו ד"ר קינג נאך 400 פעזעס".

דעם 14טן מאי האט מען פייערלעך דערעפנט די לייקאסע און בשעת דער עפענונג האט מען אויסגעקליבן א צייטווייליקן קאמי־טע אין באשטאנד פון די ה"ה: **קאנט יעקב, ליטוואק משה, כיניטש און זילבורג.**

די טוערס פון „נדחי־ישראל" האָבן געמאַכט באַמיונגען אַריינצו־קריגן פאַר דער לייקאַסע גרעסערע קאַפּיטאַלן, זאָל זיין פון דער פרעמד, כדי צו קאָנען אויסברייטערן די טעטיקייטס־ראַמען פון דער לייקאַסע. צו דעם צוועק איז אפילו ספּעציעל געפאָרן אַ דעלעגאַט פון „נדחי־ישראל", ה' קלעצעל, קיין סינסינעטי, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צו די פירערס פון „בני־ברית" מיט אַ בקשה וועגן אויס־לייען דער לייקאַסע 20 — 25 טויזנט פּעזעס. לויט ווי דער פּראָטאָ־קאָל פון „נדחי־ישראל" (28 מאַי 1933) דערציילט, האָט מען דעם דעלעגאַט געגעבן רשות **„צו מאַכן אַן אוסלאָוויע* מיט „בני־ברית" אויף 4 — 5 יאָר; איינשטימען, אויב עס איז נייטיק, צו ענדערן די סטאַטוטן פון דער לייקאַסע"** און אפילו צו ענדערן דעם נאָמען אויף **„לייקאַסע בני־ברית ביי קאָמונידאַד אַליאַנסאַ בענעפיסענסיאַ נדחי־ישראל".**

פון די ווייטערדיקע דאָקומענטן ווערט אָבער קלאָר, הגם אום־דירעקט, אַז פון די באַמיונגען אין „בני־ברית" איז גאָרנישט גע־וואָרן, ווייל פון די באַריכטן, וואָס די לייקאַסע־פירונג גיט אָפּ פון צייט צו צייט אויף די זיצונגען פון דער „נדחי־ישראל"־פאַרוואַל־טונג, איז צו זען, אַז די לייקאַסע האָט זיך געראַנגלט מיט שוועריקייטן און דעפיציטן. אַזוי, למשל, אינפאָרמירט ה' כ"ץ דעם 16 יולי 1933, אַז אין דער קאַסע איז אַריינגעקומען 7.246$ און אַרויס־געגעבן געוואָרן — 7.389$. אין אַ פּאָר חדשים אַרום ווערט פאַר־צייכנט אין פּראָטאָקאָל, אַז **„ה' כ"ץ גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער לייקאַסע. צוליבן מאַנגל אין געלט האָט ער אויסגעליען פון זיין טאַש 500 פּעזעס"** (3 סעפּטעמבער 1933). פון אַ ריי ווייטערדיקע זיצונגען פון „נדחי־ישראל" ווערן מיר געוואָר, אַז מע האָט געמאַכט באַמיונגען צו קריגן אַ גרעסערע הלוואה אין דער יידישער באַנק, עס איז אָבער פון די פּראָטאָקאָלן ניט קלאָר, צי דאָס איז געלונגען.

אין אַ יאָר אַרום מאַכט דורך די קאַסע אַ רעאָרגאַניזאַציע, און די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דעם, אננעמענדיק אַ באַשלוס:

> „אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס די לייקאַסע ביי „נדחי־ישראל" איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ „אַסאַסיאַסיאָן דע קרעדיטאָ" מיט אַקציעס צו 50 פּעזעס, ווערט באַשטימט פאַר

* אָפּמאַך (רוסיש).

דער סומע פון 2000 פעזעס, וואס „נדחי־ישראל" האט אין דער לייקאסע, צו קויפן אקציעס אויף דעם נאמען פון יעקב כ"ץ, וועלכער זאל שפעטער זיי איבערשרייבן אויף די נעמען פון פערזאנען, וועלכע די פארוואלטונג פון „נדחי־ישראל" וועט אנווייזן".

(פראטאקאל פון 28 אקטאבער 1934).

די רעארגאניזאציע פון דער לייקאסע האט, ווי עס שיינט, גע־געבן גוטע רעזולטאטן (קיין פרטים דערפון געפינען מיר ניט אין די פראטאקאלן פון „נדחי־ישראל"), און די טעטיקייט אירע האט זיך ראש אנטוויקלט אין משך פון א יאר צייט. בינו לבינו האט די פאר־וואלטונג פון „נדחי־ישראל" עטלעכע מאל צוגעקויפט אקציעס פון דער לייקאסע. און אין דעם פראטאקאל פון דער אלגעמיינער פאר־זאמלונג, וואס איז פארגעקומען דעם 27טן דעצעמבער 1935, געפי־נען מיר שוין א באריכט פון ה' כ"ץ, דעם קאסירער פון דער ליי־קאסע, פון וועלכן מיר ווערן געוואר, אז אין פארלויף פון יאר האט מען ארויסגעגעבן הלוואות אויף דער אלגעמיינער סומע פון 350.000 פעזעס!*

אבער דאס זיינען אויך די לעצטע ידיעות וועגן דער לייקאסע, וואס מיר געפינען אין די פראטאקאלן פון דער פארוואלטונג פון „נדחי־ישראל".

* * *

צום סוף פון יאר 1936 האט „נדחי־ישראל" אויך געגרינדעט א „גמילת־חסדים־קאסע". פון די פראטאקאלן גופא דרינגט ארויס, אז די גרינדונג איז פארגעקומען אין רעזולטאט פון א סכסוך מיט דער שוין עקזיסטירנדיקער גמילת־חסדים־קאסע. קיין שום גענויערע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער דאזיקער קאסע געפינען מיר נישט אין די פראטאקאלן פון דער פארוואלטונג פון „נדחי־ישראל". ערשט פון א באריכט צו אן אלגעמיינער פארזאמלונג, וואס איז פאר־געקומען דעם 7טן דעצעמבער 1941, דערוויסן מיר זיך, אז די קאסע האט זיך יא אנטוויקלט און געפירט א טעטיקייט: **„אין 1936 יאר**

* אפשר 35.000? — די פריערדיקע סומע זעט אויס צו זיין א פאנ־טאסטישע.

איז געגרינדעט געוואָרן די גמילות־חסדים־קאַסע מיט 1000 פּעזעט, וואָס „נדחי־ישראל" האָט געגעבן, היינט פאַרמאָגט די גמילות־חסדים־קאַסע אַ קאַפּיטאַל פון 20.000 פּעזעס".

* * *

קנאַפּע ידיעות געפינען מיר אויך וועגן דער טעטיקייט גופא פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי „נדחי־ישראל".

די ערשטע, זייער קאַרגע פאַרצייכענונג וועגן דעם ענין טרעפן מיר אין פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 28 יאַנואַר 1934: **„ס'ווערט באַשטימט גרינדן אַ סטראַך־קאַסע*, און יעדער מיטגליד זאָל איינצאָלן 5 פּעזעס; אין אַ טויטפאַל מוז יעדער מעמבער צוטראָגן 5 פּעזעס".** עס האָט געדאַרפט געדויערן כמעט אַ גאַנץ יאָר, ביז וואַנען מע איז פּאַקטיש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און מע האָט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „נדחי־ישראל" אָנגענומען פאַר דער געפּלאַנטער פאַרזיכערונגס־קאַסע אַ פולן סטאַטוט (דעם 25טן נאָוועמבער 1934), וועלכן מיר ברענגען דאָ אין זיין פולן טעקסט:

1. די פאַרזיכערונגס־קאַסע וועט טראָגן דעם נאָמען: „פאַרזיכערונגס־קאַסע ביי „נדחי־ישראל".
2. די פאַרזיכערונגס קאַסע ווערט געשאַפן פאַר מעמבערס פון „נדחי־ישראל".
3. די פאַרוואַלטונג ווערט געשאַפן פון אַ פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, פינאַנס־סעקרעטאַר, קאַסירער און פיר וואָקאַלן.
4. אין דער פאַרוואַלטונג פון דער סטראַך־קאַסע גייען אַריין 3 פּערזאָן פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל", און די איבעריקע — פון די מעמבערס פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע.
5. יעדער, וואָס קומט אַריין אַלס מעמבער פון פאַרזיכערונגס־קאַסע, פילט אויס אַ סאָליסיטוד נאָך דער פאָרמע,

---

* אויך אַ טערמין, וואָס איז גענוצט געוואָרן אין דער אַלטער היים — אין רוסלאַנד — אויף צו באַצייכענען אַ פאַרזיכערונגס־קאַסע.

וועלכע די פארוואלטונג וועט אויסארבעטן, אין וועל־
כער ער דארף אנווייזן, צו וועמען די פארזיכערונגס־
סומע וועט דארפן איבערגעגעבן ווערן.

6. די פארוואלטונג פון דער קאסע נעמט אן מעמבערס ביז 60 טעג דאטום *. אלעמען (יעדער?), ווער ס'וויל זיך פארזיכערן נאך די 60 טעג, וועט אריינגענומען ווערן (פאר) מעמבערס, נאר ביז 60 יאר.

7. יעדער מעמבער צאלט איין איינטריטגעלט 10 פעזעס.

8. די פארזיכערונגס־קאסע הייבט אן פונקציאנירן, ווען עס וועלן זיין 400 מעמבערס.

9. די פארזיכערונגס־סומע איז באשטימט 2000 פעזעס.

10. אין א טויטפאל מוז יעדער מעמבער אריינטראגן 5 פע־זעס אין צייט פון 15 טעג פון דער אוויזא, וואס וועט געשיקט ווערן פון דער פארוואלטונג. אין קעגנפאל ווערט דער מעמבער, וועלכער וועט ניט אויספילן דעם פונקט אין די 15 טעג, אויסגעשלאסן ווערן אלס מעמבער פון דער פארזיכערונגס־קאסע און פארלירט זיין רעכט אויפן פאלים.

11. אויב דער אויסגעשלאסענער מעמבער וועט וועלן ווידער אריינטרעטן אין דער פארזיכערונגס־קאסע, דארף ער פון דאס ניי אריינטראגן איינטריטגעלט 10 פעזעס.

12. אין א טויטפאל קאן די פארזיכערונגס־קאסע ניט אויס־צאלן די פארזיכערונגס־סומע אן א דערלויבעניש פון דער פארוואלטונג פון „נדחי־ישראל" און לייקאסע.

13. 10 פראצענט פון די מעמבערס פון דער פארזיכערונגס־קאסע האבן דאס רעכט צו פאדערן רופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג.

14. די פארוואלטונג פון דער פארזיכערונגס־קאסע רופט איין מאל אין יאר אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וועמען זי גיט אפ א דין־וחשבון פאר דער פארגאנגענער צייט און באַ־שטימט נייע וואלן.

---

* געמיינט מסתמא פון טאג פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג, אדער פון ווען די קאסע וועט אנהייבן ארבעטן.

15. בייטן די סטאַטוטן, אויסער דעם פּונקט 4, קאָן נאָר אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט אַ מערהייט שטימען.

16. די איצטיקע סטאַטוטן ווערן באַשטעטיקט מיט (דורך?) דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און מיט דער אונטער־שריפט פון דער ניי דערוויילטער פאַרוואַלטונג פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע. די פאַרוואַלטונג דאַרף צושטעלן די סטאַטוטן צו באַשטעטיקונג צו דער רעגירונג.

17. דער קאַפּיטאַל פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע געפינט זיך אין אַ באַנקאָ סאָסיאַל, דעפּאָזיטאָ פון דער קאַסע, אויפן נאָמען פון קאַסיר און פּרעזידענט.

18. די פאַרוואַלטונג האָט דאָס רעכט אויפנעמען אַן אָנגע־שטעלטן, אויב ס'וועט זיך פאָדערן, און האָט אויך דאָס רעכט אָפּזאָגן אים, אויב זי געפינט דאָס פאַר נייטיק.

19. צו דעקן די אויסגאַבן פון דער קאַסע, וועלכע ס'וועלן זיך פאָדערן, האָט די פאַרוואַלטונג דאָס רעכט צו קאַ־ברירן פון יעדן מעמבער $0.50 ביים איינשרייבן.

20. יעדערער, וואָס וויל אַריינטרעטן אַלס מעמבער פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע, דאַרף צושטעלן אַ שריפטלעכן באַ־ווייז פון אַ דאָקטאָר, וועלכן די פאַרוואַלטונג וועט אָנ־ווייזן, אַז ער האָט ניט קיין קראַנקהייט, וועלכע איז אַ סכנה פאַר זיין לעבן.

לויט ווי מע קאָן אויספירן פון די פּראָטאָקאָלן, האָט די פאַרזי־כערונגס־קאַסע פאַקטיש אָנגעהויבן פונקציאָנירן ערשט אין צוויי יאָר אַרום, נאָך דעם ווי מע האָט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון „נדחי־ישראל" (דעם 23טן דעצעמבער 1936) אַריינגעפירט עטלעכע וועזנטלעכע ענדערונגען אין סטאַטוט, דער עיקר — אַז מע האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן די טעטיקייט פון דער קאַסע ביי פאַרשריבענע 100 מיטגלידער (אָנשטאָט 400, ווי ס'איז פריער געווען באַשטימט). אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען נאָך אַריינגעטראָגן געוואָרן פיל מאָל פאַרשיידענע ענדערונגען אין דעם סטאַטוט, למשל, אַז מע טאָר נישט אַרויפלייגן קיין שום עמבאַרגאָ אויף דער פאַרזיכערונגס־סומע פאַר פּריוואַטע חובות פון פאַרזי־כערטן. הגם אין די פּראָטאָקאָלן איז עס גענוי נישט פאַרצייכנט, איז קלאָר, אַז מע האָט אויך געענדערט די פאַרזיכערונגס־סומע אויף 500 פּעזעס (אין ערשטן סטאַטוט איז אָנגעגעבן 2000, נאָר זעט

אויס, אַז צוליב דער קליינער צאָל פאַרזיכערטע איז דאָס געווען אַ ניט רעאַלע סומע). אין יאָר 1941 ווערט ווידער די סומע געהעכערט ביז טויזנט פעזעס, ווי עס ווערט אָנגעגעבן אין פּראָטאָקאָל פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (דעם 29 יוני): „**צוליב בייטן דעם סטאַנדאַרט פון לעבן איז די סומע פון 500 פעזעס אַ קליינע הילף פאַר אַ פאַמיליע, וועמעס פאַרזאָרגער איז געשטאָרבן**". אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג האָט מען אויך אָנגענומען, אַז אַלע מיטגלידער פון „נדחי־ישראל" קאָנען אויטאָמאַטיש געהערן צו דער פאַרזיכערונגס־קאַסע, אויב זיי וועלן איינצאָלן אַ געוויסע סומע (60 פעזעס). צו דעקן די עווענטועלע הוצאות האָט מען אויך געהעכערט דעם מיטגלידס־אָפּצאָל בכלל.

פון אַ שפּעטערדיקן באַריכט (12 יולי 1941) ווערן מיר אויך געוואָר, אַז ס'זיינען שוין געווען פאַלן, ווען ס'איז געשטאָרבן אַ מיטגליד פון דער פאַרזיכערונגס־קאַסע, און מע האָט אים אויסגעצאָלט די פאַרזיכערונגס־סומע. פון אַן אַנדערן מקור, דהיינו פון אַן אויפרוף (דאַטירט דעם 25 יוני 1941), דערוויסן מיר זיך, אַז „**ביז איצט זיינען דאָ אין דער פאַרזיכערונגס־קאַסע נישט מער ווי הונדערט מיטגלידער. די קאַסע האָט פאַר דער צייט פון איר עקזיסטענץ אויסגעצאָלט צו אַכט פאַמיליעס די סומע פון פיר טויזנט פעזעס**".

י״א.

מע בויט אַ שול

דער געדאַנק וועגן בויען אַן אייגענעם בנין פאַר אַ גרויסער שול צום דאַווענען האָט זיך אָנגעהויבן אויספּיקן גאַר פרי, אַ סך פריער, ווי די מעגלעכקייטן דעם דאָזיקן פּלאַן צו רעאַליזירן, — אין יאָר 1929. דער פאַקט אָבער, וואָס דער געדאַנק האָט זיך באַוויזן, זאָגט עדות, אַז דער געדונגענער לאָקאַל אויף סינקאַ דע מאַיאָ 38 איז שוין אפילו פאַר יענער צייט געווען צו קליין און ניט פּאַסיק בכלל צו באַדינען די מתפללים. אגב, איז שוין דעמאָלט אויך געווען אין פּלאַן צו בויען אַ בנין נישט בלויז פאַר אַ שול, נאָר וואָס זאָל אויך זיין אַן אָרט פאַר די כלערליי אינסטיטוציעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן אויפקומען אַרום „נדחי־ישראל״.

ווי באַקאַנט, איז דער פּלאַן רעאַליזירט געוואָרן אין דער פולער מאָס ערשט מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער, עס איז אָבער כדאי איבערצוגעבן בקיצור די געשיכטע פון די אַלע פּראָיעקטן און באַמיונגען וועגן אויפבויען דעם בנין.

די ערשטע פאַרצייכענונג וועגן דעם ענין געפינען מיר אין פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 7טן יולי 1929: **„די ה״ה כיניטש, האַלע און בימשטיין ווערן באַשטימט צו גיין באַקוקן אַ הויז, וועלכע „נדחי ישראל״ האָט בדעה צו קויפן פאַר אַ שול״.** פון דעם פּראָיעקט איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, מחמת אין עטלעכע חדשים אַרום הייבט מען שוין אָן רעדן וועגן בויען אַליין אַ הויז. און היות דאָס איז געווען, ווי פאַר יענער צייט, זייער אַ שווערער ענין פאַר „נדחי־ישראל״ אַליין, איז נאַטירלעך אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן זוכן שותפים. אין יענער צייט זיינען די באַציונגען מיט „אגודת־אחים״ געווען גוטע (מע האָט דעמאָלט געשאַפן אַ געמיינזאַמען „ועד הכשרות״, געטראַכט וועגן אַראָפּברענגען אַ רב צוזאַמען), איז אויף איינער אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע **„וועגן בויען אַ שול בשותפות מיט „אגודת־אחים״, ווייל „נדחי־ישראל״ איז ניט בכוח אַליין דאָס דורכצופירן. ס׳ווערן באַשטעטיקט די ה״ה דאַנדיש, מש. לעווין און לעווין(?) אַלס דעלעגאַטן צום ה׳ וואָלף סוראַסקי**

אדורכצושמועסן זיך וועגן בויען די שול" (פראטאקאל פון אקטאבער(?) 1930).

זעט אוים ,אז די אונטערהאנדלונגען האבן געבראכט צו א הסכם, ווייל עס איז געשאפן געווארן א „פאראייניקטער ציטוווילעקער קאמיטעט פון שול־אויפבוי", וואס האט גלייך אנגעהויבן ארבעטן פראקטיש צו פארווירקלעכן דעם פלאן. עס איז, למשל, צונויפגערופן געווארן אן אלגעמיינע אסיפה וועגן דעם ענין, מיטן צוועק אריינצרציען דעם גאנצן ישוב אין אויפבוי. כדי צוצוציען א גרעסערן עולם איז אויך ארויסגעגעבן געווארן א ספעציעלער קול־קורא, וואס מיר ברענגען אים דא צוליב דעם כאראקטעריסטישן אינהאלט און סטיל:

„שמע ישראל!

ברידער פון גאנצן לאנד מעקסיקע!

די צייט איז שוין געקומען, און אלע ווייסן, אז צו האבן אן אייגענע שול זיינען מיר שוין געצוואונגען און עס איז אומבאדינגט נייטיק.

דעריבער רופן מיר אן

אלגעמיינע פארזאמלונג

פון גאנצן יידנטום צו באטראכטן די וויכטיקע פראגע.

ברידער! פארלאזט זיך ניט איינער אויפן צווייטן און זאגט ניט, אז אן מיר וועט מען אויך בויען א שול. יעדער איינער פון אייך מוז קומען דעם 15טן פעברואר*, 4 א זייגער נאך מיטאג אין שול פון „נדחי־ישראל", סינקא דע מאיא 38, צו באטייליקן זיך אין דער אלגעמיינער פארזאמלונג.

אין דעם זכות וועט השי"ת העלפן אלע יידן א ישועה גדולה.

„פאראייניקטער ציטוווילעקער קאמיטעט פון שול־אויפבוי".

גלייכצייטיק האט דער קאמיטעט אנגעהויבן טראכטן וועגן זאמלען געלט פאר דעם אויפבוי פון דער שול, און דאס ערשטע איז גע־

* דאס יאר איז ניט אנגעגעבן, אבער פון א שפעטערדיקן דאקומענט איז קלאר, אז דאס איז געווען 1931.

ווען אַ באַשלוס וועגן איינקויפן אַ געוויסן סכום מצות צום פאַרקויפן און דעם ריווח דערפון באַשטימען פאַר דעם אויפבוי־פאָנד. וועגן דעם האָט מען אויך אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף צו די יידן פון מעקסיקע, מיט אַ רוף צו קויפן נאָר די מצות פון „פאַראייניקטן קאָמיטעט”.

פון דעם באַריכט פון דער פאָרגעקומענער פאַרזאַמלונג דערוויסן מיר זיך בלויז, אַז עס זיינען בייגעווען אויף איר 50 מענטשן, וואָס האָבן באַשטעטיקט דעם באַשלוס וועגן באַשטימען דעם ריווח פון מצות־פאַרקויף פאַרן בוי־פאָנד און מע האָט אויך באַשלאָסן **„צו שאַפן אַ קאָמיטעט וועגן שול־אויפבוי, וועלכן ביידע פאַרוואַלטונגען וועלן איינשטימען”**. ווער עס איז דעם דאָזיקן קאָמיטעט געקליבן געוואָרן און צי עס איז בכלל אַזאַ קאָמיטעט געשאַפן געוואָרן, — איז נישט קלאָר. בכלל איז דער ענין פון בויען אַן אייגענעם בנין פאַר אַ שול אַנטשלאָפן געוואָרן אויף עטלעכע יאָר. געשען איז דאָס מסתמא דערפאַר, ווייל בינו לבינו האָט מען געדונגען אַ נייעם און גרעסערן לאָקאַל פאַר דער שול (אויף כעסוס מאַריאַ 3), און היות מע האָט זיך דאָרט, ווי עס זעט אויס, געפילט דערווייל באַקוועמער ווי פריער, האָט די נויטווענדיקייט צו בויען נישט אויסגעזען אַזוי אַקטועל און וויכטיק. מע האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער שול, געפראַוועט אַ שיינעם חנוכת הבית — און אויף אַ געוויסער צייט האָט מען זיך באַרואיקט, ווידמענדיק די הויפּט־ענערגיע אויף אַנדערע ענינים (ברענגען אַ רב, לייקאַסע).

דער ישוב איז אָבער ווייטער געוואַקסן, עס זיינען אויך געוואַקסן די השגות: מע האָט זיך שוין בעסער פאַרפונדעוועט אין לאַנד, אַ סך האָבן זיך שוין אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש, — איז ווידער אויפגעקומען די אַמביציע אויפצובויען אַ לייטישן בנין פאַר אַ שול און פאַר אַנדערע קהלשע הצטרכותן.

דער ענין שווימט אַרויס אויף דער פאַרוואַלטונג־זיצונג פון „נדחי־ישראל” דעם 4טן אויגוסט 1935, און פון דעמאָלט אָן גייט זי שוין כמעט נית אַראָפּ פון סדר־היום, ביז די שול איז אין גאַנצן אויפגעבויט געוואָרן.

אויף דער דערמאָנטער זיצונג האָט מען שוין גערעדט קאָנקרעט וועגן **„באַקוקן אַ פּלאַץ אויף גוואַטעמאַלאַ 76, פאַר וועלכן דער באַלעבאָס וויל 70,000 פּעזעס”**. גלייכצייטיק ווערט אָנגעהויבן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט אַרום דעם ענין שול־בויען. אויף דער זיצונג דעם 22טן סעפּטעמבער ווערט באַשטימט, אַז **„דער רב ראַפּאַלין, ווי אויך די**

ה"ה כיניטש און קלעצעל זאָלן זיך ווענדן מיט אַן אַפּעל* וועגן אַ נייעם בנין פאַר אַ שול. ס'ווערט באַשלאָסן, אַז זיי זאָלן עפּנטלעך דערקלערן, אַז די פאַרוואַלטונג ** פון „נדחי־ישראל" גיט פון זייער קעשענע אויף דעם צוועק 10.000 פעזעס".

אָבער נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך, מע האָט נאָך אַ סך מאָל געקוקט פאַרשיידענע אַנדערע פלעצער; פיל מאָל האָט מען געקליבן פאַרשידענע קאָמיסיעס און בוי־קאָמיטעטן, עס איז אפילו געקומען אַ מאָמענט, ווען מע האָט דעם גאַנצן ענין געהאַלטן פאַר נישט אַקטועל, און מע האָט שוין באַשלאָסן **„אָפּצוגעבן די גע־באָרגטע געלטער"** (פּראָטאָקאָל פון 30טן אויגוסט 1936). אָבער אַפּנים, אַז עס זיינען געווען עטלעכע עקשנים, וואָס האָבן די זאַך ניט אָפּגעלאָזט, און מע האָט ווייטער געזוכט אַ פּאַסיקן פּלאַץ.

דעם 27טן יאַנואַר 1937 ווערט **„איינשטימיק באַשלאָסן (...) אַז מע זאָל קויפןביידע פלעצער פאַר דער שול אויף דער גאַס כוסטאַ סיעררא 71־73"**. אויף דער זעלבער זיצונג ווערן געקליבן קאָמיסיעס צו זאַמלען געלט פאַר דעם ציל. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער גיט אָפּ דער ה' כ"ץ אַ באַריכט אויף אַ זיצונג פון „נדחי־ישראל", אַז **„דעם 19טן מערץ 1937 איז געשלאָסן געוואָרן דער קויפאָפּמאַך פון פּלאַץ אויף אַ שול אויף כוסטאַ סיעררא 71 פאַר דער סומע פון 40,000 פּע־זעס. אויף די מינוטן האָבן אונטערגעשריבן: פּרעז. כ"ץ, סעקרעטאַר — גאָלדפעדער, פינאַנץ־סעקרעטאַר — ברוך כיניטש, זילבורג, קלע־צעל, געריזאָן, מראָזעק, וויינשטאָק און יצחק ראָזאָווסקי".**

אין אַ פּראָטאָקאָל פון 1טן אויגוסט 1937 געפינען מיר וויכטיקע ידיעות וועגן די פּערזאָנען, וואָס האָבן די ערשטע בייגעטראָגן צו דעם ענין:

> „אויף צו קויפן דעם פּלאַץ באַשטייערן זיך מיט הלוואות פאָל־גנדע פּערזאָנען מיט די פאָלגנדע סומעס:
>
> י. ראָזאָווסקי — 1000$, נ. פּוסטעלניק — 1000$, א. גערזאָן — 1500$, מ. בולאַיעווסקי — 1000$, ס. ניעדוויעדאָ־וויטש — 1000$, י. וואַכנאָוויעצקי — 1500$, מ. דולצין — 1000$, ל. גערוויץ — 1000$, י. גאָלדפעדער — 1000$, מ.

---

* מסתמא אין שול, ביים דאַווענען.

** געמיינט די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג?

ליטוואַק — 1000$, מ. קאַטלער — 1000$, ב. ביניטש — 1000$, צ. שאַר — 1000$, מ. פּיער — 1500$, מ. ראָזענ־פעלד — 1500$, קראַכמאַלניק — 1500$, י. באַרער — 1500$.

באַשלאָסן שאַפן אַ פּנקס, וואו מע זאָל אַריינשרייבן די גע־שיכטע פון דער בויאונג פון דער נייער שול. אויך ווערט באַ־שטימט, אַז יעדער, וואָס וועט מנדב זיין אויף דעם פּלאַץ און בויאונג פון דער שול, זאָל אַריינגעשריבן ווערן אין אַ „ספר הזהב״ פון „נדחי־ישראל״, וועלכער וועט בלייבן לדורות״.

מיט צוויי יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען די פייערלעכקייט פון לייגן די ווינקלשטיינער פאַר דעם נייעם בנין אויף כוסטאַ סיערראַ 71—73, וואָס האָט געדאַרפט דינען נישט בלויז פאַר אַ שול צום דאַוונען, נאָר אויך — ווי די בויער האָבן פּלאַנירט — פאַר אַ פאָלקס־הויז פאַרן מעקסיקאַנער יידישן ישוב. מיר ברענגען דאָ, צוליב זיין אינטערעסאַנטן אינהאַלט, פראַגמענטן פון דעם פּראָטאָקאָל פון דעם דאָזיקן יום־טוב:

„פּורים תרצ״ט, דעם 5טן מערץ 1939.

אויף דער טריבונע פאַרנעמען פּלעצער דער פּרעזידיום פון „נדחי־ישראל״ אין באַשטאַנד פון פאָלגנדע פּערזאָנען: הרב ראַפּאַלין, פּרעזידענט יעקב כ״ץ, ברוך ביניטש, אברהם גער־זאָן, משה־יצחה זילבורג, לייב גערוויטש, יצחק קראַכמאַלניק, משה בולאַיעווסקי, א. ש. ניעדווידאָוויטש, מנשה ראָזענפעלד, יצחק עלשטיין, מאיר סעגאַל, יעקב וואַכנאָוויעצקי, מענדל קאַטלער, משה דולצין, דדוד קליפּ, יצחק ראָזאָווסקי, אליעזר מאַשינסקי.

ביי דער אַנוועזנהייט פון אַ טויזנטקעפּיקן עולם געסט.

פּרעזידענט פון טאָג — ה׳ יעקב כ״ץ; סעקרעטאַרן — יצחק ראָזאָווסקי און דוד קליפּ.

די פאָלגנדיקע עקספּרעזידענטן האָבן אונטערגעשריבן די פּאַרמעט־אַקטן: לוי יצחק לעווין, אברהם קינג, אהרון קלעצעל, שלמה טראַטנער, משה זיידמאַן.

פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס:

[illegible]

קרן קימת — ישראל גיטלין; יידישע יוגנט־געזעלשאפט — יצחק אייזיק ווענגער; הילפס־פאראיין — נחמן ראָזאָווסקי; פרויען־פאראיין — אסתר וועסטל; מאָנטע־סיני — עובדיה געזאָ; ת"ת פתחיה — יוסף חכים; רודפי־צדק — שלמה כהן; פראַטערנידאַד — וויקטאָר מיטראַני; תפארת־ישראל־אגודת־אחים — מענדל גלאַט; צענטראַל־קאָמיטעט — וויקטאָר מי־טראַני; יידישע האנדלס־קאמער — שמעון יאַנאָווסקי; בני־ברית — מיגעל פּאלאטשי; לייקאַסע און גמילת־חסדים־קאַסע ביי „נדחי־ישראל" — יהושע שוחט; נייע ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע — יוסף־מאיר עדעלשטיין; פרויען־פּיאָנערן — ראָזע אַקסעלראָד; אוניאָן אי פּראָגרעסאָ — יוסף בענבאַסאַד; יידי־שער האָספּיטאַל — ד"ר קינג; קלוב סאָציאַל כאָוועץ ישראל — סאַלאָמאָן קאַהאַן.

(...) די דערעפענונגס־רעדע האלט דער ה' כ"ץ. צווישן אַנדערע דערציילט ער, אַז דער ערשטער פרעזידענט פון „נדחי־ישראל", ה' אהרון ראָזענבערג *, און אויך אַן אלטער פּיאָנער פון די גרינדער פון „נ"י", יונה גאָלדבערג, וועלכע געפינען זיך אין די שטאַטן, האָבן צוגעשיקט באַגריסונגס־בריוו צום יום־טוב פון לייגן דעם ווינקלשטיין".

(...) דאָס וואָרט באַקומט הרב ראפאלין. ער ענדיקט מיט אַ ברכה: יהי שתשכב שכינה במעשי ידיכם".

עס באַקומען ווערטער די ה"ה ביניטש, זילבורג, מאַ־שינסקי.

ה"ה רוסעק און מענדל גלאַט שענקען אין נאָמען פון „תפארת־ישראל" און „אגודת־אחים" 1000 פּעזעס פאַר לייגן דעם ערשטן ווינקלשטיין „מזרחית - דרומית"; ה' יצחק עלשטיין פאַר לייגן דעם ווינקלשטיין „מזרחית־צפונית" באַ־צאָלט 1000$; די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" פאַר לייגן דעם ווינקלשטיין „מערבית־דרומית" באַצאָלט 1000$; משה רעזניק פאַר לייגן דעם ווינקלשטיין „צפונית־מערבית" באַצאָלט 1000$".

(...) יצחק עלשטיין און פרוי קויפן דעם כבוד פון לייגן דעם ווינקלשטיין פון בנין „בית־עם" (...) פאַר 500 פּעזעס"...

* דער ערשטער פרעזידענט פון „נדחי־ישראל" איז געווען ה' יעקב טשעכאַנאָווער.

די איבעריקע ווינקלשטיינער האָבן אָפּגעקויפט די ה״ה חיים בימשטיין און פרוי, פרוי אסתר־רבקה קאַץ, ה׳ מיכל גפן און פרוי — יעדער פאַר 500 פעזעס. ה׳ אליעזר מאַשינסקי קויפט דעם פּלאַץ, אויף וועלכן ס׳וועט זיך געפינען דער ארון־קודש פאַר 1100 פעזעס, און ה׳ מענדל עלשטיין קויפט דעם פּלאַץ פאַר דער בימה פאַר 500 פעזעס. שפּעטער האָט מען נאָך פאַרקויפט א״ג ציגל פאַרן בנין (לויט ווי מע האָט געמאָלדן, האָט די פּרייז פון 100 ציגל מיט איינמויערן באַטראָפן 50 פעזעס) און אויפן אָרט האָבן פיל פון די אָנוועזנדיקע איינגעקויפט ציגל אויף אַן אַלגעמיינער סומע פון 2000 פעזעס. חוץ דעם זיינען נאָך אויפן אָרט געזאַמלט געוואָרן צווישן עולם נאָך גע־וויסע סומעס פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. ווי עס דערציילט דער פּראָטאָקאָל, האָבן **„די ברידער סוראַסקי געשענקט 1000 פעזעס, ה׳ משה טעמקין אין נאָמען פון זיינע קינדער און אייניקלעך — 324 פעזעס״**, און נאָך אַנדערע קלענערע סומעס פון פאַרשיידענע פאַר־זאָנען.

אָבער אפילו שוין נאָך דעם איינקויפן דעם פּלאַץ איז נאָך דער ענין נישט געווען גאַר גרינג. די נאָענטסטע עטלעכע יאָר זיינען אַוועק אויף אַנגעשטרענגטער אַרבעט ביים זאַמלען געלט סיי אויף צו באַ־צאָלן דעם פּלאַץ סיי צו קאָנען אָנהייבן בויען. דערצו איז מען צו־געטראָטן ערשט אין דער צווייטער העלפט 1939. צום סוף פון 1940 איז די בויאַרבעט אַוועק אינטענסיווער. עס דאַרף דערביי פאַרצייכנט ווערן, אַז דעמאָלט האָבן אַ היפּשע צאָל יידן אַקטיוו זיך באַטייליקט צום אויפבוי. אַזוי געפינען מיר אין די פּראָטאָקאָלן פון „נדחי־ישראל״ פון יענער צייט פאַרצייכענונגען, ווי למשל:

„ה׳ כ״ץ בעט, מע זאָל אים דערלויבן בויען די בימה אין דער נייער שול אויף זיין רעכענונג. אָנגענומען דער פאַרשלאָג״ (פּראָט. פון 6טן אָקטאָבער 1940). „הער בעלקינד האָט פאַר־שפּראָכן שענקען די גאַנצע פאַרב, וואָס וועט נייטיק זיין פאַר דער גאַנצער געביידע״ (15טן דעצעמבער 1940). „הער צבי קעסעל מעלדעט זיך צו דער פאַרוואַלטונג מיט אַ פאָטאָגראַ־פיע — אַ מוסטער פון אַן ארון־קודש פון בית־מדרש אין שאַ־וועל (ליטע). ס׳ווערט באַשלאָסן, מע זאָל מאַכן דעם ארון קודש לויטן מוסטער פון דער פאָטאָגראַפיע, אויפן חשבון פון ה׳ קעסעל״ (19טן יאַנואַר 1941). „ה׳ כ״ץ מעלדעט, אַז דער ה׳ שלמה טויבער שענקט אַלע אויסגאַבן, וועלכע זיינען פאַר־בונדן מיט דעם סופיט אין שול, אומגעפער 5000$״ (16טן מערץ 1941).

ווען דער בנין פון דער שול און די איבעריקע לאָקאַלן לעבן איר זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל" אויף עטלעכע זיצונגען אויסגעאַרבעט אַ גרויסן פּראָגראַם פון אַ פייער־לעכער דערעפענונג, וועלכע מע האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב פון גאַנצן יידישן ישוב אין מעקסיקע. אויף דער זיצונג דעם 8טן סעפּטעמבער איז דער פּראָגראַם ענדגילטיק אָנגענומען געוואָרן אין דער ווייטערדיקער פאָרם:

„פּראָגראַם פון חנוכת הבית:

אַלע געסט קלייבן זיך אויף אין אונטערשטן לאָקאַל.

דערעפענונג פונעם פּרעזידענט. סעקרעטאַרן צום אָוונט: ה"ה מאַשינסקי, ראָזאָווסקי און קליפּ. טאָסטמייסטער — ה' ניעדוויעדאָוויטש.

לייענען די היסטאָרישע פּראָטאָקאָלן: 1) פון דער גרינדונג פון „נדחי־ישראל", 2) פון לייגן דעם ווינקלשטיין פון דער שול.

באַדייטונג פון יום־טוב — הרב ראַפאַלין.

פאַרקויפן די כיבודים (פון):

1) עפענען די מענערשול מיטן גאָלדענעם שליסל;
2) עפענען די פרויען שול מיטן גאָלדענעם שליסל;
3) פּתיחת הארון אונטן אויף אַרויסנעמען די ספרי־תורה;
4) אַרויסנעמען און אַרויפטראָגן אין שול די ספרי־תורה;
5) אָנטאָן די כתרים אויף די ספרי־תורה;
6) טראָגן די מעקסיקאַנער און יידישע פאָנען.

עפענען די מענערשול אין דער באַגלייטונג פון ספרי־תורה און פאָנען.

„שאו שערים ראשיכם" — דוד קאַסטאָוו.

עפענען די פרויענשול אין דער באַגלייטונג פון די פאָנען.

„מה טובו אהליך יעקב" — יהושע שוחט.

נושאים הספרי־תורה והדגלים בלייבן שטיין ביי דער בימה.

„מומור שיר חנוכת הבית" — איוועקער מיט די קינדער פון ת"ת יבנה.

פּתיחת הארון קודש — ה' קעסעל.

אָנצינדן די באַלייכטונג אין שול — ה' פּאָרטעני.

אָנצינדן די באַלייכטונג פון ארון־קודש — פרוי קעסעל.
אַריינטראָגן די ספרי־תורה אין ארון־קודש.
„ויהי בנסוע הארון — איוועקער מיטן כאָר פון ת״ת יבנה
און מוזיק.
דעם ערשטן מעריב — וו. גערזאָן.
ווערטער: ה׳ כ״ץ, הרב ראפאלין, ה׳ כיניטש, ה׳ זילבורג,
ה׳ מאָשינסקי, ה׳ קלעצעל.
באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס״.

לויט ווי עס דערציילט אונדז דער פּראָטאָקאָל, איז דער חנוכת־הבית פון דער שול פאָרגעקומען דעם 14טן סעפּטעמבער 1941, בערך לויטן אָנגעמערקטן פּראָגראַם, אין דער אַנוועזנהייט פון זייער אַ גרויסן עולם:

„אויף דער טריבונע: די רבנים ראפאלין, בעלמינסקי און גאָלדבערג און די פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל״(...) עס זיינען דאָ פאָרשטייער פון די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: צענטראַל־קאָמיטעט, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, קרן־קימת, פרויען־פאַראיין, מזרחי, פרויען־פּיאָנערן, הנוער הציוני, נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, האַנדלס־קאַמער, הילפס־פאַראיין, יידישע שולע, „תפארת־ישראל״, „אגודת־אחים״, מנין היפאָ־דראָמאָ, חוג עברי, „דער וועג״, „שטימע״, פּרץ־קלוב, מאָס. ברית־אברהם, מאָס. מאַימאָנידעס, שטאָטישע גמילת־חסדים, ת״ת יבנה, לייקאַסע, מאָנטע־סיני, רודפי־צדק, פּראַטערנידאַד, כאָוועו ישראל, פריינד פון העברעישן אוניווערסיטעט, פּועלי־ציון, חברת־אלהים, מנורה.

ס׳עפנט די צערעמאָניע ה׳ כ״ץ.

דעם כבוד פון עפענען די מענערשול מיט אַ גאָלדענעם שליסל האָבן געקויפט די ה״ה יצחק קראָכמאַלניק און משה אַלבין פאַר 5000$.

דעם כבוד פון עפענען די פרויען־שול האָבן געקויפט ה׳ לייב ראָזענבערג און פרוי פאַר 2000$.

פּתיחת הארון קודש קויפט דער ה׳ לייב גערזאָן פאַר 300$״.

יהודה גאָלדפּער קויפט דעם כבוד פון אַרויפטראָגן די יידישע פאָן פאַר 400$.

ה׳ חיים־לייב קלעצל פאר (דעם כבוד ארויפצוטראגן) די מעקסיקאנער פאן 400$״.

שפעטער רעכנט נאך אויס דער פראטאקאל די, וואס האבן אפּגעקויפט דעם כבוד ארויפצוטראגן די ספרי־תורות (אכט) פאר פארשיידענע סומעס.

אזוי ארום האט דער יידישער ישוב געקריגן א נייע גרויסע שול, אין אן אייגענעם בנין * — א בנין, אין וועלכן עס האבן אויך געפונען אן ארט איבעריקע די טעטיקייטן פון „נדחי־ישראל״ און אויך פון אייניקע אנדערע ארגאניזאציעס. אין דעם זעלבן בנין געפינט זיך אויך די היינטיקע פאראייניקטע אשכנזישע קהילה, וואס הגם זי טראגט דעם זעלבן נאמען „נדחי־ישראל״, איז זי שוין ארגאניזירט אויף אנדערע, מאדערנערע יסודות און זי האט די אמביציע צו קאנצענטרירן און אנצופירן מיטן דער גאנצער יידישער קהילה אין ישוב מעקסיקע.

* * *

מיר האבן זיך באמיט ארויסצוברענגען אלע פאזיטיווע אויפטוען פון דער געזעלשאפט „נדחי־ישראל״ אין דעם באהאנדלטן פעריאד, באזונדערס אויפן געביט פון באזארגן די רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער באפעלקערונג אין מעקסיקע. מיר האלטן אבער פאר נייטיק אונטערצושטרייכן איינעם פון די וויכטיקסטע נעגאטיווע מאמענטן אין דער טעטיקייט פון „נדחי־ישראל״, — דאס איז די חברה־קדישא־טעטיקייט.

די דאזיקע אינסטיטוציע, וואס די יידישע אימיגראנטן האבן מיטגעבראכט אין זייער באגאזש פון דער אלטער היים, האט נישט געדארפט איינגעפירט ווערן אין אונדזער נייעם ישוב. אויך אין דער אלטער היים איז די חברה־קדישא־טעטיקייט געווען א קוואל פון מחלוקת, רייסערייען און סקאנדאלן, און די דאזיקע קריגערייען און סקאנדאלן זיינען, ליידער, איבערגעטראגן געווארן אין אונדזער יונגן ישוב. דער פאקט, וואס ביים נאך נישט פארשאטענעם קבר פון א געשטארבענעם הייבט זיך אן א דינגעניש צווישן „נדחי־ישראל״ און

---

* נאך פריער האט „נדחי־ישראל״ געקויפט נאך איין אייגענעם בנין — אויף כעסוס מאריא דריי, וואו עס איז די ערשטע צייט געווען די נייגעגרינדעטע „יבנה״־שול.

דער פאַמיליע פון בן־מינן, — איבער דער סומע פאַר דעם באַער־דיקן, — אַט דער „מסחר" איז אַ שאַנדע און אַ חרפּה אין היינטיקע צייטן און פאַר ציוויליזירטע מענטשן. בשעת אַט דער דינגעניש פלעגט מען אַפּט פאַרגעסן די עלעמענטאַרסטע פּרינציפּן פון אָנשטענדיקייט און מענטשלעכקייט.

איז נישט קיין וואונדער דעריבער, וואָס די דאָזיקע טעטיקייט פון דער חברה־קדישא ביי „נדחי־ישראל" פלעגט אַרויסרופן — און רופט נאָך היינט אַרויס — גרויסע אומצופרידנקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין מעקסיקע.

קאפיטל פיר

אַנדערע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס

א.

פאַרוואָס זיינען אויפגעקומען אַנדערע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס

אין דעם פריערדיקן קאַפיטל האָבן מיר פאַרגעשטעלט די אַנט־וויקלונג פון דער חברה „נדחי־ישראל", אַזוי ווי זי קומט אַרויס אויפן סמך פון אירע אייגענע פּראָטאָקאָלן און אַנדערע דאָקומענטן. דאָס בילד האָט זיך במילא באַקומען אַ ביסל אייגזייטיק און צו ראָז, נישט געבנדיק קיין פאַרשטעלונג וועגן די נעגאַטיווע זייטן און פעלערן פון דער טעטיקייט פון „נדחי־ישראל", און אוודאי נישט וועגן דער קריטישער באַציונג צו איר מצד אַ היפּשן טייל פון מעקסיקאַנער יידישן ישוב.

אַז עס איז געווען אַזאַ קריטישע באַציונג און אפילו אומצופרי־דנקייט, באַווייזט אַמבעסטן דער פאַקט, וואָס נישט אַלע יידן, אפילו רעליגיעזע, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין „נדחי ישראל", און עס איז אפילו נישט לאַנג נאָך דער גרינדונג פון „נדחי־ישראל" אַנטשטאַ־נען אַ צווייטע חברה, וואָס האָט אויך געשטעלט זיך מער וויניקער די זעלבע צילן און אויפגאַבן, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום אויך אַ דריטע: דאָס זיינען געווען „אגודת־אחים" און „תפארת־ישראל".

געווים זיינען ביים שאַפן די נייע חברות און בתי־מדרשים געווען אַ ריי אינדיווידועלע מאָמענטן; נישט קיין קליינע ראָליע האָט דאָ געשפּילט דער לאַנדסמאַנשאַפטלעכער סענטימענט ביי אַ טייל יידן, באַזונדערס פון די שפּעטער צוגעקומענע פּוילישע יידן, אָבער עס איז בלי ספק, אַז „נדחי ישראל" האָט נישט באַוויזן צו שאַפן פאַר אַלע יידן אַן אויסנאַם יענע סביבה און היימישקייט, וואָס זאָל זיי קאָנען אַלעמען פאַראייניקן, עס זאָל נישט נייטיק זיין קיין באַזונדערע קהילות מיט צעשפּליטערטע כוחות און טעטיקייטן. בפרט נאָך, אַז געוויסע טעטיקייטן, אָדער — בעסער געזאָגט — דער אופן פון אויס־פירן די טעטיקייטן, האָבן אַרויסגערופן אַן אָפענע אומצופרידנקייט מצד אַ סך יידן אין מעקסיקע. באַזונדערס האָט דאָס אַ שייכות צום ענין בית־החיים און חברה־קדישא, וואָס דאָ האָט מען געזען, אַז עס זיינען איבערגעבראַכט געוואָרן אויך אַ טייל פון די ערגערע טראַדי־ציעס פון דער אַלטער היים: שענערע און מיאוסערע ערטער אויפן

בית-עלמין, דאָס דינגען זיך מיט די יורשים ביים פרישן קבר פון פאַרשטאָרבענעם אד״גל.

דאָס און די פריער אויסגערעכנטע אומשטענדן האָבן גורם גע־וועז, אַז אַ געוויסע צאָל יידן זאָל זוכן צו גרופירן זיך באַזונדער, זאָלן זוכן צו שאַפן זיך אַן אייגן רעליגיעז-קהילהש ווינקל.

די ערשטע נייע רעליגיעזע חברה איז געווען „אגודת-אחים״.

ב.

„אגודת־אחים"

דער גרינדונגס־פּראָטאָקאָל פון דער חברה „אגודת־אחים" גיט בפירוש אָן, ווי אַ סיבה פון שאַפן די נייע אָרגאַניזאַציע, „אומצופרידנ־קייט מיט דער אָרדענונג אין דער שול „נדחי־ישראל", הגם עס ווערן נישט אָנגעגעבן, אין וואָס אייגנטלעך די „אומאָרדענונג" האָט זיך אויסגעדריקט. נאָר מסתמא זיינען זיי געווען וויכטיקע, אויב זיי האָבן געקאָנט דינען פאַר אַ יסוד פון גרינדן אַ נייע חברה מיט די זעלבע אויפגאַבן. דעם דאָזיקן גרינדונג־פּראָטאָקאָל ציטירן מיר אין גאַנצן, ווי אַ היסטאָרישן דאָקומענט:

„יום ד' שמחת־תורה, שנת תרפ"ח, האָבן זיך אַ גרופּע יידן פון מעקסיקע צוזאַמענגעקליבן אין הויז פון ה' ישראל צימעט, מיטן צוועק צו גרינדן אַ שול* לויטן מוסטער פון דער אַל־טער היים.

די פּערזאָנען זיינען געווען: ה' פייוול לעווקאָוויטש, ה' בנימין פוקס, ה' קלמן אייזענבערג ה' ישראל צימעט, ה' מ. פינקעלמאַן, ה' חיים טשעבינער, ה' נתן רענער, ה' יוסף אייכ־נער און ה' שלמה קוטשער.

די סיבה פון צוזאַמענקלייבן זיך פון די דערמאָנטע פּער־זאָנען איז געווען די אומצופרידנהייט מיט דער אָרדענונג, וועל־כע האָט געהערשט אין דער „נדחי־ישראל"־שול(...)

לויט דעם פאָרשלאָג פון ה' ישראל צימעט איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ שול און אַ הילפספאַראיין מיטן נאָמען „אגודת־אחים", לויט דעם איינטראַג** פון ה' חיים טשעבינער.

ה' מאיר פינקעלמאַן האָט דערלויבט צו נעניסן פון זיין וואוינונג אויף גואַטעמאַלאַ 129, ביז דער צייט ווען ס'וועלן זיך געפינען די פאָנדן אויף צו דינגען אַ לאָקאַל. אַ ספר־תורה

---

* געמיינט אַ שול צום דאַוונען.

** פאָרשלאָג.

האָט מען געליען ביי ה׳ אדלער, און שבת בראשית האָבן שוין צוויי מנינים געדאַוונט אין לאָקאַל פון ה׳ פינקעלמאַן. יעדער פון די אַנוועזנדע ביים דאַוונען האָט עפּעס געשאָנקען פאַר דער נייַ געגרינדעטער שול.

דער ציטווייליקער קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפן זאָרגן פאַרן איינאָרדענען די שול, איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע פּער־זאָנען: ה׳ בנימין פוקס, ה׳ קלמן אייזענבערג, ה׳ משה צימעט, ה׳ יוסף אייכנער, ה׳ פייוול לעווקאָוויטש.

ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַרויסצולאָזן אַן אויפרוף צו דער יידישער באַפעלקערונג אין מעקסיקע און אויסאַרבעטן סטאַטוטן צו דער רעגירונג וועגן אַ דערלויבעניש.

ציטווייליקער סעקרעטאַר — י. ציִמעט״.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען זיך ווידער צונויפגעקליבן שוין מיט קאָנקרעטע רעזולטאַטן וועגן לעגאַליזירן די חברה. לויט ווי דער פּראָטאָקאָל (פון 23טן אָקטאָבער 1927) אינפאָרמירט, האָט די רע־גירונג „**אָנגענומען די סטאַטוטן**״. דער גענויער טעקסט זייערער ווערט, ליידער, נישט אָנגעגעבן. מיר ווערן אָבער יאָ געוואָר, אַז די נייַע חברה האָט זיך געשטעלט פון לכתחילה אויף צילן פון סאָציאַ־לער שוץ. דהיינו, לויט אָט די סטאַטוטן, האָט „יעדער מיטגליד (דאָס רעכט צו) **באַקומען שטיצע אין פאַל פון אַ קרענק; אין אַ טויט־פאַל האָט** (יעדער רעכט צו) **באַקומען 500 פּעזאָס דער פון די קרד־בים, וועלכן דער מיטגליד האָט פריער באַשטימט. יעדער מיטגליד מוז איינצאָלן זיין בייטראָג אין פאַל פון טויט פון אַ חבר״** *.

פון אייגענעם פּראָטאָקאָל ווערן מיר אויך געוואָר, אַז עס זיינען קאָאָפּטירט געוואָרן (אין דער פאַרוואַלטונג?) די ה״ה אהרון ווייס און יוסף ליבניק. אַלס גבאי פון דער שול איז אויסגעקליבן געוואָרן ה׳ בנימין פוקס.

די אויסגעקליבענע פאַרוואַלטונג פון „אגודת־אחים״ האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט, באַזונדערס צו אָרגאַניזירן די שול: מע האָט געדונגען אַ לאָקאַל (אויף גואַטעמאַלאַ 61)*, מע

---

* צום באַדויערן, געפינען מיר נישט אין די ווייטערדיקע פּראָטאָ־קאָלן קיין קלאָרע אָנדייטונג דערויף, צי דאָזיקע באַשטימונגען פון סטאַטוט זיינען אויסגעפירט געוואָרן און אין וואָסער מאָס.

* שפּעטער איז די שול געווען אויף סאָלעדאַד 34.

האָט איינגעקויפט אַ ביסל נייטיקע מעבל (דערווייל אויף אויסגע־ליִענע געלטער פון די ה״ה צימעט, פינקעלמאַן, פוקס), און שוין דעם 19טן נאָוועמבער האָט מען געפּראַוועט דעם חנוכת הבית מיט גרויס פייערלעכקייט. מע האָט אפילו שוין אָנגעשטעלט **„אַ שמש מיט אַ געהאַלט פון 10 (צען) פעזעס אַ חודש״.**

הגם די חברה „אגודת־אחים״ איז אַנטשטאַנען, אין אַ געוויסער מאָס, אין קעגנערשאַפט צו „נדחי־ישראל״, פון דעסטוועגן האָט מען אָנגעהאַלטן קעגנזייטיקע באַציונגען און אָפט מאָל אָרגאַניזירט גע־מיינזאַמע אַקציעס פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַזוי, למשל, זיי־נען דאָ אין די פּראָטאָקאָלן געוויסע אָנדייטונגען, אַז „אגודת־אחים״ האָט געשיקט אירע דעלעגאַטן צו די זיצונגען פון „נדחי־ישראל״ (אגב, אויך אויף די זיצונגען פון „י.מ.ה.א.״). אויך די ערשטע אַקציע פאַר מעות־חטים האָט מען דורכגעפירט בשותפות, דורך פאַראייניקן די קאָמיטעטן פאַר מעות־חטים פון ביידע חברות.

אין קומענדיקן יאָר האָט מען זיך שוין, ווייזט אויס, געפילט אין כוח אַליין דורכצופירן די מעות־חטים־אַקציע, וועלכע האָט אַריינגע־בראַכט 864 פעזעס. די גאַנצע סומע איז כמעט אויסגעגעבן געוואָרן (פּראָטאָקאָל פון 15 מערץ 1930). דערפאַר אָבער געפינען מיר ידיעות וועגן אַנדערע בשותפותדיקע באַמיונגען מיט „נדחי־ישראל״, למשל, וועגן אַ משגיח אויף די געשעפטן, וואו מע פאַרקויפט כשרע ווארשט, וועגן ברענגען אַ רב א״א. מיר דערוויסן זיך, אַז אויף אַ זיצונג פון „נדחי־ישראל״ און „אגודת־אחים״ (יולי 1930) איז געשאַפן געוואָרן **אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע, וואָס „האָט זיך געדאָרפן פאַראינטערעסירן מיטן אַדורכפירן די פראַגע וועגן ברענגען אַ רב. פון „נדחי־ישראל״ זיינען געוויילט געוואָרן: כיניטש, לעווין, טראַטנער, גערזאָן, גראַ־בינסקי. פון „אגודת־אחים״ האָט מען געוויילט: לעווין, שקאָלניק, רענער, פוקס, קאָהען״.** ווי באַקאַנט, האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט פון די דאָזיקע בשותפותדיקע באַמיונגען, און שפּעטער האָט „אגודת־אחים״ אויפגענומען אַליין דעם רב גאָלדבערג.

אין אויגוסט 1930 פייערט די חברה „אגודת־אחים״ אַ גרויסן יום־טוב: מע האָט איינגעקויפט אַן אייגענע ספר־תורה אין די שטאַטן פאַר 250 דאָלאַר און מע האָט בשייכות דערמיט געפּראַוועט אַ שיי־נעם סיום־הספר:

„יום א׳ פרשה ראה, 3 אזייגער נאָך מיטאָג, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין בית־מדרש פון „אגודת־אחים״ ביי אַ 250 מענער און 50 פרויען אַנטייל צו נעמען אין דער שמחה פון

פירן די ערשטע נייע ספר־תורה אין מעקסיקע. 5 אזייגער נאָך מיטאָג האלט ה' גאָלדבערג אַ דרשה, וועלכע ענדיקט זיך מיט דער גרעסטער צופרידנהייט פון די אָנוועזנדע. עס זיינען פאַרקויפט געוואָרן אותיות, און ס'איז פאָרגעקומען אַ סעודת־סיום הספר, וועלכע האָט זיך פאַרצויגן ביז 3 אַ זייגער פרי.

די ס"ה שפענדע פאַר די ספר־תורה האָט באַטראָפן 731.85 פעזעס".

די מצה־אַקציע פון 1931 וויל מען ווידער דורכפירן בשותפות מיט „נדחי־ישראל". מע באַשטימט אפילו אויף אַ געמיינזאַמער פאַרזאַמלונג (דעם 15טן פעברואַר), אַז **„דער פּראָפיט זאָל אַוועקגעגעבן ווערן אין אַ באַנק אויפן נאָמען פון „נדחי־ישראל" און „אגודת־אחים" צו בויען אַ שול"**. פון ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן דערוויסן מיר זיך, אַז מע האָט אָנגענומען קאָנקרעטע שריט אין דער דאָזיקער מצה־אַקציע, זי זאָל איינברענגען וואָס מער הכנסה. צו דעם צוועק האָט מען געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן אייגנטימער פון דער בעקעריי „לאַ פּערלאַ", ה' אַלטעראַוויטש;ביידע צדדים האָבן זיך באַוואָרנט דורך איינלייגן וועקסלען: **„ס'ווערט באַשלאָסן, אַז די וועקסלען פון ה' אַלטעראָוויטש, גאָלדבערג אויף דעם באַטראָג פון 2000$, און פון ה' טראָטנער — 500$, ה' לעווין — 500$, — זאָלן ביזן 19טן דעפּאָזיטירט ווערן ביי ה' לעאָן סוראַסקי"**.

אין דער זעלבער צייט אָבער שווימט אַרויס אויפן טאָג־אָרדענונג אַ סכסוך מיט „נדחי־ישראל", טאַקע וועגן ענין בית־עולם. אין פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון „אגודת־אחים" דעם 18טן פעברואַר 1931 **„ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון ה' האַלפּערן, אויפצרפאָדערן „נדחי־ישראל", אַז פון „אגודת־אחים" זאָלן אַריינגיין אין פאַרוואַלטונג פון בית־עולם אַ פּראָפּאָרציאָנעלע צאָל מיטגלידער און זיי זאָלן האָבן די זעלבע רעכט, ווי די מיטגלידער פון „נדחי־ישראל"**.

כידוע, איז פון דער דאָזיקער אידעע (וועגן אַ ברייטערן אָנטייל אין דער פאַרוואַלטונג פון בית־עולם) גאָרנישט געוואָרן, און היות עס האָט געהערשט אַן אומצופרידנקייט מיט דער אָנפירונג פון „נדחי־ישראל", — איז שפּעטער רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן מאַכן אַן אייגענעם בית־החיים. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט מען אָבער ערשט אָנגעהויבן רעאַליזירן אין עטלעכע יאָר אַרום, בשותפות מיט דער חברה „תפארת־ישראל", וועגן וואָס מיר וועלן שרייבן שפּעטער.

* * *

די חבֿרה „אגודת-אחים" ווערט מיט דער צייט גרעסער, עס קומען צו מתפּללים, און עס ווערט דעריבער געדונגען אַ נייער לאָקאַל, דאָס מאָל אויף מאָנעדאַ 36. אין איינציקע פּראָטאָקאָלן איז אַפילו דערמאָנט אַ פּראָיעקט פֿון „מויערן" אַ שול. אָבער דער פּראָיעקט איז נישט געבליבן רעאַליזירט.

פֿון דעם פּראָטאָקאָל פֿון 15טן יוני 1934 ווערן מיר געוואָר, אַז ביי דער חבֿרה „אגודת-אחים" עקזיסטירט אַ לייקאַסע, ווייל אויף דער דאָזיקער זיצונג **„ווערט באַשלאָסן צו רופֿן אַן אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון דער לייקאַסע".** מיר געפֿינען אָבער נישט קיין שום ידיעות וועגן דער טעטיקייט אירער אין יענער צייט. ערשט סוף 1935 געפֿינען מיר אַ פֿאַרצייכענונג, אַז, עס ווערט באַשלאָסן **„אויסקויפֿן אַקציעס ביי דער לייקאַסע פֿון „אגודת-אחים" פֿאַר די 554$, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן פֿון בילעטן פֿון ימים-נוראים(...) אויך פֿאַר די 1000$, וועלכע דאַרפֿן איינקאַסירט ווערן"** (פּראָטאָקאָל פֿון 2טן נאָוועמבער 1935). קיין באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פֿון דער לייקאַסע זיינען אין די פּראָטאָקאָלן נישטאָ (מעגלעך, אַז די קאַסע האָט געהאַט אַ באַזונדערן פּראָטאָקאָל-בוך), און מע קאָן דאָ נישט פֿעסטשטעלן דעם פֿאַרנעם פֿון דער טעטיקייט, נישט די צאָל מיטגלידער, וואָס האָבן פֿון דער קאַסע גענאָסן, און אויך וואָסערע באַדינגונגען.

שפּעטער איז נאָך ביי דער זעלבער חבֿרה אויפֿגעקומען אַ פּלאַן צו גרינדן אויך אַ גמילת-חסדים-קאַסע, אָבער דער פּלאַן איז נישט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

פֿון דער העלפֿט 1935 הייבן מיר אָן צו געפֿינען פֿאַרצייכענונגען, וואָס זאָגן עדות, אַז „אגודת-אחים" האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרנעמען מיט אַ הילפֿסאַרבעט — אמת, אין זייער אַ באַשיידענעם פֿאַרנעם. די ערשטע פֿאַרצייכענונג פֿון דעם מין געפֿינען מיר אין פּראָטאָקאָל פֿון 29טן יוני 1935: **„ס'ווערט באַשטימט באַהילפֿיק זיין מיט 100$ דעם הילפֿספֿאַריין".** שפּעטער געפֿינען מיר נאָך אַנדערע באַשלוסן: **„אַ שטיצע פֿאַר אַ דורכגעפֿאַלענעם סוחר — 40 פּעזעס"; „לייען אַ ייד 300$, בכדי אים צו דערמעגלעכן זיין אַרויספֿאָר אין די שטאַטן אָפּעריִרן זיין פּרוי"; „100$ פֿון דער שול-קאַסע פֿאַר אַ ייד, מיטן צוועק צו העלפֿן אים ברענגען זיין פֿאַמיליע פֿון פּוילן"** אדג"ל. ס'איז אָבער קלאָר, אַז די הילפֿסאַרבעט פֿון „אגודת-אחים" האָט געטראָגן אַ ספּאָראַדישן כאַראַקטער, אין פֿאַלן היוצאים מן הכלל.

די חבֿרה „אגודת-אחים" האָט זיך אויך אין אַ געוויסער מאָס באַטייליקט אין אַלגעמיין-יידישע געזעלשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע אַקציעס. אַזוי דערציילט אונדז דער פּראָטאָקאָל פֿון 3טן אויגוסט

1935, אַז הרב גאָלדבערג ווערט באַשטימט אַלס פאָרשטייער פון „אגודת־אחים" צום פּראָטעסט־מיטינג קעגן דייטשלאַנד, אָרגאַניזירט דורך איינער פון די יידישע יוגנט־געזעלשאַפטן דעם 8טן, ווי אויך אָנטייל צו נעמען אין לייגן דעם גרונטשטיין פון בנין פאַר דער יידי־שער שולע, דעם 11טן ד"ח. ווידער דעם 28טן מערץ 1936 באַטיי־ליקט זיך „אגודת־אחים" אין דער הילף־און פּראָטעסט־אַקציע, וואָס עס האָט אָרגאַניזירט די „פעדעראַציע פון פוילישע יידן", קעגן די פּאָגראָמען אין פוילן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט „אגודת־אחים" אויך געמאַכט אַ פּרואוו צו שאַפן אַ רעליגיעזן לערן־אַנשטאַלט: עס איז געשאַפן גע־וואָרן אַ תלמוד־תורה „אהל־יעקב" (פּראָטאָק. פון 9טן מערץ 1941). ליידער זיינען נישטאָ קיין פּרטים וועגן דער טעטיקייט, צאָל תלמידים א"אַ פון דער דאָזיקער תלמוד־תורה.

* * *

אין יאָר 1937 קומט אויף דער געדאַנק וועגן פאַראייניקן זיך מיט דער צווייטער רעליגיעזער חברה — מיט „תפארת־ישראל". אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט, מיטן פּלאַן צו גרינדן אַ צווייטן בית־החיים, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן צו זיין אומאָפּהענגיק פון „נדחי־ישראל". די ערשטע פאַרצייכענונג האָ־בן מיר פון דער זיצונג דעם 20טן יולי 1937, אויף וועלכער עס ווערט באַשלאָסן **„צו מאַכן שותפות מיט „תפארת־ישראל" אַ בית־החיים, מיטן תנאי, אַז ביידע אינסטיטוציעס זאָלן האָבן די זעלבע רעכט".** עס ווערט טאַקע באַלד געקליבן אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל אונטער־האַנדלען וועגן דעם, אין באַשטאַנד פון די ה"ה: הרב גאָלדבערג, ניסן רענער, ישראל פלאַשנער, פוקס, ישראל צימעט, פינקעלמאַן און ראָזענטאַל.

זעט, אויס, אַז די שמועסן האָבן געגעבן אַ פּאָזיטיוון רעזולטאַט, ווייל אין אַ וואָך אַרום (26טן יולי 1937) **„ווערט אָנגענומען איינ־שטימיק, אויפן פאָרשלאָג פון הרב גאָלדבערג, דער פאָרשלאָג פון „תפארת־ישראל" וועגן מאַכן אַ בשותפותדיקן בית־עלמין".** שפּע־טער טרעפן מיר שוין אַ קאָנקרעטן באַשלוס **„אויסצובאָרגן פון דער שול־קאַסע 450 פּעזעס פאַר דעם צוועק פון קויפן פּלאַץ אויף אַ בית־החיים".**

הגם די פראַגע פון בית־החיים איז נאָך אַזוי גיך נישט רעאַלי־זירט געוואָרן, האָט דאָס פון דעסטוועגן געבראַכט צו אַ געוויסער דערנעענטערונג בכלל צווישן די צוויי חברות, און מע האָט שוין

1941 וועגן אַ באַשלוס צו „**שרייבן אַ בריוו אין דער האַנדלס־קאַמער** אָנגעהויבן רעדן וועגן אַן אַלגעמיינער פאַראייניקונג. אויף דער פאַרוואַלטונגס־זיצונג פון „אגודת־אחים” דעם 25טן אָקטאָבער 1937 איז אָנגענומען געוואָרן, אַז

> „צו (אויף?) דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג זאָלן אויסגעוויילט ווערן אַ העלפט פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון „„אגודת־אחים” און אַ העלפט פון „תפארת־ישראל”, און די אויסגעוויילטע זאָלן געמיינזאַם אַרבעטן ביי דער פאַראייניקטער קהילה. עס ווערט אויך אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון ה׳ פינקעלמאַן, אַז „אגודת־אחים” זאָל זיך פאַרזיכערן די זעלבע רעכט און גלייכגעוויכט אין דער פאַרוואַלטונג, און די מעמבערס פון „אגודת־אחים” דאַרפן איינגעשריבן ווערן אַלס מעמבערס פון די „בענעפיסענסיאַ”.

דעם 6טן נאָוועמבער 1937 איז טאַקע פאָרגעקומען די ערשטע געמיינזאַמע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז געוויילט געוואָרן אַ נייע, בשותפותדיקע פאַרוואַלטונג אין די פערזאָנען: **ניסן רענער, יהושע ראָזענטאַל, יעקב גאָלדבערג, זאב שפינדל, יעקב פלאַשנער.** שפעטער זיינען פאָרגעקומען נאָך עטלעכע בשותפותדיקע פאַרזאַמלונגען. אויף איינער פון זיי האָט מען באַשלאָסן, אַז „**די קאַסעס פוןביידע שולן זאָלן ווערן פאַראייניקט, נאָר יעדע שול זאָל איינקאַסירן איר מיטגליד־אָפּצאָל מיט אירע נדרים דורך איר אינקאַסענט**”. דאָס באַווייזט אַז די פאַראייניקונג איז דאָך נישט געווען קיין פולע.

די פראָטאָקאָלן פון „אגודת־אחים” פון די יאָרן 1938—1940 (אגב, זייער קנאַפע אין צאָל און קאַרגע אין אינהאַלט) דערציילן גאָרנישט וועגן דער אַרבעט פון דער „פאַראייניקטער קהילה”, וועלכע האָט זיך פאָרגענומען, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט, גרויסע אויפגאַבן. און ווען מיר אַנאַליזירן די פראָטאָקאָלן פון דער צווייטער העלפט 1940 און ווייטער, זעען מיר, אַז די שותפות איז צערונען געוואָרן. די פאַרוואַלטונג פון „אגודת־אחים” אַרבעט שוין ווידער, ווי אַ זעלבשטענדיקע חברה, פונקט ווי פאַר דער פאַראייניקונג. אויך פון דער ענגערער שותפות אין ענין בית־החיים איז גאָרנישט געוואָרן. קיין גענויע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען וועגן די סיבות, פאַרוואָס דאָס איז געשען, געפינען מיר נישט. בלויז אין איניקע פראָטאָקאָלן געפינען מיר אומקלאָרע אָפּקלאַנגען פון אַ סכסוך צווישן „אגודת־אחים” און „תפארת־ישראל” וועגן ענין בית־החיים.

אַזוי, למשל, דערציילט אונדז דער פראָטאָקאָל פון 26טן מערץ

וועגן דער דיךתורה פון בית־החיים״. אין עטלעכע חדשים אַרום שווימט דער ענין נאָך אַ מאָל אַרויס אויף דער זיצונג פון דער פאַר־וואַלטונג (30 יולי 1941):

„דער פרעזידענט ה׳ צימעט גיט איבער אַ באַריכט פון דער זיצונג, וועלכע איז מיט אַ טאָג פריער פאָרגעקומען איז „תפארת־ישראל״. דער ה׳ בימשטיין האָט דערקלערט, אַז ער איז איינשטימיק אָפּצושרייבן דעם בית־החיים אויף 3 פּער־זאָנען פון „תפארת־ישראל״ און 3 פון „אגודת־אחים״. פון „אגודת־אחים״ זיינען באַשטימט געוואָרן צו דעם צוועק: ה׳ ישראל צימעט, ה׳ מאיר פינקעלמאַן, ה׳ אברהם רענער. די אויבן דערמאַנטע פּערזאָנען זיינען פאַרפליכטעט אָפּצושרייבן דעם פּלאַץ פון בית־החיים אויף דעם פאַרלאַנג פון „אגודת־אחים״ צו יעדער צייט, ווען זי וועט דאָס פאַרלאַנגען אַלס גאַנצע״.

פון ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן ווערן מיר געוואָר, אַז אַרום דעם ענין פון אָפּשרייבן דעם פּלאַץ זיינען אין דער פאַרוואַלטונג גופא פאָרגעקומען סכסוכים, נישט אַלע זיינען מסכים געווען מיט די פריִ־ער באַשטימטע פּערזאָנען, — עס איז אפילו געשאַפן געוואָרן אַן אָפּיציעלע אָפּאָזיציע, מיט אַ באַזונדערער פאַרוואַלטונג. צי איז דאָס געווען די סיבה, צי אויך אַנדערע — וויכטיק איז דאָס, אַז פון דעם ענין איז גאָרנישט געוואָרן. אויב עס גייט וועגן דער איבעריקער טעַ־טיקייט פון „אגודת־אחים״ אין די יאָרן 1941—1942, איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די פאַרוואַלטונג האָט געמאַכט גרויסע באַמיונגען צו קויפן אָדער צו בויען אַן אייגענעם בנין פאַר אַ נייער, גרעסערער שול. אין אָקטאָבער 1941 איז שוין דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנ־קרעטע באַשטייערונגס־אַקציע, וואָס האָט ביי 26 פּערזאָן (ס׳רוב פון דער פאַרוואַלטונג) געגעבן די סומע פון קנאַפּע 7 טויזנט פּעזעס.

ג.

„תפארת־ישראל"

קיין פאַקטישע דאָקומענטן (פּראָטאָקאָלן, אויפרופן אד"גל) וועגן דער גרינדונג און וועגן די ערשטע יאָרן טעטיקייט פון דער חברה „תפארת־ישראל", — זיינען, צום באַדויערן, נישט פאַראַן. מיר מוזן זיך דעריבער שטיצן אויף אַ גבית־עדות פון איינעם פון די גרינדער און ערשטע טוערס פון „תפארת־ישראל", ה' **משה פריד**.

לויט ווי ה' פריד האָט דערציילט, איז די געזעלשאַפט „תפארת־ישראל" געגרינדעט געוואָרן בערך סוף 1931 אָדער אָנהייב 1932. די גרינדער פון דער חברה זיינען געווען אויסשליסלעך פּוילישע יידן, מחמת די מיינונג פון די אָרגאַניזאַטאָרן איז געווען אַז **„נדחי־ישראל" האָט אַן איבערגעוויכט פון רוסישע יידן, און פאַר די פּוילישע יידן איז דאָרטן קיין אָרט נישטאָ. דעריבער איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַז די יידן פון פּוילן זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַן אייגענער רעליגיעזער אינסטיטוציע"**.

צום ערשטן איז געשאַפן געוואָרן אַ מנין פאַר די רעליגיעזע פּוילישע יידן אין אַ פּריוואַטער וואוינונג, ביים ה' בערקאָוויטש אין הויז (אויף האַנדוראַס, לאַגוניא), און פון אָט דעם מנין איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די קהילה „תפארת־ישראל". די פאַרברייטערטע גרופּע האָט דערנאָך אָפּגעדונגען אַ לאָקאַל צום דאַווענען און אויף אַנדערע צוזאַמענקומען, פריער אויף טשילע 71, דערנאָך אויף בעליסאַריאָ דאָמינגעז. דעם לאָקאַל האָט מען געהעריק אויסגערעמאָנטירט און צוגעפּאַסט פאַר אַ בית־מדרש. די גרינדער פון ערשטן מנין זיינען געווען די ה"ה **ליטמאַנאָוויטש, ברוך בערקאָוויטש און קלמן אייזענבערג**. שפּעטער איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ „בענעפיסענסיאַ", וואָס האָט זיך געשטעלט הילפס־אויפגאַבן. צו די טוערס פון דער „בענעפיסענסיאַ" פון די ערשטע יאָרן האָבן געהערט, חוץ די אויסגערעכנטע, **יעקב בראָון, בצלאל גראַבינסקי, משה פריד, חיים בימשטיין, יונגסטער, סאָלאָמאָן האַלע, און ישראל־מענדל גלאַט**.

לויט ווי עס דערציילט ה' פריד, איז דער ציל פון רעאָרגאַניזירן זיך אין „בענעפיסענסיאַ" געווען, **„אַז די פּוילישע יידן פון מעקסיקע זאָלן געפינען אַ מקום־מנוחה, און די אויפגאַבע, וואָס די אינסטיטוט־**

ציע האָט אויף זיך גענומען (איז געווען): רעליגיעזע פראַגן, קול־מורעלע און סאָציאַלע".

במשך פון גאָר אַ קורצער צייט, באַזונדערס נאָכן שאַפן די „בענעפיסענסיאַ", איז די צאָל מיטגלידער פון דער נייער חברה געוואַקסן. שוין אויף דער טשילע־גאַס האָבן שוין געדאַוונט אַ דריי מנינים יידן, פון זיי אַ סך, וואָס האָבן פריער געדאַוונט ביי „נדחי־ישראל". דער ה' פריד דערציילט:

„די פּוילישע יידן האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען אַלץ מערער אין „תפארת־ישראל", צוזעענדיק די באַציונג פון „נדחי־ישראל" צו די פּוילישע יידן. מיטן וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט איז מען איבערגעגאַנגען אין אַ גרעסערן לאָקאַל — אויף בעליסאַריאָ דאָמינגעז, וואו עס האָבן שוין געדאַוונט ארום זעקס מנינים יידן, און אין די יאָרן 1933—1934 האָט שוין „תפארת־ישראל" געציילט ארום 10—12 מנימים". „תפארת־ישראל" האָט געדינט נישט נאָר אַלס פּלאַץ צום דאַווענען. דער לאָקאַל ווערט אויך אויסגענוצט אויף אַלערליי שמחות פון די מיטגלידער, ווי פאַרשיידענע חתונות, בריתן, בר־מצוותס אא"וו. חוץ דעם קומען זיך דאָרט צונויף כמעט יעדן אָוונט פּוילישע יידן צו לייענען אַ צייטונג, טרינקען אַ גלעזל טיי וכדומה, מע קומט אפילו מיט פאַמיליעס".

די ערשטע פאַקטישע מאַטעריאַלן און פּראָטאָקאָלן, וואָס מיר האָבן, דאַטירן זיך פון יוני 1937. עס איז צו זען, אַז צו יענער צייט איז שוין „תפארת־ישראל" אַן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע מיט אַ באַשטימטן קרייז פון טעטיקייט, נישט נאָר אויפן רעליגיעזן געביט. מיר געפינען, למשל, אין פּראָטאָקאָל פון 22טן יוני פּרטים וועגן דער אַרבעט פון אַ גמילת־חסידים־קאַסע, וואָס עקזיסטירט ביי „תפארת־ישראל". אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער פאַרוואַלטונג שטייט שוין דעמאָלט גאַנץ קאָנקרעט די פראַגע וועגן מאַכן אַן אייגענעם בית־החיים, און עס ווערן שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט „אגודת־אחים" וועגן אַ שותפות. די דאָקומענטן פון „תפארת־ישראל" וועגן דעם ענין זיינען אַ סך אויספירלעכער, און מיר קאָנען זיך דערוויסן אויך, צוליב וואָס דער גאַנצער פּלאַן איז אויפגעקומען. עס איז דעריבער כדאי ברייטער צו ציטירן געוויסע פראַגמענטן פון די דאָזיקע פּראָטאָקאָלן.

אויף דער זיצונג פון 12טן יולי איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַ־

גע וועגן בית־החיים „צוליב די פעלערן, וועלכע זיינען לעצטנס באַגאַנגען געוואָרן אין באַצוג צו געוויסע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געוואָרן אויסגענוצט אויף אַ זייער מיאוסן אופן אין זייערע טרויעריקע מינוטן". * „דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ „סאָסייעטי" פאַר מעמבערשאַפט ביי „תפארת־ישראל", צו קויפן אַ בית־החיים און רופן אויף דעם 15טן יולי (1937) אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון מיטגלידער און נישט־מיטגלידער".

ס'איז אויך אינטערעסאַנט איבערצוגעבן דעם „פּראָוויזאָרישן" סטאַטוט, וואָס איז טאַקע אויף דער זעלבער זיצונג אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער „סאָסייעטי":

1) ס'ווערט באַשלאָסן צו קויפן אַ פּלאַץ אויף אַ בית־החיים אויף טאַקובאַ, לעבן ענגלישן און אַראַבישן פּאַנטעאָן, אין דעם פּרייז פון $1.50 אַ מעטער(...)

2) ס'ווערט געגרינדעט אַ „סאָסייעטי" פון מעמבערשאַפט, ספּעציעל פאַר דעם בית־החיים, איינגעטיילט אין 3 קוואָטעס: 1) $5, 2) $3 און 3) $2.

3) ס'ווערן אָנגענומען מעמבערס פון דער פּראָווינץ.

4) ס'וועלן ניט קאָברירט ווערן קיינע גאַסטאָס, ** מיטן אויסנאַם פון דער פּראָווינץ. אין לעצטן פאַל דאַרף די פאַמיליע דעקן די גאַסטאָס.

5) פרויען קאָנען אויך באַלאַנגען צו דער „סאָסייעטי".

6) אין אַ צופאַל זאָל די פאַמיליע קאָנען קריגן אַ געוויסע סומע. ***

7) אין אַ צופאַל דאַרפן זיין אויף דער לוויה 50 מעמבערס.

8) אין פאַל פון אַ נישט־מעמבער בלייבט עס איבער צו דער ספּעציעלער קאָמיסיע, וואָס וועט ווערן באַשטימט.

9) אין דער פאַרוואַלטונג דאַרפן זיין 18 פּערזאָן, פון דעם

---

* דאָ איז געמיינט די חברה־קדישא פון „נדחי־ישראל".

** אויסגאַבן.

*** פון דעם איז צו דרינגען, אַז די פּלאַנירטע „סאָסייעטי" האָט געהאַט אין זינען אויך אַ מין פאַרזיכערונג.

מוזן זיין פון „תפארת-ישראל" 11 פערזאָן און די איבע־
ריקע זיבן פון דער „סאָסייעטי".

די טוערס פון „תפארת-ישראל" האָבן זיך טאַקע באַלד גענומען פּראַקטיש צו רעאַליזירן דעם פּלאַן, דער עיקר — איינצוקויפן אַ פּלאַץ פאַר אַ בית-החיים. עס איז אויך אין גיכן דורכגעפירט געוואָרן אַ באַשטייערונג, כדי צו קאָנען געבן האַנטגעלט אויפן פּלאַץ. די דאָזיקע באַשטייערונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דער פאַרברייטערטער זיצונג דעם 15טן יולי 1937, האָט געשאַפן די סומע פון 800 פּעזעס. די פעלנדיקע 200 פּעזעס האָט מען באַשלאָסן אויסצולייען פון דער קאַסע פון „תפארת-ישראל".

פון די שפּעטערדיקע פּראָטאָקאָלן דערוויסן מיר זיך, אַז די ווייטערדיקע באַמיונגען וועגן בית-החיים האָט מען שוין געמאַכט צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון „אגודת-אחים", און בשייכות דערמיט איז אויפגעקומען דער געדאַנק צו פאַראייניקן ביידע חברות אין איין גרעסערער קהילה. אין די דאָקומענטן פון „תפארת-ישראל" געפינען מיר אַ ריי אינטערעסאַנטע און וויכטיקע פּרטים בנוגע די פאַראייניקונגס-פּרואוון, וועלכע עס איז כדאי צו ציטירן ברייטער. אַזוי, למשל, זיינען אויף דער געמיינזאַמער זיצונג פון „תפארת-ישראל" און „אגודת-אחים", וואָס איז פאָרגעקומען דעם 27טן יולי 1937, אָנגענומען געוואָרן אַ ריי וויכטיקע באַשלוסן וועגן דעם כאַראַקטער און אָרגאַניזאַציע פון דער קומענדיקער פאַראייניקטער געזעלשאַפט:

(...) „ביידע אָרגאַניזאַציעס, אַזוי „תפארת-ישראל" ווי „אגודתאחים", זיינען איינשטימיק זיך צו פאַראייניקן אין איין קערפּערשאַפט, אין עקאָנאָמישע און רעליגיעזע פראַגן, און (אין) אַלגעמיין, וועלכע עס פאַלט אַרונטער אונטער די אָרגאַניזאַציעס.

די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלן פאַראייניקט ווערן אין איינער, דאַרפן אויסהאַלטן צוויי שול-לאָקאַלן, איינעם אויף דאָמינגעז 71 און דעם צווייטן אויף מאָנעדאַ 36. יעדע ענדערונג וועגן טוישן אַ לאָקאַל, אָדער וועלכע ס'זאָל ניט זיין אַנדערע ענדערונג, דאַרף באַשטימען די פאַרוואַלטונג פון דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע.

די פאַרוואַלטונג פון דער נייער אָרגאַניזאַציע דאַרף באַשטיין פון 13 פערזאָן. אין משך פון 3 יאָר צייט מוזן פיגורירן

אין דער פאַרוואַלטונג 3 פּערזאָן פון געוועזענע מיטגלידער פון „תפארת־ישראל" און 3 פון „אגודת־אחים".

די לייקאַסע ביי „אגודת־אחים" און די גמילת־חסדים־קאַסע ביי „תפארת־ישראל" גייען איבער צו דער ניי געשאַפענער אָר־גאַניזאַציע. אויך דאָ מוזן אין משך פון 3 יאָר פיגורירן אין דער פאַרוואַלטונג 2 געוועזענע מיטגלידער פון „אגודת־אחים" און 2 פון „תפארת־ישראל".

די געלטער פון ביידע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע געפינען זיך היינט צו טאָג, אָדער וועלכע וועלן אריינקומען שפּעטער, גייען איבער אין דער נייער אָרגאַניזאַציע".

די ניי געוויילטע פאַרוואַלטונג האָט זיך אויך דעמאָלט געווענ־דעט מיט עטלעכע אויפרופן צו דער יידישער באַפעלקערונג. אין איינעם פון זיי (פון 3טן אויגוסט 1937) מעלדעט מען וועגן דער פאַראייניקונג פון ביידע חברות אין איין **„פאַראייניקטער קהילה"** (אזוי זיינען טאַקע געחתמעט די אויפרופן) און וועגן די צילן, וועל־כע די קהילה האָט זיך געשטעלט. צווישן אַנדערע, ווערט אויך גע־זאָגט, אַז מע גייט גרינדן אַ תלמוד־תורה; אַז די פאַראייניקטע ליי־קאַסע וועט געבן הלוואות ביז טויזנט פּעזאָס; אַז די גמילת־חסדים־קאַסע וועט אויסבאָרגן ביז 500 פּעזאָס; אַז מע וועט שאַפן אַ בית־החיים **„פון אַ מעמבערשאַפט פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע, אונטער אַ ספּעציעלער שטאָטישער פאַרוואַלטונג".**

אין געוויסע אויפרופן פון יענער צייט קומען צום אויסדרוק די קעגנערשאַפטן און טענות צו „נדחי־ישראל". אזוי, למשל, זאָגט דער אויפרוף פון 29טן יולי 1937:

„ווי מיר האָבן געלעזן אַן אַנאָנס פון „נדחי־ישראל" אין שבת־נומער „דער וועג" פון 24טן ד"ח, אונטערן קעפּל: „וויכ־טיקע מעלדונג צו אַלע יידן"(...), אַז זיי האָבן אונטערגענומען צו בויען אַ שול און וועלן באַזוכן אַלע יידן, (אַז) זיי זאָלן (זיך) באַשטייערן צו דעם בנין, מע זאָל אויפנעמען זייערע פאָרשטייער בסבר פנים יפות, — מאַכן מיר באַקאַנט, אַז מיר ווייסן וועגן דער אונטערנעמונג איבערהויפּט נישט. זיי האָבן אויך נישט געפונען פאַר נייטיק מיט אונדז זיך באַראַטן וועגן דעם און אויך נישט געלאָזט וויסן. דאָס זאָגט, אַז די אונ־טערנעמונג איז בלויז אַ פּריוואַטע פון „נדחי־ישראל", נישט קיין געמיינזאַמע.

דערפאַר זיינען מיר געצוואונגען דאָס באַקאַנט צו מאַכן פאַר דער עפנטלעכקייט, כדי מיר זאָלן נישט טראָגן די אחריות פאַר אונדזערע מעמבערס און סימפּאַטיקערס, אַז מיר האָבן זיי פון דעם נישט געלאָזט וויסן, עס זאָל נישט פּאַסירן, ווי ס'האָט פּאַסירט מיטן בויען פון בית־עלמין, אַז מע האָט גע־זאַמלט געלט ביי אַלע יידן אויף אַ שטאָטישן — און צום סוף איז דאָס געבליבן אַ פּריוואַט־אייגנטום פון „נדחי־ישראל".

אונטערגעשריבן:

„פּאַראייניקטע קהילה — „תפארת־ישראל" און „אגודת־אחים".

מיט דער פאַראייניקונג גופא איז אָבער אויך, זעט אויס, נישט געווען אַלצדינג גלאַטיק. דאָס קאָנען מיר זען פון דעם, וואָס במשך פון די יאָרן 1938—1939 ווערן אָנגענומען זייער אָפט באַשלוסן **„אַז די פאַראייניקונג מיט „אגודת־אחים" בלייבט אין קראַפט".** די פּראָ־טאָקאָלן זאָגן נישט גאָרנישט, ווער און צוליב וואָס מע האָט די פראַגע געשטעלט אַלע מאָל צו דיסקוסיע, עס איז אָבער קלאָר, אַז עס זיינען געווען גענויסע אומפאַרשטענדענישן און רייבונגען, וועל־כע האָבן סוף כל סוף דערפירט, אַז די פאַראייניקונג איז זיך צעפאַלן. ווידער אַ מאָל — דער פּראָטאָקאָל וועגן דעם ענין איז זייער קאַרג און גיט נישט אָן קיין סיבות דערפון. עס איז בלויז פאַרצייכנט, אַז **„מיט אַ מערהייט שטימען ווערט באַשלאָסן דורך דער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג** (פון 4טן פעברואַר 1940), **אַז די פאַראייני־קונג פון „תפארת־ישראל" מיט „אגודת־אחים" בלייבט מער נישט אין קראַפט".**

פון אַ גאַנצער ריי אָנדייטונגען אין די פּראָטאָקאָלן פון „תפארת־ישראל" קאָן מען זיך משער זיין, אַז די הויפּט־סיבה פון די רייבונ־גען איז טאַקע געווען דער ענין בית־החיים. עס זיינען אָבער אויך געווען אַנדערע אומשטענדן. אַ שטייגער, פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאַרוואַלטונג־זיצונג דעם 22טן נאָוועמבער 1939 ווערן מיר גע־וואָר, אַז אויך אין דעם ענין רב זיינען געווען אומפאַרשטענדענישן צווישן די צדדים, דהיינו דאָרט זאָגט זיך: **„אַזוי ווי ס'עקזיסטירט נישט קיין פּראָטאָקאָל, אַז די פאַרוואַלטונג פון דער פאַראייניקטער קהילה זאָל האָבן אויפגענומען הרב גאָלדבערג אַלס רב און נישט באַשטימט קיין סובסידיום, — אָנערקענט די פאַרוואַלטונג פון „תפארת־ישראל" קיינע טענות נישט וועגן דעם ענין".**

אין יאַנואַר 1941 נעמט טאַקע „תפארת ישראל״ אויף אַן איי־גענעם רב — ר׳ ישראל הלל בעלמינסקי.

אין די פּראָטאָקאָלן פון „תפארת־ישראל״ פון די יאָרן 1940 — 1941 פאַרנעמען נאָך זייער אַ סך אָרט צוויי סכסוכים: איינער וועגן די פּערזאָנען, אויף וועלכע מע האָט אָפּגעשריבן דעם געקויפטן פּלאַץ פאַרן בית החיים; דער צווייטער — וועגן דער סומע פון 500 פּעזעס, וואָס „אגודת־אחים״ זאָל האָבן צוגעזאָגט „נדחי־ישראל״ פאַר דער ניי אויפגעבויטער שול און נישט באַצאָלט, און די סומע האָט מען געמאָנט פון „תפארת־ישראל״, ווי דעם שותף אין דער פאַראייניק־טער קהילה.

קאַפּיטל פינף

דער הילפספּאַראַיין

א.

אַלגעמיינער בליק

פאַראַן געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס, וואָס װעגן זיי טומלט זיך װייניקער אין דער סביבה, מע דיסקוטירט און מע אַמפּערט זיך נישט אַזױ, װי אַרום אַנדערע, מיט אַן אידעיש-פּאָליטישן כאַראַק־טער, — זיי טוען זייער זאַך אין דער שטיל, װייל דאָס ליגט אין דעם מהות פון זייער אַרבעט; אָבער די דאָזיקע אַרבעט זייערע איז נישט װייניקער װיכטיק, און אַפילו װיכטיקער, װי פון יענע, װאָס האָבן אַ סך קלינגענדיקע שילדן. צו די דאָזיקע אינסטיטוציעס פון אונדזער ישוב, װאָס האָבן אָפּגעשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע ביים אויפבויען אונדזער לעבן אין מעקסיקע, דער עיקר אין דעם ערשטן — און שווערסטן — פּעריאָד, געהערט בלי ספק דער הילפספאַראיין.

אַ שם דבר ביי יידן אין מעקסיקע איז דער יידישער הילפס־פאַראיין. זייער גערן באַשטייערט זיך אַ ייד פאַרן הילפספאַראיין. און ס׳איז נישט קיין חידוש: דאָס רוב האָט דאָך אַמאָל אַליין — אין דער אָדער אַנדער פאָרעם — גענאָסן פון זיין הילף.

פאַקטיש האָט די הילפסאַרבעט זיך אָנגעהויבן נאָך אין די 20־ער יאָרן. אין יענער צייט זיינען געװען אָרעמע אימיגראַנטן, וואָס האָ־בן ניט געהאַט אויפן טאָג אויסצוקומען, און אין פאַל פון אַ קראַנק־הייט איז אויסגעקומען כאַטש אויסצוגיין. די מערהייט פון די געקו־מענע זיינען נאָך געװען עלנט, אָן פאַמיליעס, עס איז אָפט מאָל ניט געװען, װער עס זאָל אויף דעם חולה אַכטונג געבן און דערלאַנגען אַ ביסל װאַסער, רופן אַ דאָקטאָר. שוין דעמאָלט האָט זיך געפונען אַ גרופּע פרויען, װאָס האָבן גענומען אויף זיך די װיכטיקע פליכט צו טאָן הילפסאַרבעט: ליבניק, װערלינסקי, װיינשטאָק, ריידער, סו־ראַסקי און נאָך אייניקע, װאָס איך קאָן זיך, צום באַדויערן, נישט דערמאָנען זייערע נעמען. אָט די גרופּע פרויען האָט אָנגעהויבן די פיאָנערישע הילפסאַרבעט: געגעבן שטיצע, רפואות, געזעסן ביים בעט פון אַ קראַנקן אאַ״װ. און איך דערמאָן זיך ניט װיניציק פאַלן, װען אַזאַ געהאָלפענער פלעגט דערנאָך קומען צו אָט די פרויען און מיט טרערן אין די אויגן באַדאַנקען פאַר שטעלן אויף די פיס, פאַר ראַטעװען ממש דאָס לעבן. אין יענער צייט איז עס טאַקע געװען

פשוט אַ רעטונג פאַר אַן איינזאַמען עמיגראַנט, אַז ער האָט באַקומען אַ שטיצע אויף צו קאָנען זיך נעמען צו עפּעס, אָדער אַז מע האָט אים געפלעגט בשעת אַ קרענק.

עס זיינען נאָך איצט אויך פאַראַן פיל עמיגראַנטן פון יענעם דור, וואָס געדענקען צום גוטן אָט יענעם פרויען־קאָמיטעט, און זיי זיינען ביז היינט פריינד פון יענע האַרציקע און ליבנסווירדיקע פרויען, וואָס זיינען שוין היינט באָבעס . . .

ביי דעם בעסטן ווילן איז אָבער פאַר דעם קליינעם ישוב געווען שווער צו קאָנען אויפנעמען און העלפן סיסטעמאַטיש די אָנקומענדיקע עמיגראַנטן — שטיצן זיי און היילן, איינאָרדענען זיי אין דער ערשטער צייט. האָבן מיר זיך געווענדעט נאָך הילף צו דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „בני־ברית", וואָס האָט דעמאָלט געהאַט איר הויפּט־ביוראָ אין סינסינעטי, אַז זי זאָל זיך מיט דעם פאַראינטערעסירן. און די „בני־ברית" האָט איינגעזען, אַז עס איז טאַקע רעכט צו העלפן דעם אויפקומענדיקן ישוב אין מעקסיקע.

די „בני־ברית" האָט אַראָפּגעשיקט אַהער אירן אַ פאָרשטייער און טוער, דעם הער וויינבערגער, און מע האָט געעפנט אין מעקסיקע אַן עמיגראַנטן־צענטער פאַר די געקומענע יידן פון אייראָפּע. די אָפּטיילונג פון „בני־ברית" האָט אין די ערשטע יאָרן געהאַט אַ סך אַרבעט. זי פלעגט אויפנעמען די אָנקומענדיקע עמיגראַנטן, געגעבן זיי די ערשטע שטיצע, כדי צו קאָנען אָנהייבן אַרבעטן און פאַרדינען אויף אַ לעבן. מע האָט אויך אין אַ נויטפאַל געגעבן מעדיצינישע הילף — אין דעם „בני־ברית"־צענטער אויף „קאַיע מינאַ" זיינען אפילו געווען בעטלעך פאַר אָרעמע חולאים, און אַזעלכע האָבן צווישן די עמיגראַנטן פון די ערשטע יאָרן ניט געפעלט.

די דאָזיקע אָפּטיילונג און די היים פאַר עמיגראַנטן איז אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך „בני־ברית" פון די שטאַטן מיט דער הילף פון אַ גרופּע באַלעבאַטים, שוין היגע תושבים, וואָס פלעגן צאָלן אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל.

די דאָזיקע טעטיקייט האָט „בני־ברית" געפירט ביזן סוף פון יאָר 1929, אויספילנדיק אַ וויכטיקע פונקציע ביים העלפן איינאָרדענען די נייע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן אין יענע יאָרן אַריינקומען אין גרויסע צאָלן אין מעקסיקע, הגם, למען האמת, דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז דער אופן פון צוטיילן די הילף מצד „בני־ברית" און די אָנפירונג (וואָס איז, אגב, איינגעשטאַנען אין די הענט פון פערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט אַ שוואַכן קאָנטאַקט מיט דער געזעל־

שאַפּטלעכקייט פון אויפקומענדיקן ישוב), האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק באַוואָרענישן און טענות.

אין אָנהייב פון יאָר 1930 האָט דער פאָרטרעטער פון „בני־ברית", הער ווייַנבערגער, איינגעלאַדן פאָרשטייער פון דער יידישער קאָלאָניע (ווי מע האָט דעמאָלט גערופן דעם ישוב) און איבערגעגעבן די מיינונג פון „בני־ברית" אין אַמעריקע, אַז מע דאַרף אויפגעבן זייער טעטיקייט אין מעקסיקע, און פאָרגעשלאָגן איבערצוגעבן די פונקציעס פון איר הילפס־טעטיקייט אַן אָרטיקער אינסטיטוציע, — דאָס הייסט, אַז דער ישוב, וואָס איז פאַר די יאָרן שוין אויסגעוואַקסן, זאָל אַליין איבערנעמען אָט די אויפגאַבע צו דערפילן.

די פאָרשטייער פון יידישן ישוב — און דאָן זיינען עס שוין געווען פאָרטרעטער פון עטלעכע אָרגאַניזאַציעס און פון פאַרשיידענע ריכטונגען — זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ האַרבער פּראָבלעם. די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מע קאָן די אַרבעט פון „בני־ברית" ניט איבערנעמען, ווייל דער ישוב איז נאָך צו קליין (ער האָט דאָן געציילט מסתמא אַרום טויזנט משפחות) און צו שוואַך עקאָנאָמיש. זיי האָבן אויך געצווייפלט, צי מע וועט קאָנען אַליין אָנפירן מיט דער אַרבעט, בפרט אַז דער שטראָם פון עמיגראַנטן האָט זיך דעמאָלט גראָד פאַרגרעסערט. אַ צווייטער טייל פון די אָנוועזנדיקע אויף אָט דער באַראַטונג (וואָס דער שרייבער פון די שורות איז געווען זייער לידער, אַזוי צו זאָגן) איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מע דאַרף יאָ איבערנעמען די אַרבעט פון „בני־ברית". מיר האָבן געהאַלטן, אַז „בני־ברית" האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן, דער ישוב איז שוין גענוג גרויס, אפשר גרעסער ווי מיר רעכענען, אַ היפּשער טייל עמיגראַנטן זיינען שוין איינגעאָרדנט און אפילו אַרויפגעאַרבעט, די געזעלשאַפטלעכקייט איז שוין גענוג דערוואַקסן און רייף, און עס פּאַסט דעריבער ניט צו זיין ווייטער אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער שטיצע פון אַן אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, — עס איז צייט, אַז מיר זאָלן אונדזערע געזעלשאַפטלעכע נויטן קאָנען אַליין אויסהאַלטן.

מען האָט דאָן אַ סך דעבאַטירט וועגן דעם ענין און סוף־כל־סוף פּאָרט באַשלאָסן איבערצונעמען די אַרבעט פון „בני־ברות" — דאָן איז דאָס געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דעם יידישן הילפס־פּאַראיין, וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ הערלעך בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין מעקסיקע.

עטלעכע חדשים האָט נאָך „בני־ברית" געגעבן דער ניי אָנט־

שטאַנענער הילפס-אָרגאַניזאַציע אַ סובסידיע *, אָבער דערנאָך האָט זיך „בני-ברית" אין גאַנצן צוריקגעצויגן פון איר טעטיקייט אין מעקסיקע, און די הילפסאַרבעט האָט זיך געמוזט שטעלן אויף אייגענע פיס.

דער הילפספאַראיין האָט זיך פון לכתחילה געשטעלט אויף יסודות פון קאָנסטרוקטיווער הילף. דער געדאַנק איז געווען, אַז עס זאָל ניט ווערן קיין סתם צדקה-חברה, אין נעגאַטיוון זינען פון באַגריף, נאָר אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל געבן הילף און מעדיצינישע אונטערשטיצונג פאַר די מענטשן, וואָס װעלן קומען נאָך הילף אין זייער אייגענער אינסטיטוציע ניט ווי קיין בעטלער אָדער נידעריקערע מענטשן, נאָר זייער פאַראיין זאָל זיי אַרויסהעלפן אין אַן עת-צרה, ווי אַ גלייכן.

עס איז תיכף איינגעשטעלט געוואָרן אַ מיטגלידערשאַפט מיט אַ סיסטעמאַטישן אָפּצאָל, צו ערשט אַ פּעזע אַ חודש, און די סאָציאַלע טעטיקייט האָט זיך גלייך אָנגעהויבן גוט אַנטוויקלען צום נוצן פון גאַנצן יידישן יונגן ישוב אין מעקסיקע. די הילף איז געגעבן געוואָרן סיי פריש אָנגעקומענע עמיגראַנטן, סיי נויטבאַדערפטיקע „תושבים". דער כאַראַקטער פון דער הילף איז אויך געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער. עס איז די ערשטע צייט געווען אַ קליניק, וואו מע האָט באַהאַנדלט קראַנקע (אגב, האָבן דאָרט געאַרבעט דאָקטוירים פון די געקומענע עמיגראַנטן). שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קליניק איז ניט פּראַקטיש, זיינען געשלאָסן געוואָרן אָפּמאַכן מיט שפּיטאָלן און סאַנאַטאָריעס, וואו יידישע קראַנקע זיינען געוואָרן באַהאַנדלט פריי דורך די נייטיקע ספּעציאַליסטן אויפן חשבון פון הילפספאַראיין.

אויסער זיין היילונגס-אַרבעט און אַנדערע פאָרמען פון הילף און שטיצע, איז דעם הילפספאַראיין אויסגעקומען צייטנווייז צו פאַרנעמען זיך מיט העלפן די קלענערע יידישע סוחרים, וואָס זיינען אין יאָר 1930 אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון די מערק, פון זייערע ביידלעך („פּועסטאָס"), — געווען איז דאָס אין דער צייט פון פּרעזידענט אָרטיז רוביאָ, — די גזירה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך געוויסע שטאָט-באַאַמטע, און ביי אַ היפּשן טייל יידישע הענדלער האָט זיך ממש אַרויסגעגליטשט דער באָדן פון אונטער די פיס. דער הילפס-

---

* די ערשטע 6 חדשים צו 1000 דאָלאַר און נאָך 6 חדשים צו 500 דאָלאַר.

פאַראיין האָט דאַן געמאַכט אַ סך אינטערווענצן, און ווען קיין שום זאַך האָט ניט געהאָלפן, האָט מען געמוזט קומען צו הילף אַ גרויסער צאָל געליטענע קליינהענדלער, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס אָנצוהייבן אַן אַנדער מסחר אָדער פאַבריקל. עס איז אויך דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ לייקאַסע.

אָבער דאָס אַלץ וועט גענויער איבערגעגעבן ווערן ווייטער, אין דער גענויער שילדערונג פון דעם אַנטוויקלונגס-וועג פון הילפספאַר־איין, דער אינסטיטוציע, וואָס פירט נאָך ביז היינט, הגם ביי געענ־דערטע באַדינגונגען, איר נאָבעלע אַרבעט צו העלפן בכבודיק אַ נויטבאַדערפטיקן.

ביים באַשרייבן אָט דעם אַנטוויקלונגס-וועג וועלן מיר זיך סומך זיין דער עיקר אויף אויטענטישע מאַטעריאַלן, פּראָטאָקאָלן און אַנ־דערע דאָקומענטן, וואָס זיינען, צום גליק, אַ סך אויספירלעכער, ווי פון די פריער באַשריבענע אינסטיטוציעס.

ב.

די הילפסאַרבעט אין די ערשטע יאָרן דער פרויען-קאָמיטעט

צום סוף פון 1920טן און אָנהייב 1921טן יאָר איז די יידישע אימיגראַציע קיין מעקסיקע געווען זייער אַ שטאַרקע. יעדע שיף פלעגט ברענגען צענדליקער און אפילו הונדערטער יידישע אימיגראַנטן מיט איין מאָל. קיין שום אָרגאַניזירטע אינסטיטוציע אָדער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיי אָפּוואַרטן און העלפן מיט ראַט און טאַט איז נאָך ניט געווען. דער איינוואַנדערער, וואָס איז אָנגעקומען אין דעם נייעם לאַנד, האָט ניט געהאַט קיין פריינד אָדער באַקאַנטע, וואָס זאָלן אים העלפן זיך איינאָרדענען, אַ גרויסער טייל פון די אָנגעקומענע איז געווען אין גאַנצן אָן מיטלען די ערשטע צייט. דער יידישער ישוב איז דעמאָלט געווען אָרעם און קליין — ער האָט געציילט קוים אַ פּאָר הונדערט מאַן.

אָבער שוין דעמאָלט האָבן זיך אייניקע געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי קומט מען צו הילף די נייע אָנקומענדיקע ברידער? וואו שאַפט מען פאַר זיי אַרבעט אָדער אַנדערע מיטלען זיך מפרנס צו זיין? ווי אַזוי קאָן מען זיי העלפן בעת אַ קראַנקהייט? — און אָט דעמאָלט שוין האָט זיך אָרגאַניזירט אויף שנעל אַ קאָמיטעט פון עטלעכע פּערזאָן, וואָס האָט מיט אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג און מסירת-נפש געטאָן, וואָס נאָר ס'איז געווען מעגלעך אין יענע באַדינגונגען, כדי צו העלפן די אָנקומענדיקן און נויטבאַדערפטיקע אימיגראַנטן און צו פאַרלייכטערן די חבלה-לידה פון אויפקומענדיקן יידישן ישוב.

שפּעטער צו, אָרום די יאָרן 1922, איז געשאַפן געוואָרן אַ פרויען-פאַראיין, וואָס האָט גענומען אויף זיך די נאָבעלע אויפגאַבע צו לינדערן די וואַקסנדיקע אָרעמקייט און צו העלפן אין פאַלן פון קראַנקהייט ביי די יידישע איינוואַנדערער. ווען מע נעמט אין באַטראַכט די באַדינגונגען אין יידישן ישוב צו יענער צייט און די שווערע אומשטענדן, אין וועלכע די דאָזיקע פרויען האָבן געמוזט פירן זייער אַרבעט: אַ נייער צונויפגעלאָפענער ישוב, וואו איינער האָט דעם צווייטן ניט געקענט; זייער אַ סך מענטשן אָן געלטמיטלען, אין גרויס נויט, — ווען מע דער-

מאַנט זיך דאָס אַלץ, איז באמת צום באַוואונדערן, ווי אַזוי זיי האָבן דאָך אויפגעטאָן אַזוי פיל. מע האָט אָפּט אויסגעהאַלטן גאַנצע פאַמיליעס במשך פון אַ לאַנגער צייט: מע האָט אויפן חשבון פון דעם פרויען־קאָמיטעט געשיקט קראַנקע — מענער, פרויען און קינדער — אין די בעסטע שפּיטאַלן פון שטאָט אָדער באַזאָרגט מיט דאָקטוירים און רפואות אד"גל.

אַ געוויסן באַגריף וועגן דער אַרבעט פון דעם דאָזיקן פרויען־פאַראיין (אָדער „דאַמען־קאָמיטעט", ווי מע האָט אים אויך גערופן) קאָן געבן דער באַריכט זיינער, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אונדזער וואָרט" פון נאָוועמבער 1928. דאָס איז בלויז אַ קורצער קאַסע־באַריכט נישט מער ווי פאַר עטלעכע חדשים — פון 12טן יולי ביז דעם 1טן נאָוועמבער 1928:

איינקונפט:		אויסגאַבן:	
באַלאַנס אויפן 12 יולי	$ 1436.70	הילף אין געלט — — —	$ 1913.92
מיטגליד־אָפּצאָל — —	1295.50	מעדיצינישע הילף —	717.70
פרייוויליקע באַשטייערונגען — — — —	27.00	אַלגעמיינע אויסגאַבן —	324.60
צוריקגעגעבענע הילף	290.00	אָוונטן — — — — —	35.05
פון אָוונטן — — —	54.00	טאָטאַל:	$ 2991.27
געלט־אויסבייטן — —	0.80	באַלאַנס אויפן 1טן נאָוו.	157.10
סך־הכל	$ 3148.37		
טאָטאַל	3148.37		3148.37

די אויפגאַבע פון פרויען־פאַראיין איז אויך געווען פרויענשוץ, וואָס איז דעמאָלט, אין די ערשטע יאָרן פון דער אימיגראַציע, געווען אַקטועל, פאַרשטייט זיך, נישט אין אַזאַ מאָס, ווי אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער, אָבער דאָך האָט מען פון אָט דער פּלאָג געוואוסט אויך אין מעקסיקע. און עס זיינען געווען פאַלן, ווען דער פרויען־קאָמיטעט האָט אינטערווענירט און אַרויסגעראַטעוועט אייניקע פרויען פון זומפּ, אָדער פאַרהיט זיי פון אַריינפאַלן אהין. פרויענשוץ איז אויך אַריינגעגאַנגען דערנאָך אין די אויפגאַבן פון שפּעטערדיקן הילפספאַראיין, וועלכער האָט שוין די דאָזיקע אַרבעט געפירט אין אַ מער אָרגאַניזירטער פאָרעם, שטייענדיק אין פאַרבינדונג מיט די געהעריקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף דעם געביט אין פאַרשיידענע לענדער, אַרגענטינע אַריינגערעכנט. אָבער גאָר גיך האָט זיך מעקסיקע אויסגעהיילט פון אָט דער מכה, און נאָר אין

געצײלטע פֿאַלן אין נײטיק געװען די אינטערװענץ פֿון ייִדישע אינסטיטוציעס.

אין אָנהײב פֿון יאָר 1927 איז פֿאָרגעקומען, זעט אױס, אַ געװיסע װיכטיקע רעאָרגאַניזאַציע פֿון פֿרױען־פֿאַרײן. אַזױ, למשל, געפֿינען מיר אין דעם נומער 2 פֿון דעם מימעאָגראַפֿירטן ביולעטין, װאָס דער „יאָנג־מען” האָט דעמאָלט אָנגעהױבן אַרױסצוגעבן, אַזאַ מין נאָטיץ װעגן דעם פֿרױען־פֿאַרײן (יוני, 1927):

> „די פֿרױען אין מעקסיקע האָבן שטענדיק אַרױסגעװיזן זײער אָפּערװעליקײט און גרײטקײט צו קומען צו הילף די נױטבאַדערפֿטיקע פֿון דער היגער ייִדישער קאָלאָניע. זײ האָבן געהאָלפֿן בױען דעם „י.מ.ה.א.”, אָרגאַניזירן די דענטאַל־קלי־ניק, אױך געשטיצט די שולע, און צײטנװײז אַרױסגעהאָלפֿן אָרעמע. אָבער ביז איצט האָט זײער טעטיקײט געטראָגן בלױז אַ צופֿעליקן כאַראַקטער, קײן שטענדיקע און צװעקמעסיקע(?) אָרגאַניזאַציע איז ניט געװען.
>
> איצט האָבן זיך די ייִדישע פֿרױען אָרגאַניזירט אַלס שטענ־דיקע געזעלשאַפֿט, אַלס אינסטיטוציע צו העלפֿן אָרעמע און קראַנקע דורך געלט און אױך אױסגעפֿינען אַרבעט פֿאַר אַר־בעטסלאָזע(...) די אָרגאַניזאַציע האָט אױך (פֿאַר) איר צװעק צו שאַפֿן פֿאַמיליאַריטעט צװישן אַלע פֿרױען אין מעקסיקע, אַי־בערהױפּט צװישן די, װעלכע זײנען אײנזאַם און עלנט, אָן פֿאַ־מיליע און פֿרײנד, די עלנטע פֿרױען װעלן אין דעם פֿאַרײן, אַזױ צו זאָגן, געפֿינען זײער הײם”.

די נאָטיץ אין ביולעטין רעכנט אױך אױס די מיטגלידער פֿון דער נײער פֿאַרװאַלטונג: פֿרױ **װערלינסקי** — פּרעזידענט; פֿרױ **טאַמען** — װיצעפּרעזידענט; פֿרױ **רײדער** — קאַסיר; פֿרױ **לאַסק** — סע־קרעטאַר.

אין אַ שפּעטערדיקן ביולעטין (פֿון אָקטאָבער 1927) געפֿינען מיר אַנדערע װיכטיקע ידיעות װעגן דער אַרבעט פֿון דעם „פֿרױען־פֿאַר־אײן”. עס װערט געמאַכט אַ מיטטײלונג, אַז אין דעצעמבער פֿון דעם יאָר װעט פֿאָרקומען אַן אַלגעמײנע פֿאַרזאַמלונג, װאו עס װעט אָפּגעגעבן װערן אַ באַריכט װעגן דער טעטיקײט פֿון פֿאַרײן און עס װעט געװײלט װערן אַ נײע פֿאַרװאַלטונג. די באַקאַנטמאַכונג רופֿט אַלע ייִדן זיך אָצושליסן אין דעם פֿאַרײן, װײל **„עס איז װינ־טשענד** (געװאונטשן), **אַז די געזעלשאַפֿט זאָל געשטיצט װערן דורך**

דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, און דאַן וועט מעגלעך זיין צו טאָן הילפסאַרבעט, צו וועלכער דער „פרויען־פאַראיין" איז באַרופן".

אין דעם זעלבן ביולעטין איז אויך פאַראַן אַן אינטערעסאַנטער באַריכט, וואָס גיט אַן אַריינבליק אין די פאָרמען און פאַרנעם פון דער אַרבעט, וואָס דער פאַראיין האָט אין יענער צייט געטאָן. דער באַריכט, וואָס נעמט אַרום, וואַרשיינלעך, דעם פעריאָד זינט דער רעאָרגאַניזאַציע (דאָס הייסט, פון יוני ביז דעצעמבער 1927) דער־ציילט:

„עס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן * 40 קראַנקע, אייניקע פון זיי האָבן געהאַט ערנסטע אָפּעראַציעס. ס'איז אויסגעטיילט געוואָרן הילף אין מזומן פאַר 22 פאַמיליעס די סומע פון 563.05 $. אין צוויי פאַלן האָט מען אויסגעגעבן אויף מקבר זיין טויטע — 40 $. פאַר קוראַציע פון איין יונגנמאַן אויס־געצאָלט (דעם ד"ר ווינגאַקור) — 47.75 $. אויסגעהאַלטן אין ענגלישן שפּיטאָל 7 קראַנקע — 766.75 $. געקויפט אַ נייי־מאַשין (ניימאַשינען ?) פאַר 3 פאַמיליעס — 173.80 $. גע־קויפט שטאָף צו אַרבעטן פאַר 3 פאַמיליעס — 155 $. באַ־צאָלט דירה־געלט פאַר 2 פאַמיליעס — 45 $. באַצאָלט רייזע־בילעטן פאַר 3 פאַמיליעס — 180 $. געקויפט מילך און אַנ־דערע שפּייז (וועכנטלעכע אויסגאַבע) — 45 $. באַצאָלט פאַר רפואות פאַר 6 פאַמיליעס — 13.85 $. באַצאָלט פאַר שפּייז, וואָס מע פירט צוויי מאָל אין וואָך אין מיקסאַקאַק (פאַר אַ יידישער פרוי, וואָס געפינט זיך אין משוגעים־הויז) — 34.50$. אויסגעהאַלטן 5 מאַנאַטן די שפּאַנישע קורסן — 200 $, און נאָך אַנדערע פיל פאַרשידענע קליינע אויסגאַבן".

דער אויבן ציטירטער דאָקומענט באַווייזט אונדז באַשיינפּערלעך, אַז אויב די הילפס־לייסטונגען פון דעם „פרויען־פאַראיין" זיינען אפשר נישט געווען אַזוינע גרויסע אין געלט־אויסמעסטונג (יעדנ־פאַלס, אויב מיר וועלן אָנווענדן די השגות פון די שפּעטערדיקע יאָרן, צי פון היינט), איז אָבער דער פאַרמעסט געווען זייער אַ גוטער און דער צוגאַנג צו דער אַרבעט — אַ ריכטיקער, אַ געזעלשאַפטלע־

* אגב, ווערט אין באַריכט אָנגעגעבן, אַז איינער פון די דאָקטוירים, אולפעלדער, האָט באַהאַנדלט די קראַנקע אין גאַנצן אומזיסט.

כער: צו גלייך מיט פאַרשיידענע פאָרמען פון שטיצע פאַר קראַנקע און פאַר מענטשן אין אַ נויטפאַל, זעט מען אויך פרואוון פון קאָנ־סטרוקטיווער הילף, וואָס שטרעבט דעם מענטשן צו שטעלן אויף אייגענע פיס, געבן אים די מעגלעכקייטן צו ווערן עקאָנאָמיש זעלב־שטענדיק און אומאָפּהענגיק.

אין די שפּעטערדיקע נומערן פון דעם „יאַנג־מען״־ביולעטין טרעפן מיר עטלעכע מאָל פאַרשיידענע נאָטיצן וועגן „פרויען־פאַראיין״ און אויך רופן צו אונטערשטיצן אים אין זיין וויכטיקער אַרבעט. אַזוי, למשל, איז אין נומער 13 פון „אונדזער וואָרט״, יאַנואַר 1929, פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אַ רוף פון פאַראיין צו דער באַפעלקערונג. אַ רוף, וואָס זאָגט עדות וועגן אַ שווערן פינאַנציעלן מצב פון דער געזעלשאַפט, זעט אויס, צוליב די וואַקסנדיקע באַדערפענישן אין הילף:

„די יידישע פרויען־געזעלשאַפט אין מעקסיקע עקזיסטירט שוין כמעט צוויי יאָר*. זי איז שוין זייער פיל באַוואוסט צווישן דער היגער יידישער באַפעלקערונג. אַלס באַוויז קאָ־נען דינען די אָפּטע אַפּילן פון נויטבאַדערפטיקע.

מענער, פרויען און קינדער ווענדן זיך יעדן מאָנטיק צו אונדזער פאַרוואַלטונג, בעטנדיק מאַטעריעלע הילף און גייס־טיקע (?). די געזעלשאַפט טוט פאַר זיי אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך און נאָך אירע כוחות נאָך. די אינפאָרמאַציע־קאָמי־סיע פאָרשט אויס דיסקרעט די לאַגע פון די לייט, און אויב די דאָזיקע נייטיקן זיך ווירקלעך, העלפט מען זיי. די הילף איז אַ פילפאַכיקע: אַ דאָקטאָר, מעדיצינען, אָפּעראַציעס, וועכנטלעכע סובסידיעס, קליידער, געלט אויף איינאָרדענען זיך און געלט צו קויפן סחורה פאַר מענער אין זייער אַ סך פאַלן.

קיינער פון דער יידישער קאָלאָניע האָט נישט דעם מינד־סטן באַגריף וועגן דעם, וואָס פאַר אַ נויט, צרות, דחקות עס הערשט אין דעם קליינעם יידישן וועלטל אין מעקסיקע. עס איז אוממעגלעך אַלעמען צו העלפן, און אַ סך נויטבאַדערפ־טיקע מוזן אָפּט אָוועקגיין אָן שטיצע, מחמת אונדזערע פי־נאַנצן זיינען זייער קליין.

* די רעכענונג ווערט דאָ געפירט, זעט אויס, זינט דער רעאָרגאַני־זאַציע אין 1927.

מיטגלידער האָבן מיר ווינציק, און דערצו פעלן נאָך פאַר־אינטערעסירטע אין אונדזער ארבעט פון דער יידישער באַפעלקערונג בכלל. דער יידישער ישוב וואקסט, עס קומען אָן אימיגראַנטן אָן אַ סענט, זיי ווענדן זיך צו אונדז נאָך הילף; מיר גיבן, אָבער ווי לאַנג קאָן מען אויסהאַלטן ביי דער גלייכגילטיקייט פון דער היגער קאָלאָניע צו אונדזער ארבעט?

די קאַסע איז ליידיק, קיין הכנסות האָבן מיר נישט, ווי לאַנג וועלן מיר קאָנען עקזיסטירן ביי אַזעלכע אומשטענדן?(...)

עס ליגט דער הייליקער חוב אויף אונדזערע שוועסטער אין מעקסיקע צו ווערן מיטגלידער פון אונדזער געזעלשאַפט און אַקטיוו מיטהעלפן צו לינדערן די נויטן פון זייער אַ סך פאַמיליעס. און דאָס קאָנען מיר נאָר טאָן, ווען די פרויען וועלן ניט שטיין פון ווייטן און אונדז מיטהעלפן אין אונדזער ארבעט".

דער דאָזיקער רוף רעדט אַליין פאַר זיך. אויסער דעם וואָס ער גיט אַ פאַרשטעלונג וועגן דער שווערער לאַגע פון פאַראיין און וועגן דער מסירת־נפשדיקער ארבעט פון זיינע טוערינס, — קריגן מיר אויך אַ שטיקל באַגריף וועגן דעם מצב פון אַ גרויסן טייל פון די ניי איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן זיך מיט גרויסע מאַטערנישן געראַנגלט פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר די מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען, און אַ סך האָבן געמוזט אין אַן עת־צרה אָנקומען נאָך הילף און אונטערשטיצונג.

צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן דראַמאַטישן רוף איז אין דעם אייגענעם נומער פון דעם ביולעטין פאַרעפנטלעכט אַ קאַסע־באַריכט פון „פרויען־פאַראיין" פאַר אַ האַלב יאָר; פון דעם באַריכט איז צו זען, אַז דער פאַראיין האָט אין יענעם צייט־אָפּשניט אויסגעגעבן בערך 650$ יעדן חודש אויף הילף אין פאַרשיידענע פאָרמען, דער עיקר אין געלט. דער הויפּטקוואַל פון הכנסה איז געווען דער מיטגליד־אָפּצאָל.

זעט אויס, אַז די רירנדיקע ווענדונג פון „פרויען־פאַראיין" האָט געגעבן געוויסע רעזולטאַטן: עס האָט זיך פאַרגרעסערט די מיטגלידערשאַפט, ווי אויך די אַנדערע הכנסות. אַ באַוויז דערצו געפינען מיר אין אַ באַריכט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער (פעברואַר 1929), אין וועלכן מיר זעען, אַז די הכנסות פון „פרויען־פאַראיין" האָבן זיך איז געהויבן אויף בערך 40 פראָצענט. אגב, איז כדאי אָפּצומערקן, אַז

אין דעם דערמאָנטן באריכט פיגורירט אַ נייע, אינטערעסאַנטע אויס־גאַבן־פּאָזיציע: „**אויסהאַלטן קינדער אין שול — 60 פּעזעס**".

ווי מיר קאָנען אויספירן פון דעם אַלעמען, וואָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער טעטיקייט פון דעם „פרויען־פאראיין", האָט ער געטאָן זייער אַ סך, אין די גרענעצן פון זיינע מעגלעכקייטן, און די דאָזיקע מעגלעכקייטן זיינען געווען אַ סך קלענער, ווי די באַדער־פעניש און נויטן פון דער הילפסאַרבעט, וואָס דער יידישער ישוב אין מעקסיקע האָט דעמאָלט געדאַרפט האָבן. אַ ברייט פאַרצווייג־טע און סיסטעמאַטישע הילפסאַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיטן אַנטשטיין פון „הילפספאַראיין". פריער מוזן מיר אָבער באַרירן די טעטיקייט פון „בני־ברית" אין מעקסיקע, אויף וויפל דער אָנהייב פון „הילפספאַראיין" איז טיילווייז פאַרבונדן דערמיט.

ג.

„בני־ברית״

די אָפּטיילונג פון דער אַמעריקאַניש־יידישער געזעלשאַפט „בני־ברית״ האָט געפירט איר הילפס־טעטיקייט אין מעקסיקע, אָנהייבנדיק בערך פון יאָר 1925 ביזן יאָר 1930. אין די דאָזיקע פינף יאָר האָט „בני־ברית״ בלתי ספק אַ סך נוצן געבראַכט דעם ניי אויפקומענדיקן יידישן ישוב, און פיל אימיגראַנטן האָבן גענאָסן פון זיין הילף אין פאַרשיידענע פאָרמען.

מיר האָבן ניט, צום באַדויערן, קיין גענוגנדיקע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקייט פון „בני־ברית״, אָבער ס׳וועט זיין מעגלעך צו קריגן אַ פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער אַרבעט אויפן סמך פון אייניקע באַריכטן, וואָס מיר האָבן געפונען אין דער היגער פרעסע.

די ערשטע אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט פון „בני־ברית״ געפינען מיר אין דער נומער 5 פון „י.מ.ה.א.״־ביולעטין, אָקטאָבער 1927 — דאָס איז אַן אָריגינעלער באַריכט פון דער „בני־ברית״־ביוראָ פאַרן חודש אָקטאָבער, פון וועלכן מיר דערוויסן זיך, אַז אין משך פון אָט דעם חודש איז געגעבן געוואָרן די ווייטערדיקע הילף:

„אויסגעליען פאַרשיידענע פערזאָנען (צוזאַמען) — 3896 $
שטיצע אויסגעטיילט — — — — — — — — — 862 $

די „בני־ברית״־אַמבולאַטאָריע האָט געהאַט 487 וויזיטן פון 158 קראַנקע;

אין „בני־ברית״־סאַנאַטאָריע האָבן זיך אויפגעהאַלטן 5 קראַנקע;

אין אַמעריקאַנער שפּיטאָל האָט מען אויסגעהאַלטן 3 קראַנקע און אין פּרעפערענץ־אָפּטיילונג פון רעגירונגס־משוגעים־הויז — 1 קראַנקע.

אין פּריוואַטע וואוינונגען זיינען באַזוכט געוואָרן 2 פּערזאָן״.

אין דעם זעלבן נומער פון ביולעטין געפינען מיר אַן אינטערע־סאַנטע נאָטיץ פון „בני־ברית" וועגן דעם, אַז במשך פון אָקטאָבער און העלפט נאָוועמבער פון דעם יאָר זיינען קיין מעקסיקע אריינ־געקומען 140 אימיגראַנטן, די מערהייט פון פוילן. פאַר דער זעלבער צייט האָבן זיך 2 יידן אומגעקערט צוריק קיין אייראָפּע. די זעלבע מעלדונג זאָגט אָן, אַז אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער ווערן דערוואַרט נאָך צוויי שיפן מיט עמיגראַנטן קיין מעקסיקע.

אין יאַנואַר־נומער פון „אונדזער וואָרט" (דער ערשטער גע־דרוקטער נומער פון דעם דערמאָנטן ביולעטין) ווערט איבערגעגעבן אַ באַריכט פון „בני־ברית" פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר 1927. דער דאָ־זיקער באַריכט וואַרפט נאָך אַ בעסער ליכט אויף דעם כאַראַקטער פון דער הילפסטעטיקייט פון „בני־ברית", דעריבער האַלטן מיר פאַר נייטיק צו ברענגען דאָ עטלעכע וויכטיקסטע ציפערן:

„הלוואות — — — — — — — 54073 $
שטיצע — — — — — — — — — 8930 $

די „בני־ברית"־אמבולאַטאָריע האָט פאַרן יאָרן געגעבן 5826 באַהאַנדלונגען פון 1119 פּאַציענטן.

אין סאַנאַטאָריע האָבן זיך אויסגעהאַלטן 57 קראַנקע; אַנ־דערע 25 חולאים האָט מען אויסגעהאַלטן אין אַמעריקאַנער און ענגלישע שפּיטאָלן.

פאַרן זעלבן יאָר האָט די ביוראָ פון „בני־ברית" באַהאַנ־דלט 716 אימיגראַציע־פאַלן אין 156 קאָנסולאַטן.

דער ביוראָ איז געלונגען צו באַקומען באַשעפטיקונג פאַר 100 פּערזאָן אין דער פּראָווינץ און 50 — אין מעקסיקאָ־סיטי".

בערך אין דער זעלבער ריכטונג און מיטן זעלבן פאַרנעם האָט „בני־ברית" געפירט זיין טעטיקייט ביזן אָנהייב פון יאָר 1930. שוין צום סוף פון יאָר 1929 האָט די אָנפירונג פון „בני־ברית" אָנגעהויבן רעדן וועגן דער ליקווידאַציע פון איר אָפּטיילונג אין מעקסיקע, אָבער שפּעטער מיט עטלעכע חדשים האָבן זיי שוין דעם ענין אַוועקגע־שטעלט קאָנקרעט און קאַטעגאָריש, ניט געקוקט, וואָס אַ היפּשער טייל פון דעם אָרטיקן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו איז געווען קעגן דער ליקווידאַציע, מורא האָבנדיק, אַז מע וועט זיך מיט אייגענע כוחות ניט קאָנען קיין עצה געבן מיט דער הילפסאַרבעט.

נאָך אין אַפּריל 1930, ווען די ליקווידאַציע פון „בני־ברית" איז שוין פּאַקטיש געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, האָט די רעדאַקציע פון „אונדזער וואָרט" געשריבן אין אַ לייטאַרטיקל אונטערן קאָפּ „בני־ברית" גייט פאָרט אַוועק":

„בני־ברית" גייט אַוועק פון מעקסיקע, ווייל זי גלייבט אַ ביסל צו פיל אין אונדזערע כוחות, ווייל זי קען ניט אונדזער אמתע לאַגע. דער חוב פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע טוער איז דעם ענין קלאָר צו מאַכן, אָבער בשום אופן נישט מאַכן אים נאָך מער מטושטש, ווי ער איז".

דער לייטאַרטיקל־שרייבער איז קאַטעגאָריש קעגן דעם אַוועקגיין פון „בני־ברית" און טרעט אויך אַרויס שאַרף קעגן די אַנהענגער פון דעם דאָזיקן שריט:

„די פּאַרטיידיקער פון „בני־ברית"־אַוועקגאַנג, די יעניקע וואָס זיינען אין דעם מאָמענט איבערצייגט אין דער ריכטי־קייט פון אַזאַ האַנדלונג, די, וואָס פּרעדיקן מיט אַזאַ איינ־געשפּאַרטקייט דעם געדאַנק, אַז מיר דאַרפן זיך באַפרייען פון אויסנווייניקסטער שטיצע, אויפהייבנדיק אונדזער אייגנ־וואָרט, — זיי וועלן שפּעטער־צו מיד ווערן, און ליידן וועט דערפון דער גאַנצער ישוב".

אָבער ווי עס זאָגט דער אייגענער אַרטיקל, זיינען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט די איבערצייגונג, אַז עס איז צייט צו נעמען אין די אייגענע הענט די זאַך פון הילפסאַרבעט פאַרן ישוב; אַז די געזעלשאַפטלעכקייט פון ישוב איז שוין גענוג רייף און דער־וואַקסן צו קאָנען אָרגאַניזירן, אויסהאַלטן און אָנפירן די דאָזיקע וויכטיקע טעטיקייט, אַט טאַקע, ווי דער אַרטיקל־שרייבער האָט עס גאַנץ ריכטיק באַצייכנט — „צו אויפהייבן אונדזער אייגנוואָרט".

אַט די גלייביקע אין די אייגענע כוחות און „איינגעשפּאַרטע" האָבן דערצידירט איבערצונעמען די גאַנצע הילפסאַרבעט — אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט די גרויסע אינסטי־טוציע, וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַזאַ חשובע ראָליע אין לעבן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע — דער יידישער „הילפספאַראיין".

ד.

די אַנטשטייונג פון הילפספאַראיין

ווי דעם אַנהייב פון הילפספאַראיין דאַרף מען רעכענען דעם מאָמענט, ווען ס'איז ענדגילטיק אַנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן ליקווידירן די הילפסטעטיקייט, וועלכע עס האָט געפירט די אָפּטיילונג פון דעם „בני־ברית" אין מעקסיקע. דער דאָזיקער ווילכ־טיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ באַראַטונג פון אַר־טיקע געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך דעם דירעקטאָר פון דער „בני־ברית"־ביוראָ, ה' י. ל. וויינבערגער. מיר גיבן דאָ ווייטער דעם פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער זיצונג:

„פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וואָס איז צונויפגערופן גע־וואָרן דורך ה' י. ל. וויינבערגער, דירעקטאָר פון „בני־ברית" אין מעקסיקע, דאָנערשטיק דעם 7טן מאַרץ 1920, אין לאָקאַל פון דער זעלביקער געזעלשאַפט.

בייוועזנדע: פרויען — ליבניק, ראָזענשטיין, סוראַסקי; הערן — י. ל. וויינבערגער, ס. וויינשטאָק, לעאָן סוראַסקי ס. מייזנער, ד״ר ראָזענשטיין, ד״ר א. קינג, י. פעדער, מאַקס ר. קינג, א. קלעצעל, מ. קאַץ, סעם ראָזען, טשאַרל לעווין, י. קאַגאַן, פ. ליסקער.

טאָג־אָרדענונג: ליקווידאַציע פון „בני־ברית" אין מעק־סיקע.

אַלס פאָרזיצער פון דער זיצונג ווערט אויסגעקליבן ה' לעאָן סוראַסקי און אַלס סעקרעטאַר — ה' פסח ליסקער.

ה' וויינבערגער גיט אַן איבערבליק איבער דער אָפּגעטוע־נער אַרבעט פון „בני־ברית" אין מעקסיקע: זי האָט אויסגע־געבן יערלעך אַ סומע פון 19 טויזנט פּעזאָס אויף מעדיציני־שע הילף און 6 טויזנט פּעזאָס אויף אונטערשטיצונג פאַר דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג און אַנדערע אויסגאַבן. נאָך דעם ווי די „בני־ברית" איז דאָ געווען 5 יאָר, אויספירנדיק אַליין די גאַנצע הילפס־טעטיקייט, האָט זי באַשלאָסן צו פאַר־לאָזן מעקסיקע, באַשטימענדיק אַ ביישטייער פון טויזנט דאָ־

לאר מאָנאַטלעך פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט אין משך פון 6 חדשים.

ד״ר קינג דערקלערט, אַז „בני־ברית״ דאַרף ניט האַלטן די מעקסיקאַנער יידישע קאָלאָניע פאַר גענוג שטאַרק, אַז מע זאָל זי אין גאַנצן איבערלאָזן אויף אייגענער אחריות, און בפרט איצט, ווען עס מערקט זיך אַ נייער צופלוס פון יידישע אימיגראַנטן.

ה׳ קלעצעל גיט צו, אַז בלויז פאַר יידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד זיינען איינגעצאָלט געוואָרן מער ווי טויזנט שיפס־קאַרטן, און אין דעם מאָמענט ווען עס וועט דערלויבט ווערן אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד, וועט מעקסיקע פאַרפלייצט ווערן פון אַ נייעם אימיגראַנטן־שטראָם.

ה׳ לעאָן סוראַסקי זאָגט זיך אַרויס אין אַן אַנדער ריכטונג: ער האַלט, אַז דער יידישער ישוב איז שוין גענוג גרויס, און די געזעלשאַפטלעכע טוערס דאַרפן זיך ניט שרעקן פאַר דער אחריות איבערצונעמען און אָנצופירן מיט דער נייטיקער הילפסאַרבעט. עס איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן אַליין זאָרגן פאַר אונדזערע אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע. מע קאָן דאָך נישט זיין אייביק אָנגעוויזן בלויז אויף אַמעריקע. ביי אַ געהעריקער אָנשטרענגונג פון אַלע אַקטיווע טוערס, וועט מען זיך אַן עצה געבן מיט די וויכטיקע אויפגאַבן, בפרט אַז אין דער ערשטער צייט וועלן מיר נאָך קאָנען אויסרעכענען אויף דער הילף פון „בני־ברית״.

די ה״ה ליסקער, מייזנער, פעדער האַלטן, אַז די יידישע לאַגע אין מעקסיקע איז נאָך גענוג שלעכט, און דערפאַר טאָר „בני־ברית״ דאָס לאַנד ניט פאַרלאָזן. זיי גיבן נאָך צו, אַז די צעשפליטערטקייט פון די היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס מאַכט פאַר אוממעגלעך דאָס איבערנעמען דורך זיי די אַרבעט פון „בני־ברית״.

ה׳ ווייגבערגער זאָגט, אַז 95 פּראָצענט פון די נייע איינוואַנדערער אין מעקסיקע קומען איצט צו קרובים און נייטיקן זיך ניט אין שטיצע. דער פאַרמעגלעכער טייל פון די היגע יידן טוט ניט גענוג, כדי אויסצוהאַלטן די נויטבאַדערפטיקע. אַלע פאַרלאָזן זיך אויף „בני־ברית״. פאַר דאָס אַליין קאָן די לעצטע רוּאיק אויפגעבן איר טעטיקייט אין מעקסיקע.

דער רעדנער ווערט אונטערגעשטיצט דורך די ה״ה סוראַסקי, לעווין און פרוי ליבניק.

נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע, מיטן אָנטייל פון כמעט אַלע פאַרזאַמלטע, ווערן אַריינגעטראָגן פאָלגנדע צוויי פאָרשלאָגן:

א) ד״ר קינגס פאָרשלאָג: די מעקסיקאַנער יידישע קאָלאָניע טאָר אויף זיך ניט איבערנעמען די אַרבעט, וואָס ביז איצט האָט דאָ געטאָן „בני־ברית”. מאָטיוו: די דערמאָנטע איז צו שוואַך פאַר אַזאַ קאָלאָסאַלער טעטיקייט.

ב) ה׳ לעאָן סוראַסקיס פאָרשלאָג: די מעקסיקאַנער יידישע קאָלאָניע זאָל איבערנעמען די דערמאָנטע אַרבעט, מיטן באַדינג, אַז די „בני־ברית” זאָל געבן איר ביישטייער פון טויזנט דאָלאַר מאָנאַטלעך אין משך פון צוויי יאָר. מאָטיוו: „בני־ברית” האָט דאָס פולע רעכט צו פאָדערן פון דער היגער יידישער קאָלאָניע, אַז זי זאָל אַליין אויסהאַלטן אירע נויטבאַדערפטיקע.

עס ווערט דורך דער באַראַטונג אָנגענומען דער פאָרשלאָג, וועלכן עס האָט אַריינגעטראָגן הער לעאָן סוראַסקי(...)

עס ווערט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון 3 פּערזאָן, באַשטייענדיק פון די ה״ה ד״ר קינג, ל. סוראַסקי און טשאַרלס לעווין, וועלכע נעמט אויף זיך די אויפגאַבע דורכצופירן דעם אָנגענומענעם באַשלוס(...)”.

אין אַ חודש אַרום, דעם 16טן אַפּריל, איז זיך צונויפגעקומען אַ צווייטע, דאָס מאָל אַ ברייטערע, פאַרזאַמלונג פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און אינסטיטוציעס. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג האָט מען שוין אָנגענומען קאָנקרעטע שריט איבערצונעמען די אַרבעט פון „בני־ברית”.

אין דער דאָזיקער באַראַטונג האָבן אָנטייל גענומען צו צוויי פאָרשטייער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס: „נדחי־ישראל”, „יידישע יוגנט־געזעלשאַפט”, „אגודת־אחים”, „פרויען־פאַראיין”, „קולטור־צענטער”. חוץ דעם האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ צאָל פּערזאָנען, וועלכע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן ספּעציעל דורך דעם דירעקטאָר פון „בני־ברית”, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז זיי קאָנען און דאַרפן אָנטייל נעמען אין דער הילפסאַרבעט, דינענדיק מיט זייערע ווילן און איניציאַטיוו (צווישן זיי זיינען געווען די ה״ה סימאָן ווײַנשטאָק, ל. סוראַסקי, ד״ר קינג, ריידער, פּרוי ריידער א״אַ).

אגב, האָט זיך טאַקע אַרום דעם אַנטוויקלט אַ העפטיקע דעבאַטע צווישן די אָנוועזנדיקע. אַ טייל פון זיי, באַזונדערס פון די ראַדיקאַל געשטימטע, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די נייע הילפס־

אָרגאַניזאַציע, וואָס מע גייט שאַפן, דאַרף באַשטיין דורכויס פון דעלעגאַטן פון אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן, און קיין שום פּריוואַטע פּערזאָנען דאַרפן אין דער אָנפירונג נישט אַריינגענומען ווערן. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז די אַרבעט, וואָס שטייט פאַר, איז צו אַן ערנסטע און פאַראַנטוואָרטלעכע, אַז מע זאָל זיך פאַרגינען אָפּצוזאָגן זיך פון דער הילף און מיטאַרבעט פון פּערזאָנען, אויב אפילו זיי פאַרטרעטן נישט קיין אָפיציעלע אינסטיטוציעס.

סוף כל סוף האָט אויף דער פאַרזאַמלונג גענומען די אייבערהאַנט דער צווייטער שטאַנדפּונקט, ווייל אפילו אַ טייל פון די ראַדיקאַלן האָבן אָנערקענט, אַז אין די באַדינגונגען פון מאָמענט דאַרף מען נישט אָפּשטויסן קיינעם. אַזוי, למשל, האָט זיך ה׳ זאַכאַריאַש אַרויסגעזאָגט אויף אַזאַ אופן: **„אייגנטלעך וואָלט ער געווען דערפאַר, אַז „בני־ברית" זאָל דאָ בלייבן נאָך צוויי יאָר, ווייל ער גלייבט ניט געננג אין די אייגענע כוחות, און טאַקע דערפאַר טרעט ער ניט אַרויס קעגן די פּריוואַטע איינגעלאַדענע".**

דער באַשלוס וועגן דעם ענין איז געווען, אַז דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט ווערט צונויפגעשטעלט דורך צוויי פאָרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס („נדחי־ישראל", „אגודת־ישראל", „פרויען־פאַראיין", „יידישע יוגנט־געזעלשאַפט" און „קולטור־צענטער") און פון צען פּערזאָן, פּריוואַט איינגעלאַדענע דורך „בני־ברית".

אַ גרויסע דיסקוסיע איז אויך פאָרגעקומען אַרום דעם נאָמען פון דער נייער אינסטיטוציע. עס זיינען געווען פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, צווישן זיי אפילו איינער, אַז אין דעם נאָמען זאָל אויך פיגורירן „בני־ברית". די אָנהענגער פון אַזאַ מין קאָמבינאַציע האָבן מאָטיווירט זייער שטעלונג דערמיט, אַז **„דאָס וועט צוגעבן דעם קאָמיטעט פּרעסטיזש און אויך מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט מצד „בני־ברית"**. די מערהייט האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן דעם, און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די ניי־געגרינדעטע אינסטיטוציע זאָל הייסן **„פאַראייניקטער יידישער הילפס־קאָמיטעט אין מעקסיקע"**. אין דער פּראַקטיק אָבער האָט זיך אָנגענומען אַן אַנדער נאָמען — **„הילפס־פאַראיין"** — און אַזוי איז ער אויך אַריינגעגאַנגען אָפיציעל אין די שפּעטער אָנגענומענע סטאַטוטן פון דער געזעלשאַפט (אגב, איז טאַקע אויף דער זעלבער גרינדונגס־באַראַטונג געשאַפן געוואָרן די סטאַטוטן־קאָמיסיע, אָבער ערשט אין אַ יאָר אַרום האָט מען זיי אָנגענומען).

אין באַשטאַנד פון דעם דאָזיקן איניציאַטיוו־קאָמיטעט זיינען אריינגעגאַנגען: די פרויען — ל. סוראַסקי, ק. וויינשטאָק, ל.ריידער, א. קינג, ליבניק, אוניקעל; הערן — סימאָן וויינשטאָק, ד״ר קינג, ל. סוראַסקי, פּסח ליסקער, ד״ר ראָזענשטיין, י. ריידער, קאַץ, מענצער, דאָנדיש, טש. לעווין, י. זאַכאַריאַש, בערעביטשעז, ב. כיניטש. אַלס פּאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געוויילט געוואָרן ה׳ סימאָן וויינשטאָק.

ה.

די ערשטע טעטיקייטן

דער נײַ געשאַפענער הילפספאַראיין* האָט זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, איבערנעמענדיק נישט נאָר די פריערדיקע פונקציעס און לייסטונגען פון „בני־ברית", נאָר אַרויסווייזנדיק אויך פאַרשיידענע געביטן נײַע אויפטוען און איניציאַטיוו, באַרעכטיקנדיק אַזוי אַרום די שטעלונג פון יענע טוער, וואָס האָבן געגלייבט אין די מעגלעקייטן און כוחות פון ישוב. באַזונדערס דאַרף מען אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז די אַרבעט איז געפירט געוואָרן מיט שוואונג אויך נאָך דעם, ווי אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן אויפגעהערט די סובוועגצן פון „בני־ברית".

אַלס אילוסטראַציע וועלן מיר דאָ ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון דעם טעטיקייט־באַריכט פאַר די ערשטע דרײַ חדשים (מאַי־יולי 1930), צוליב דעם, וואָס ער גיט אַן אַריינבליק אין דעם, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די אַרבעט פון הילפספאַראיין:

א) מעדיצינישע הילף:

פאַר דער צײַט פון 3 חדשים עקזיסטענץ האָט דער הילפספאַראיין אויסגעגעבן אויף מעדיצינישע אַרבעט אַ סומע פון 4253.39 $. די דאָזיקע סומע נעמט אַרום:

שפּיטאָל	— 2378.85 $	
דאָקטוירים און מעדיצינען	— 1811.79 ״	
אויסגאַבן פון קאָנסולטאַריום	— 62.75 ״	(...)

עס זײַנען באַהאַנדלט געוואָרן פאַר דער צײַט 23 קראַנקע מיט 349 טעג. אַכט פערזאָן פון די לעצטע זײַנען אָפּערירט געוואָרן. חוץ דעם זײַנען אויפן חשבון פון הילפספאַראיין נאָך דורכגעפירט געוואָרן 5 קלענערע אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך ניט גענייטיקט אין אַ שפּיטאָל(...).

---

* דער ערשטער לאָקאַל פון הילפספאַראיין איז געווען אויף דער גאַס מעאַווע 19, דאָרט איז אויך געווען אַ קליניק.

אויסשליסנדיק די וויזיטן און קוראַציעס אין שפּיטאָל און ביי ספּעציאַליסטן, האָבן די דאָקטוירים פון הילפספאַראיין געהאַט פאַר דער צייט 739 קראַנקן־פאַלן, פון וועלכע 501 האָבן באַזוכט דעם קאָנסולטאָריום, און 238 זיינען באַזוכט געוואָרן אין דער היים(...).

די דענטיסטישע אָפּטיילונג האָט באַהאַנדלט 154 פאַלן.

דער סך־הכל פון דער מעדיצינישער הילף זינט דעם 12טן מאַי, ווען עס איז געעפנט געוואָרן דער קאָנסולטאָריום, ביזן 31טן יולי, גיט אונדז די ציפער פון 893 קראַנקן־פאַלן ביי 222 פערזאָן(...).

ב) שטיצע:

אין משך פון זיין טעטיקייט האָט דער הילפספאַראיין דערהאַלטן 45 ביטעס אויף אונטערשטיצונג, פון וועלכע עס זיינען גינסטיק דערליידיקט געוואָרן 38. ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן די דאָזיקע פּערזאָנען אַ סומע פון ‎$1244.80 אין מזומנים(...) די שטיצעס זיינען געווען סיסטעמאַטישע, פּע־ריאָדישע און איינמאָליקע.

ג) פּרויענשוץ:

די טעטיקייט אויפן געביט פון פּרויענשוץ באַגרענעצט זיך דערווייל אויף פאַלן, וואו עס האַנדלט זיך וועגן מענער, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים — אויסווירקן ביי זיי שטיצע, געבן גייטיקע אינפאָרמאַציעס, זיך שטעלן אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט פּרויענשוץ־געזעל־שאַפטן פון אַנדערע לענדער אא״וו. אין משך פון דער טע־טיקייט פון הילפספאַראיין איז אים געלונגען גינסטיק צו דער־ליידיקן עטלעכע אַזעלכע פאַלן.

ד) אימיגראַציע־ענינים:

דער הילפספאַראיין האָט אַ פאַרטרעטער אין וועראַקרוז, וועלכער נעמט אָפּ די אימיגראַנטן פון שיף און גיט זיי די נייטיקע אָנווייזונגען ביז זייער אויפשטייגן אויפן צוג, וואָס ברענגט זיי אין דער הויפּשטאָט. דער הילפספאַראיין איננ־טערוועניִרט אויך אינעם אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט, ווען עס ווייזן זיך אַרויס געוויסע שוועריקייטן פאַר די איינוואַנדערער אא״וו.

ה) אַלגעמיינע אַרבעט:

די אַלגעמיינע אַרבעט נעמט אַרום פאַרצווייגטע טעטיקייט פון אויפזוכן קרובים, באַקאַנטע, געבן פאַרשיידענע אינפאָר־מאַציעס אאַ״וו. פאַר די דריי חדשים האָט דער הילפספאַראיין באַהאַנדלט 43 אַזעלכע ענינים און אַרויסגעשיקט 130 בריוו צו די פאַרשיידנסטע געזעלשאַפטן און פּערזאָנען. דער הילפס־פאַראיין שטייט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיטן „האיאַס", „בני־ברית", פּרויען־פאַראיינען און אַנדערע יידישע אינסטי־טוציעס פון דער גאַנצער וועלט.

אין משך פון די דריי חדשים האָט דער הילפספאַראיין געשאַפן 192 מיטגלידער.

די איינקונפטן אין משך פון דער זעלבער צייט זיינען גע־ווען 9922.20, וועלכע באַשטייען:

פון „בני ברית — — — —	$ 8207.90
מיטגליד־אָפּצאָל — — — —	681.50
איינשרייבגעלט — — — —	640.80
ביישטייערונג פאַר מעדיציני־שער באַהאַנדלונג — — —	392.00

דער מעדיצינישער דעפּאַרטאַמענט פון הילפספאַראיין איז איינגעאָרדנט פאָלגנד:

שעף־דאָקטאָר און כירורג	—	ד״ר ס. אולפעלדער
אַלגעמיינער דאָקטאָר	—	″ ס. ראָזענשטיין
קינדער־דאָקטאָר	—	″ גינזבורג
האַלדז, נאָז און אויערן־ספּעציאַליסט	—	″ גודמאַן
פרויען־דאָקטוירים	—	″ אָוואַדיעוו, סאַוואַלאַ
אויגן־דאָקטאָר	—	″ באַוער.

* * *

דער אויבן געבראַכטער באַריכט־דאָקומענט באַווייזט, אַז שוין אין די ערשטע חדשים האָט זיך דער הילפספאַראיין פאַרמאָסטן אויף אַ ברייט פאַרצווייגטער הילפסאַרבעט. נאַטירלעך, האָט נאָך נישט אַלץ געקלאַפּט אַזוי גוט, באַזונדערס דער אָרגאַניזאַציאָנעלער מאָ־מענט, עס איז נאָך געווען זייער קנאַפּ די צאָל מיטגלידער פון פאַר־איין אד״גל, — אָבער די ענערגישע טוער פון הילפספאַראיין האָבן אַלץ געטאָן, כדי אָרגאַניזאַציאָנעל צו שטאַרקן די אינסטיטוציע.

נאָך אַכט חדשים אַרבעט ווערט גערופן, דעם 19טן דעצעמבער 1930, די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער, און עס ווערט אויסגעקליבן די ערשטע סטאַבילע פאַרוואַלטונג. אויף דער קאָנסטיטואירונג־זיצונג פון דער ניי געקילבענער פאַרוואַלטונג ווערט אויסגעטיילט אַן עקזעקוטיוו: פרעזידענט — **לעאָן סוראַסקי**, וויצעפּרעזידענט — **סימאָן וויינשטאָק**, סעקרעטאַר — **י. זאַכאַריאַש**, קאַסיר — **ד"ר קינג**, פינאַנץ־סעקרעטאַר — **י. וויניעצקי**. וואָקאַלן: **ג. ראָזענטאַל, פּ. ליסקער, א. ז. בערעביטשעז** און **דאָנדיש**; עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר — **ש. צפת**.

ג.

דער סטאַטוט פון הילפספאַראיין

במשך פון דעם יאָר אַרבעט האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אַ געוויסע אַרבעטס-דערפאַרונג סיי אין די פאָרמען פון די הילפס-לייס-טונגען, סיי אין דעם אופן פון פונקציאָנירונג און אָנפירונג פון דער אינסטיטוציע. עס איז דעריבער געוואָרן אַקטועל און אויך מעגלעך צו שאַפן אַ סטאַבילן סטאַטוט פון דער געזעלשאַפט, לויט וועלכן מע זאָל זיך קאָנען ריכטן אין דער טאָג-טעגלעכער אַרבעט.

דעם 1טן מאַי 1931 איז אָנגענומען געוואָרן ענדגילטיק דער פאָלגנ-דיקער סטאַטוט:

„סטאַטוטן פון יידישן הילפספאַראיין אין מעקסיקע"

1. נאָמען: יידישער הילפספאַראיין אין מעקסיקע.
2. אָרט: מעקסיקע, ד. פ.
3. טעטיקייט־פּלאַץ: מעקסיקע־שטאָט.
4. צילן און אויפגאַבן:

א) דער יידישער הילפספאַראיין אין מעקסיקע טיילט אויס מעדיצינישע, מאַטעריעלע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע הילף צו דער ניט־פאַרמעגלעכער יידישער באַפעלקערונג אין מעקסיקע־שטאָט.

ב) ער גיט די נייטיקע אינפאָרמאַציעס און יורידישע אָנווייזונגען בנוגע אימיגראַציע־פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מעקסיקע, און צו דעם צוועק שטייט דער פאַראיין אין קאָנטאַקט מיט אַלע געזעלשאַפטן פון גאַר דער וועלט, וואָס אַרבעטן אויף דעם געביט.

ג) ער קומט צו הילף די ניי געקומענע יידישע אימיגראַנטן אויפן אָרט מיט פאַרשיידענע יורידישע און אַלגעמיינע אָנווייזונגען פאַר זייער איינאָרדענונג אין לאַנד.

ד) דער פאַראיין פירט אַן אַקציע פון פּרוויענשוץ, לויט זיינע מעגלעכקייטן.

5. צוזאַמענשטעל פון הילפספאַראיין:

א) אָנגעהעריקע צום הילפספאַראיין רעכענען זיך אַלע יידן אָן אונטערשייד פון געשלעכט, יונגער פון 18 יאָר, וועלכע טראָגן אריין אַן איינמאָליקן אָפּצאָל ביים פאַרשרייבן זיך, פאַרפליכטן זיך צו צאָלן מיטגלידס-אָפּצאָל לויט די מעגלעכקייטן, אָבער ניט ווייניקער ווי איין פּעזע אַ מאָנאַט.

ב) יעדער, וואָס וויל ווערן אַ מיטגליד פון הילפספאַראיין, דאַרף אויספילן אַ שריפטלעכע דעקלאַראַציע, רעקאָמענדירט דורך איין מיטגליד פון פאַראיין.

ג) מיטגלידער פון הילפספאַראיין, ווען זיי צאָלן ניט דריי חדשים קיין מיטגליד-אָפּצאָל אָן אַ גענוגנדיקער סיבה, ווערן פון דער געזעלשאַפט אויסגעשלאָסן.

6. די העכסטע אינסטאַנץ:

א) די העכסטע אינסטאַנץ פון הילפספאַראיין איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

ב) די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קלייבט אויס אַ פאַרוואַל-טונג, וואָס באַשטייט פון 9 פּערזאָן און 5 קאַנדידאַ-טן, אויף איין יאָר.

ג) שטימרעכט — אַקטיווע און פּאַסיווע — צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן אַלע מיטגלידער.

ד) יעדע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז געזעצלעך, ווען זי האָט אַ קוואָרום.

ה) אַ קוואָרום רעכנט זיך, ווען ס'איז אָנוועזנד אויף דער פאַרזאַמלונג 51 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל מיטגלידער.

ו) אין פאַל ווען קיין קוואָרום איז נישטאָ, ווערט באַ-שטימט אַ צווייטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע רעכנט זיך פאַר געזעצלעך ביי יעדער צאָל אָנוועזנדי-דיקע מיטגלידער.

ז) 25 פּראָצענט מיטגלידער האָבן ראָס רעכט צו פאַ-

דערן אַן אויסעראָרדנטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג; די פאָדערונג מוז זיין שריפטלעך.

ח) אַזאַ פאָדערונג מוז די פאַרוואַלטונג דערפילן אין פאַרלויף פון 30 טעג.

7. הילף און שטיצע:

א) רעכט אויף הילף און שטיצע פון הילפספאַראיין האָבן נאָר מיטגלידער, זייערע פרויען און מינדעריעריקע קינדער.

ב) ווען אַ מיטגליד נייטיקט זיך אין הילף אָדער שטיצע, גיט ער אָן אַ שריפטלעכע ביטע, וועלכע ווערט באַטראַכט דורך דער פאַרוואַלטונג אָדער דורך דער דערצו ספּעציעל באַשטימטער קאָמיסיע, פאַר וועלכער די פאַרוואַלטונג איז פאַראַנטוואָרטלעך.

ג) יעדע פּערזאָן, וואָס ווענדט זיך נאָך הילף אָדער שטיצע, ניט זייענדיק קיין מיטגליד פון הילפספאַראיין, דאַרף אָנגעבן די סיבה, פאַר וואָס ער איז ניט קיין מיטגליד.

8. עקזיסטענץ־ און הכנסה־מיטלען:

די פינאַנציעלע עקזיסטענץ און הכנסה־מיטלען פון הילפספאַראיין ווערן געשאַפן דורך:

א) איינשרייבגעלט און מאָנאַטלעכן מיטגלידס־אָפּצאָל;

ב) מתנות אוןביישטייערונגען;

ג) פאַרשיידענע אונטערנעמונגען און אַנדערע.

9. קאָמפּעטענץ פון דער פאַרוואַלטונג:

א) די פאַרוואַלטונג פאַרנעמט זיך מיט אַלע פראַגן פון הילפספאַראיין אין איינקלאַנג מיטן סטאַטוט.

ב) זי פאַרוואַלטעט מיט אַלע באַוועגלעכע און ניט־באַוועגלעכע גיטער און פאָנדן, וועלכע געהערן צום הילפספאַראיין.

ג) זי פירט אָן און קאָנטראָלירט אַלע עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס ביים הילפספאַראיין.

ד) זי זאָרגט פאַר די פינאַנצן, אַרבעט אויס און שטעלט

צונויף דעם בודזשעט און זוכט אויס נייע קוואַלן פון הכנסה.

ה) זי האָט די אויפגאַבע צו פּאָפּולאַריזירן די צילן און אויפגאַבן פון הילפספאַראיין און ווערבירן נייע מיטגלידער.

ו) זי רופט און אָרגאַניזירט די אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען, ניט וויניקער ווי איין מאָל אין 4 חדשים, וואו זי גיט אָפּ אַ טעטיקייטס־באַריכט און קאַסע־באַריכט.

ז) דער טעטיקייטס־און קאַסע־באַריכט צו דער יערלעכער וואַל־פאַרזאַמלונג ווערט צעשיקט די מיטגלידער מיט 10 טעג פריער פאַר דער פאַרזאַמלונג.

ח) זי שאַפט און היט אָפּ אַן אַרכיוו, וואו ס'ווערן געזאַמלט אַלע דאָקומענטן, בריוו, געדרוקטע און געשריבענע מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער טעטיקייט פון הילפספאַראיין.

ט) פאַרוואַלטונג־זיצונגען זיינען געזעצלעך, ווען זיי קומען פאָר ביי אַ מערהייט פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער.

י) באַשלוסן ווערן אָנגענומען דורך אַ מערהייט; אין פאַל פון גלייכע קעגן־שטימען האָט דער פאָרזיצער דאָס רעכט צו דעצידירן.

10. קאָנסטרואירונג פון דער פאַרוואַלטונג:

א) די פאַרוואַלטונג קלייבט אויס פון איר צוזאַמענשטעל אַ פאָרזיצער, געהילפס־פאָרזיצער, קאַסיר, פינאַנץ־סעקרעטאַר און סעקרעטאַר, וועלכע בילדן דעם אויספיר־אָרגאַן פון הילפספאַראיין (עקזעקוטיוו).

ב) דער עקזעקוטיוו איז אין זיין אַרבעט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער פאַרוואַלטונג.

11. קאָמפּעטענץ פון עקזעקוטיוו:

א) דער עקזעקוטיוו פירט אַדורך אַלע באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג.

ב) דער עקזעקוטיוו האָט רעכט אָנצונעמען באַשלוסן און זיי אַדורכפירן, ווען ס'איז דרינגענדיק נייטיק און קיין פאַרוואַלטונג־זיצונג איז ניט מעגלעך צו רופן; ער

מוז אָבער זיינע באַשלוסן צושטעלן צו באַשטעטיקן דער נאָענטסטער זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג.

12. זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג:

א) די פאַרוואַלטונג האַלט אָפּ אירע זיצונגען ניט ווייניקער ווי איין מאָל אין 14 טעג.

ב) די זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג זיינען עפנטלעכע; אין אויסנאַמס־פאַלן האָט דער עקזעקוטיוו דאָס רעכט צו שליסן די זיצונגען פאַר זייטיקע פּערזאָנען, וועלכע געהערן ניט צו דער פאַרוואַלטונג.

13. שפּראַך:

א) די שפּראַך פון הילפספאַראיין איז יידיש.

ב) אַלע מעלדונגען, בריוו, צירקולאַרן, אויפרופן אד"גל ווערן געמאַכט אין יידיש.

ג) די פּראָטאָקאָלן און אָפיציעלע ביכער ווערן געפירט אין יידיש און שפּאַניש.

14. רעווידיר־קאָמיסיע:

א) די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קלייבט אויס אַ רעווידיר־קאָמיסיע אין דער צאָל פון דריי פּערזאָן.

ב) מיטגלידער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע קאָנען ניט זיין מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג.

ג) די רעווידיר־קאָמיסיע רעווידירט און קאָנטראָלירט אַלע דאָקומענטן פון די איינקונפטן און אויסגאַבן און פאַסט אויף, צי די טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג איז אין הסכם מיט די סטאַטוטן.

ד) אַלע פינאַנץ־באַריכטן פון דער פאַרוואַלטונג דאַרפן זיין באַשטעטיקט און אונטערגעשריבן פון ניט ווייניקער ווי צוויי מיטגלידער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע.

15. סטאַטוטן־ענדערונג:

ענדערן, צוגעבן אָדער אָפּוואַרפן אַ פּונקט פון די סטאַטוטן איז מעגלעך מיט צוויי דריטל שטימען פון די מיטגלידער; דאָס קאָן פּראָקומען דורך אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אָדער דורך אַ רעפערענדום.

16. ליקווידאַציע:

א) אין פאַל פון ליקווידאַציע גייט איבער דער גאַנצער אינווענטאַר, אַלע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער און פאָנדן צו אַן אינסטיטוציע, וועלכע האָט ענלעכע צילן און אויפגאַבן צום הילפספאַראיין.

ב) ליקווידירן דעם הילפספאַראיין קאָן נאָר צוויי דריטל פון דער אַלגעמיינער צאָל מיטגלידער ביי אַ לעגאַל גערופענער פאַרזאַמלונג.

ג) אין פאַל ווען ס'איז ניטאָ די געהעריקע צאָל מיטגלידער, ווערט 30 טעג שפּעטער גערופן אַ צווייטע ליקווידאַציע־פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געזעצלעך, האָבנדיק אַ מערהייט פון די מיטגלידער.

ד) ווען אויף דער צום צווייטן מאָל גערופענער ליקווידאַציע־פאַרזאַמלונג איז קיין מערהייט פון די מיטגלידער אויך ניטאָ, ווערט 30 טעג שפּעטער גערופן אַ דריטע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז געזעצלעך ביי יעדער צאָל אַנוועזנדע מיטגלידער, אָבער דער באַשלוס צו ליקווידירן דעם הילפספאַראיין מוז אויך אָנגענומען ווערן מיט צוויי דריטל שטימען פו די פאַרזאַמלטע.

ה) נאָכן באַשלוס צו ליקווידירן דעם הילפספאַראיין ווערט געקליבן אַ ליקווידאַציע־קאָמיסיע אין דער צאָל, ווי עס באַשטימט די אַלגעמיינע ליקווידאַציע־פאַרזאַמלונג.

ו) די ליקווידאַציע־קאָמיסיע נעמט איבער דאָס גאַנצע אייגנטום פון הילפספאַראיין, פאַרוואַלטעט מיט אים אין הסכם מיט די סטאַטוטן און לויט די דירעקטיוון פון דער לעצטער אַלגעמיינער ליקווידאַציע־פאַרזאַמלונג.

ז.

די אַנטוויקלונג פון הילפספאַראיין

מיר האָבן געבראַכט דעם פולן טעקסט פון סטאַטוט, ווי אַ היס־טאָרישן דאָקומענט, וואָס באַווייזט דעם הויכן ניוואָ פון געזעל־שאַפטלעכער אָרגאַניזירטקייט און דעם גרויסן פאַרנעם, וואָס די טוערס פון הילפספאַראיין האָבן אַרויסגעוויזן ביים אָנצייכענען זיך די אויפגאַבן פון דער אינסטיטוציע און די פאָרמען פון דער טע־טיקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ האָט זיך דערנאָך געלאָזט מאַכן אַקוראַט, ווי די דאָזיקע סטאַטוטן האָבן דיקטירט. דאָס לעבן האָט דיקטירט ענדערונגען און אָפּווייכונגען; די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט דער יידישער ישוב, האָט געפאָדערט זיך צופּאַסן, זיין מער עלאַסטיש אין דעם אופן פון פירן די אַרבעט, פון געפינען קוואַלן פון הכנסה אא״וו. עס איז אָבער געבליבן נישט גע־ענדערט די הויפּט־ריכטונג פון דער אינסטיטוציע — טראָגן הילף דעם נויטבאַדערפטיקן, לינדערן די אָרעמקייט, דאָרט וואו זי איז געווען אַמבולטסטן, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן.

און נישט אַלע מאָל זיינען די מעגלעכקייטן געווען גרויסע, דער עיקר — נישט אַלע מאָל זיינען די מעגלעכקייטן געווען פּראָפּאָר־ציאָנעל צו די נויטן, וואָס מע האָט געדאַרפט באַפרידיקן. נישט אַלע מאָל האָט זיך אויך די יידישע באַפעלקערונג אָפּגערופן אויף די אַפּעלן פון הילפספאַראיין אין דער מאָס, ווי עס וואָלט געווען נייטיק. און עס איז באמת צו באַוואונדערן די עקשנות און אויסדויער פון אַ סך טוער פון הילפספאַראיין, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר די שוועריקייטן, פאַר טענות פון פאַרשיידענע זייטן און האָבן יאָרן לאַנג, אָן איבעררייס, געאַרבעט אין פאַראיין.

כדי צו קריגן אַ שטיקל בילד פון אָט די שוועריקייטן און אויך דערגרייכונגען פון הילפספאַראיין אין די וויטערדיקע יאָרן, וועט זיין דאָס בעסטע אַריינצוקוקן אין די פּראָטאָקאָלן און באַריכטן פון פאַראיין אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

אַזוי, למשל, לייענען מיר אין פּראָטאָקאָל פון דער צווייטער אַל־

געמיינער פַארזאמלונג פון הילפספַאראיין, דעם 7טן ָאקטָאבער 1931:

„בייוועזנד גענויע 300 מיטגלידער *.

(...)„דער פָארזיצער ה' ל. סורַאסקי עפנט די פַארזאמ־לונג מיט ַא ברייטן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון פַאראיין פַאר די לעצטע 14 מָאנאטן. ער ווייזט ָאן די גרויסע שוועריקייטן, ביי וועלכע דער פַארווַאלטונג איז אויסגעקומען צו ַארבעטן. „בני־ברית" הָאט ָאפגעשטעלט אירע סובסידיעס, און ס'איז געבליבן נָאר פַאר דער מיטגלידערשאפט און פַאר דער גאנצער יידישער מעקסיקע אויסצוהאלטן דעם הילפס־פַאראיין. דער קריזיס אין ַאלגעמיין איז גרויס** און עס רופט זיך אויך ָאפ אויף דער ַארבעט".

ווייטער דערוויסן מיר זיך פון דעם אייגענעם פרָאטָאקָאל, ַאז פון 1טן אויגוסט 1931 הָאט ָאנגעהויבן צו פונקציָאנירן ביי דעם הילפספַאראיין ַא גמילת־חסדים־קאסע, ווָאס טוט זייער ַא נוצלעכע ַארבעט, כָאטש זי ראנגלט זיך מיט פַארשיידענע שוועריקייטן, צווי־שן וועלכע עס זיינען אויף דער פַארזאמלונג דערמָאנט געווָארן גע־וויסע מיטפַארשטענדענישן מיט דער קרעדיט־געזעלשאפט (בַאנק?). עס זיינען געמַאכט געווָארן פַארשיידענע פָארשלאגן, ווי ַאזוי צו העלפן דער קאסע; צווישן ַאנדערע, הָאט מען פָארגעלייגט, מע זָאל „פַארויסלָאזן ַאקציעס צו 10 פעזעס, וועלכע די יידישע קאלָאניע זָאל קויפן"; עס איז אויך געווען ַאן ַאנדער פָארשלאג, פון ה' אייבראמס, ַאז „ַאלע ַאקציָאנערן פון דער קרעדיט־געזעלשאפט זָאלן ָאפגעבן זיי־ערע דיווידענדן לטובת דער גמילות־חסדים־קאסע, דערביי לייענט ער פָאר ַא צעטל פון 26 פערזָאן, וועלכע הָאבן עס שוין געטָאן און רופט ַאלע נָאכצוטָאן דעם ביישפיל".

עס הָאבן אויף דער פַארזאמלונג נישט געפעלט קיין שטימען פון קריטיק: דער ה' לַאנדוי, למשל, „קריטיקירט די פַארווַאלטונג פַאר דער פַארהעלטענישמעסיק וויניקער צָאל מיטגלידער. ער הַאלט, ַאז ס'איז נישטָא קיין דעפיציט, ווייל מע הָאט נישט געגעבן קיין שטיצע

---

* פון ַאנדערע דָאקומענטן דערוויסן מיר זיך, ַאז צום סוף פון דעם דָאזיקן יָאר הָאט דער הילפספַאראיין שוין געציילט 518 מיטגלידער

** דָאס איז געווען אין סַאמע ברען פון די יָארן פון גרויסן עקָא־נָאמישן קריזיס אין ַאמעריקע און אויף דער גַאנצער וועלט.

צו די אַלע, וועלכע האָבן זיך אין דעם געניטיקט". אַנדערע ווידער זיינען געווען גאָר ביי אַן אַנדער מיינונג:

„ה' בידערמאַן ווייזט אָן, אַז פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער האָבן מקריב געווען מיט זייערע פּערזענלעכע אינטערעסן צו־ליב זייער איבערגעגעבענער סימפּאַטיע צום הילפספאַראיין. די פאַרוואַלטונג האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט גוט, און ער שלאָגט פאָר אַלס אויסדרוק פון דאַנק אויסוויילן איר נאָך אַ מאָל".

די פאַרזאַמלטע מיטגלידער פון הילפספאַראיין זיינען, זעט אויס, געווען איינשטימיק מיט בידערמאַנען און די מערהייט פון די אָנ־פירנדיקע טוער זיינען ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַר־וואַלטונג. דער פּראָטאָקאָל גיט אפילו איבער די צאָל שטימען פאַר יעדן איינעם פון די קאַנדידאַטן (די גרעסטע צאָל שטימען האָבן געקריגן די ה"ה מ. ראַבינאָוויטש-קינג, ל. סוראַסקי, זאַכאַריאַש, באַ־רער, וו. דאָנדיש, פּאַגאָוויטש, צפת, מאָזייקאָ; פון זיי האָט זיך טאַ־קע קאָנסטרואירט דער עקזעקוטיוו פון הילפספאַראיין מיט ל. סו־ראַסקין אַלס פּרעזידענט).

* * *

נישט געקוקט אויף דער וואַקסנדיקער צאָל מיטגלידער פון הילפס־פאַראיין, זיינען אָבער די הכנסות פון מיטגלידס-אָפּצאָל געווען ווייט נישט גענוג אויף צו דעקן די נאָך מער וואַקסנדיקע הצטרכותן פון דער יידישער אָרעמער באַפעלקערונג, וואָס ווענדט זיך נאָך שטי־צע. די פאַרוואַלטונג זוכט מיט אַלע כוחות נייע הכנסה-קוואַלן. צו־ליב דעם צוועק קומט אויך אַ באַשלוס (אויף דער זיצונג פון 29טן אָקטאָבער 1931) „אַדורכצופירן זאַמלונגען לטובת דעם הילפספאַר־איין אויף פאַרשיידענע שמחות".

מע ווענדט זיך אויך צו פאַרשיידענע אינסטיטוציעס פון ישוב, זיי זאָלן העלפן דעם פאַראיין אין זיין אַרבעט, און אייניקע פון זיי האָבן זיך אָפּגערופן. אַזוי האָט זיך „נדחי-ישראל" באַשטייערט „מיט אַ געוויסער סומע פאַר די מעדיצינישע אויסגאַבן פון הילפספאַראיין" (פעברואַר 1932). שפּעטער האָט אויך די באַנק* באַשטימט פאַרן הילפספאַראיין „אַ מאָנאַטלעכן אָפּצאָל אַלס מיטגליד פון דער גע־זעלשאַפט אין דער הייך פון 200 פּעזעס".

---

* באַנקאָ מערקאַנטיל.

די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין זוכט אויך צוצוציען וואָס מער מענטשן צו דער אַרבעט. אַזוי, למשל, האָט פון 1טן אַפּריל 1932 אָנגעהויבן איר טעטיקייט אַ זעלבשטענדיקע **„פּרויעד־קאָמיסיע"**, וואָס איז געווען פאַרטראָטן אין דער פאַרוואַלטונג מיט צוויי פאָרשטייער. זיי האָבן אָנטייל גענומען אין דער הילפס־קאָמיסיע פון פאַראיין, האָבן פאַרוואַלטעט מיט ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, געהאָלפן אין דער קלי־ניק און געגרייט אונטערנעמונגען.

פון די דאָקומענטן פון יענער צייט ווערן מיר אויך געוואָר, אַז דעם 5טן מערץ 1932 ווערט דער הילפספאַראיין אָפיציעל לעגאַלי־זירט, ווי אַ טייל פון דעם **„דעפּאַרטאַמענטאָ דע בענעפיסיאָ פּריוואַ־דאָ"**, וואָס ווערט קאָנטראָלירט דורך דעם מיניסטעריום פון **„אַסיס־טענסיאַ פּובליקאַ"**.

ח.

שווערקייטן און דערגרייכונגען

פון דער יערלעכער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון הילפספאַראיין אין יאָר 1932 האָבן מיר, לײַדער, נישט קיין גענויעם באַריכט. פון אַנדערע קוועלן ווייסן מיר, אַז במשך יאָר 1932 האָט דער פאַראיין געהאַט אַן אַלגעמיינע הכנסה (פון מיטגלידס-אָפּצאָל און פאַרשייַדענע באַשטייערונגען) פון $26.935 און אויסגעגעבן אין דער סומע פון $15.135 — פאַרווענדט אויף מעדיצינישע הילף, דאָס איבעריקע אויף שטיצע אין מזומנים.

פון דער יערלעכער פאַרזאַמלונג אין 1933 (דעם 24 אויגוסט) האָבן מיר שוין אַ גענויערן פּראָטאָקאָל, פון וועלכן מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע וויכטיקערע פראַגמענטן:

„ה' לעאָן סוראַסקי עפנט די פאַרזאַמלונג און גיט איבער אַ גענויעם סטטיסטיקס-באַריכט פון דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון פאַראיין אין משך פון פאַרגאַנגענעם יאָר. הײַנט צו טאָג האָט דער הילפספאַראיין 878 מיטגלידער, וועלכע צאָלן, אָבער מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, און 110 מיטגלידער צאָלן אין גאַנצן ניט. פון די מיטגלידער פאַלט אַרײַן אין דורכשניט 1000 פעזעס אַ מאָנאַט.

קראַנקע זײַנען אַטענדירט געוואָרן אין קאָנסולטאַריע פון ד"ר אָוואַדיעוו (אַלגעמיינע קראַנקהייטן) און אין די הייזער פון די קראַנקע — 1153 מענטשן מיט 3297 וויזיטן; בײַ פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן (דאָקטוירים גודמאַן, ווײַנמאַן, מאָזער, פּעטער, באַלוואַנערא, גינזבורג, שפּאַץ, און די דענטיסטן אוניקעל, גוטמאַן און גלאַנץ) — 66 קראַנקע.

(...) דאָס יאָר האָט אָפּגעקאָסט די שפּיטאָל-אַרבעט העכער 10 טויזנט פעזעס, און דער הילפספאַראיין איז דעריבער געבליבן שולדיק דעם ענגלישן שפּיטאָל קנאַפּע פיר טויזנט פעזעס און מע האָט געמוזט דעריבער זוכן אַנדערע שפּיטעלער — דאָס איז ניט צוליב עקאָנאָמיע, נאָר צוליב נויט (...) הילף איז אַרויסגעגעבן געוואָרן במזומן אין פאַרלויף פון

יאָר צו 107 פּערזאָן די סומע פון 7744 פּעזעס. צוויי פּערזאָן זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן, צוליב קראַנקהייט, קיין אייראָפּע. דעם הילפספאַראיין איז אויך אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך מיט אימיגראַציע־ענינים. אויף דעם געביט זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גרויסע צאָל אָנווייזונגען, עצות, ס'איז געפירט געוואָרן אַ ברייטע קאָרעספּאָנדענץ וועגן פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן כמעט מיט אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו עס געפינען זיך נאָר יידישע ישובים".

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז די הויפּט־דיסקוסיע פאָרגעקומען טאַקע וועגן דעם ענין דעפיציט בשייכות מיטן חוב אין שפּיטאָל. פון דער דאָזיקער דיסקוסיע ווערט מען געוואָר, אַז פּאַקטיש איז דער חוב כמעט ווי געדעקט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס די באַנק(?) האָט געגעבן 3 טויזנט פּעזעס דער גמילת־חסדים־קאַסע, כדי צו דעקן דעם חוב. טייל אָנוועזנדע האָבן געהאַלטן, אַז מע האָט די געלט פון דער גמילת־חסדים־קאַסע נישט געדאַרפט נעמען. עס זיינען אויך געווען אַנדערע אַרויסטרעטונגען טאַקע וועגן דער גמילת־חסדים־קאַסע, וועלכע זאָגן עדות, אַז די קאַסע האָט געאַרבעט מיט גרויסע שוועריקייטן.

אין רעזולטאַט פון די וואַלן איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אויסגעטיילט אַן עקזעקוטיוו אין באַשטאַנד פון: ל. סוראַסקי — פּרעזידענט; קינג־ראַבינאָוויטש — וויצע־פּרעז.; י. ראָפּטענבערג — סעקרעטאַר; ט. רעזניקאָוו — פינאַנץ־סעקרעטאַר; סעם ווישניאַק — קאַסירער.

אין אַ יאָר אַרום קערט זיך אום די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון הילפספאַראיין (דעם 15טן אויגוסט 1934) כמעט צו די זעלביקע פּראָבלעמען, און עס איז צו זען פון די באַריכטן, אַז די פינאַנציעלע לאַגע פון פאַראיין איז אַ שווערע.

אין זיין באַריכט זאָגט דער פאָרזיצער, צווישן אַנדערע, אַז „דער הילפספאַראיין גייט אָן מיט זיין הילפסאַרבעט פאַר די קראַנקע און נויטבאַדערפטיקע, צי ער האָט פאָנדן, צי נישט. הילף קריגן אַלע די, וואָס נייטיקן זיך אין איר". ווייטער קלאָגט ער זיך, אַז די יידן רופן זיך ניט אָפּ גענוג אויף די רופן פון פאַראיין און מע העלפט ניט מאַטעריעל. ער מיינט, אַז „כדי צו העכערן דעם בודזשעט פון פאַראיין, דאַרף דער מינימום מיטגלידס־אָפּצאָל זיין 2 פּעזעס". וואָס שייך דער גמילת־חסדים־קאַסע האַלט ער, אַז:

„עס איז געווען אַ דורכפאַל, ווייל דער פּרינציפּ איז געווען: אַרויסגעבן דעם אָרעמאַן אַן הלוואה מיט אַן ערגערער זשירע, איידער אים אָנטזאָגן. אַזוי אַרום קאָן מען רעכענען 50 פּראָצענט פאַר פאַרפאַלן. מע האָט געפּרוּווט מיט גוטן און מיט בייזן — און ס'איז ביז איצט נישט געלונגען אויפצומאָנען דאָס געלט. מע וואָלט געדאַרפט די גמילת־חסדים־קאַסע אין גאַנצן אַרויסנעמען פון פאַראיין".

פון דעם פינאַנץ־באַריכט, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן ט. רעזניקאָוו, דערוויסן מיר זיך, אַז נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן האָט מען פון דעסטוועגן במשך פון יאָר אַריינגעקריגן הכנסה קנאַפּע 40 טויזנט פּעזעס.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז געקומען צום אויסדרוק אַ שאַרפע קריטיק מצד געוויסע ראַדיקאַלע עלעמענטן (בעלקינד א"א), וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער פאַראיין **„איז פאַקטיש אָוועק פון זיינע פּרינציפּן פון קעגנזייטיקער הילף און איז אויפן וועג פון צדקה"**. געוויסע מיטגלידער זיינען אויך אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג פון העכערן דעם מיטגלידס־אָפּצאָל, ווי אויך קעגן די פּושקעס, וואָס מע האָט איינגעפירט אין פאַרשיידענע הייזער לטובת דעם פאַראיין.

די מערהייט פון די אָנוועזנדיקע מיטגלידער האָבן אָבער באַשטעטיקט די ריכטונג פון דער טעטיקייט, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט געפירט, און, מיט קליינע ענדערונגען, געוויילט די זעלבע פערזאָנען אין דער אָנפירונג פון הילפספאַראיין אויף ווייטער.

פון דעם באַריכט, וואָס דער פאָרזיצער פון הילפספאַראיין, ל. סוראַסקי, האָט אָפּגעגעבן אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג דעם 31טן אָקטאָבער 1935, איז צו זען, אַז די פינאַנציעלע לאַגע פון פאַראיין איז ווייטער געווען אַ גענוג שווערע. ער שטעלט אויך פעסט, אַז עס איז געפאַלן די צאָל מיטגלידער — בלויז 436 פון זיי צאָלנדיקע פון 1 פּעזע ביז 25 אַ חודש. ער דערקלערט דאָס מיט דער **„אַלגעמיינער אַפּאַטיע, וואָס הערשט אין דער קאָלאָניע, צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט"**. דאָס יאָר ווערט פאַרענדיקט מיט אַ דעפיציט פון העכער טויזנט פּעזעס, וואָס מע רעכנט צו דעקן מיט די הכנסות פון דעם יובל־אַלמאַנאַך, וואָס דער פאַראיין האָט אַרויסגעגעבן לכבוד 5 יאָר עקזיסטענץ פון דעם פאַראיין.

נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן, האָט דער פאַראיין נישט אויפגעהערט זיינע אָנטשרענגונגען אין דער הילפסאַרבעט, דער

עיקר אויפן געביט פון מעדיצינישער הילף פאַר אָרעמע. פאַרן יאָר זיינען אויפן חשבון פון הילפספאַראיין באַהאַנדלט געוואָרן 1112 קראַנקהייט-פאַלן אין שפיטאָלן, קליניקעס, ווי אויך דאָקטוירים-באַזוכן אין דער היים. דער הילפספאַראיין האָט אויך, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן, זיך פאַרנומען מיט הילף פאַר נייע איינגעוואַנדערטע. אין דעם באַריכט פון דעם יאָר רעדט זיך אויך וועגן הילף פאַר יידן-פליטים פון דייטשלאַנד. בנוגע דער טעטיקייט פון גמילות-חסדים-קאַסע רעדט דער באַריכט-אָפּגעבער זייער פעסימיסטיש:

„גמילת-חסד האָט דאָס יאָר כמעט ווי נישט עקזיסטירט, כאָטש מע האָט ביי די אַלע לווים און זייערע זשיראַנטן געמאָנט. דאָס אומגליק איז אָבער, וואָס די גמילת-חסדים-קאַסע איז ביים הילפספאַראיין. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס וואָלטן אפשר געקאָנט באַצאָלן, האָבן אייניקע פון זיי זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן מיטגלידס-אָפּצאָל אין הילפספאַראיין, ווייל מע האָט ביי זיי געפּרואווט מאָנען שטרענגער".

דער באַריכט-אָפּגעבער איז געקומען מיט אַ פאָרשלאָג, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל „גוטהייסן דעם חוב, וואָס דער הילפספאַראיין איז שולדיק דער גמילת-חסדים-קאַסע" (3 טויזנט פעזעס).

אָפּשטעלנדיק זיך אויף די באַציונגען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, דערציילט דער באַריכט, אַז די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין האָט אויסגעפּועלט, אַז די באַנק זאָל העכערן איר סובווענץ אויף $333 חודשלעך; אויך „נדחי-ישראל" האָט באַשטימט $250 אַ מאָנאַט פאַר קראַנקע. דער באַריכט-אָפּגעבער האָט אויך אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז „דער פרויען-פאַראיין, וואָס האָט זיך געגרינדעט פאַריקן יאָר, האָט דעם הילפספאַראיין קיין שאָדן נישט געבראַכט, ווי אַנדערע ווילן האָבן; פאַרקערט — דער פרויען-פאַראיין האָט די גאַנצע צייט קאָאָפּערירט מיטן הילפספאַראיין און זיך קעגנזייטיק מיטגעהאָלפן".

פון דעם פינאַנץ-באַריכט ווערן מיר געוואָרן, אַז „פאַר די פאַרגאַנגענע 15 חדשים האָט דער אַלגעמיינער אומזאַץ (הכנסה?) פון פאַראיין באַטראָפן 44.678.18 פעזעס, דאָס זעלבע אויסגאַבן".

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז, צווישן אַנדערע, צום ערשטן מאָל באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן בויען אַן אייגענעם יידישן שפּיטאָל*.

---

* ווי באַקאַנט, איז נאָך די אידעע ביז היינט נישט רעאַליזירט געוואָרן.

„הי' לעאָן סוראַסקי ליגט פאָר, אַז (...) אַז די איבעריקע חובות, וואָס פאַרשיידענע פּערזאָנען זיינען שולדיק אין דער גמילות־חסדים־קאַסע, — זאָלן די דאָקומענטן איבערגעגעבן ווערן אין דער יידישער באַנק אויף אינקאַסע, און די איינגעקאַסירטע געלטער זאָלן נאָך דעם איבערגיין אויף בויען אַ שפּיטאָל (...) חוץ דעם וואָס (די יידישע קראַנקע) וואָלטן בכלל זיך געפילט באַקוועמער אין אַ יידישן שפּיטאָל, וואָלט אַ שפּיטאָל געקאָנט ברענגען אַ גרויסן פּרעסטיזש פאַר דער יידישער קאָלאָניע".

עס איז טאַקע גלייך געקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך מיט דער ענין פאַראינטערעסירן. אויפן אָרט האָבן זיך אויך געמאָלדן מנדבים אויף אַזאַ מין שפּיטאָל: ה' רעזניקאָוו האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו שענקען $1000, און די ברידער סוראַסקי — אין אָנדענק פון זייערע עלטערן — די קאָסטן פון אַ גאַנצן פּאַוויליאָן פון 10 צימערן.

פון די באַריכטן פון די יאָרן 1936 און 1937 קאָן מען זען, אַז עס האָבן זיך באַדייטנדיק פאַרקלענערט די הכנסות פון הילפספאַראיין. דער פּאַרזיצער י. ראָסטענבערג האָט עס אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (19 נאָוועמבער 1936) דערקלערט מיט **„עקאָנאָמישע אורזאַכן ביי די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע"(...) „עס איז דערפאַר, ווייל עס האָבן געפעלט די גרויסע געשאַנקען, ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן"**. ער האָט אויך איבערגעגעבן, אַז עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך „נדחי־ישראל" איר סובסידיע, וואָס זי פלעגט געבן דעם הילפספאַראיין יעדן חודש אין דער גרייס פון 250 פּעזאָס צו שטייער די מעדיצינישע אויסגאַבן.

די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין האָט געזוכט מיטלען צו שטאַרקן דעם בודזשעט, און מע האָט סוף־כל־סוף געהעכערט דעם מיטגלידסאָפּצאָל, אין דורכשניט. לויטן באַריכט קומט אויס, אַז די הכנסה פאַר דעם יאָר איז געווען עפּעס מער פון 31 טויזנט פּעזאָס, פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז, ווי שטענדיק, אויסגעגעבן געוואָרן אויף מעדיצינישע הילף פאַר אָרעמע: עס זיינען אין דעם יאָר געשטיצט געוואָרן 890 קראַנקע מיט וויזיטן, אָפּעראַציעס, שפּיטאָל־היילונג א"א. קנאַפּע 100 פּערזאָן האָבן געקריגן געלט־שטיצעס. **„מע האָט אויך אַרויסגעהאָלפן מיט 4 שיפסקאַרטן אייניקע פּערזאָנען, וואָס האָבן געדאַרפט אַראָפּברענגען זייערע פאַמיליעס".**

דער פּראָטאָקאָל פון דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג דערמאָנט אויך

אַ דעבאַטע וועגן די יידישע דאָקטוירים, אָבער עס איז נישט קלאָר, וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט: די טענות זיינען געווען, פאַר־וואָס דער הילפספאַראיין האָט נישט קיין פאַרשטענדיקונג מיט יידי־שע דאָקטוירים. דער פאָרזיצער, פון זיין זייט, **„גיט איבער וועגן אַלע אונטערהאַנדלונגען, וואָס זיינען געפירט געוואָרן מיט דער דאָק־טוירים־קאָמיסיע(...) עס הייסט נישט, אַז מען איז נישט דורכגע־קומען".**

אויף דער קומענדיקער וואַל־פאַרזאַמלונג (דעם 9טן דעצעמבער 1937) גיט איבער דער פאָרזיצער, **גבריאל ראָזענטאַל**, אַ באַריכט, פון וועלכן עס איז צו זען, אַז הגם די פינאַנציעלע לאַגע איז ווייטער אַ גאַנץ שווערע, איז אָבער צו מערקן אַ געוויסע בעסערונג: די הכנסה האָט פאַרן יאָר דערגרייכט 33 טויזנט פעזעס. אַ גרויסע אונטער־שטיצונג פאַרן בודזשעט זיינען געווען עטלעכע ספּעציעלע אַקציעס, וואָס די פאַרוואַלטונג האָט דורכגעפירט. אַזוי, למשל, האָבן די טוער (הגם ווינציק אין צאָל, ווי דאָס האָט אונטערגעשטראָכן דער פרע־זידענט) **„באַזוכט קנאַפּע 200 מענטשן, און ס'האָט אַריינגעבראַכט קנאַפּע 3000 פעזעס. דאָס זעלביקע די לאָטעריי האָט אַריינגעבראַכט העכער 1000 פעזעס".**

אין משך פון די ווייטערדיקע צוויי יאָר ווערט די פינאַנציעלע לאַגע אין פאַראיין אַ סך אויסגעבעסערט, און במילא אויך די הילפס־טעטיקייט. אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (דעם 15טן פעברואַר 1939) דערציילט אונדז שוין דער פרעזידענט ל. סוראַסקי אין זיין באַריכט וועגן אַ וואוקס פון דער הכנסה ביז 35 טויזנט פעזעס, און וואָס נאָך וויכטיקער — וועגן אַ וואוקס פון דער צאָל מיטגלידער און די מיטגלידס־אָפּצאָלן פון זיי (העכער 16 טויזנט פעזעס), וואָס באַווייזט אויף אַ גרעסערע פאַראינטערעסירונג מיט דער טעטיקייט פון פאַראיין.

בערך אין אַ יאָר אַרום (אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון 14טן דע־צעמבער 1939) דערציילט ער אונדז שוין, **„אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון הילפספאַראיין אין געלונגען אָפּצוצאָלן אַלע אַל־טע חובות און האָבן צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַ סופּעראַ־וויט אין קאַסע".**

וואָס שייך דער טעטיקייט פון פאַראיין, דערוויסן מיר זיך פון דעם דאָזיקן באַריכט, אַז די טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט, דער עיקר, אויף דער הילף פאַר אָרעמע קראַנקע, וועלכע **„זיינען אַטענדירט דורך די בעסטע דאָקטוירים פון שטאָט, ווי: קאָסיאָ ווי־גאָן, י. טשאַוועס, ט. אָרטיז, פאַריל, מאַראַנעס, ריינקינגן א"א".**

חוץ דער מעדיצינישער הילף זיינען אין דעם יאָר, ווי אין די פריערדיקע, אַרויסגעגעבן געוואָרן חודשלעכע און וועכנטלעכע אונ־טערשטיצונגען אין מזומן אַלטע און קראַנקע לייט, וואָס קאָנען ניט אַרבעטן און האָבן געמוזט אָנקומען צו דער געזעלשאַפט. עס זיינען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן געלטשטיצעס „אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס ווילן זיך איינאָרדענען און האָבן נישט מיט וואָס".

דער פּאָרזיצער האָט אין זיין באַריכט זיך אָפּגעשטעלט אויך אויף דער צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין מעקסיקע, אַנווייזנדיק, אַז זי איז געווען אַ גוטע. ער דריקט אויס „זיין צופרידנהייט, אין נאָמען פון הילפספאַראיין, וואָס דער פרויען־פאַראיין גייט אָן ווייטער מיט זיין אַרבעט און האָט זיך פאַראייניקט מיט דער געזעלשאַפט „נדחי־ישראל"(...) דער הילפספאַראיין האָט אַטענדירט די אַלע ביטעס פון פרויען, וועלכע האָבן זיך געווענדעט נאָך אונטערשטיצונג, ווען דער פרויען־פאַראיין איז צוליב פאַרשיי־דענע סיבות נישט געווען טעטיק. היינט צו טאָג שטייען דיביידע געזעלשאַפטן אין כסדרדיקער פאַרבינדונג". דער באַריכט דערמאָנט אויך — צום ערשטן מאָל — וועגן ענגע קאָנטאַקטן מיטן „צענ־טראַל־קאָמיטעט":

> „די מיטאַרבעט מיט אים איז ענג פאַרבונדן מיט די באַ־ציאונגען פון דעם הילפספאַראיין מיט די אויסלענדישע אָר־גאַניזאַציעס. דער הילפספאַראיין באַקומט פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס פון גאָר דער וועלט צענדליקער בריוו, און אין אייניקע פאַלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דירעקטער אינטער־ווענץ אין די אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענטן, ווערן די בריוו אי־בערגעשיקט צום צענטראַל־קאָמיטעט".

אין דעם יאָר, ווי פריער, האָט דער הילפספאַראיין דערלידיקט צענדליקער פאַלן פון קרובים־אויפזוכונגען, דער עיקר פון פוילן און דייטשלאַנד, געשיקט (דורך זיין פאַרמיטלונג) געלט צו אָרעמע קרובים אין פוילן, געדינט מיט אָנווייזונגען און אינפאָרמאַציעס בנו־גע אימיגראַציע־פראַגן. דער הילפספאַראיין איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט אַלע אָפּטיילונגען פון „האיאַס־איקאַ" סיי אין די אַמע־ריקעס סיי מעבר לים.

ווי עס איז צו זען פון פראָטאָקאָל, האָבן די אָנוועזנדיקע אויף דער פאַרזאַמלונג אויפגענומען מיט אָנערקענונג די איבערגעגעבענע

אַרבעט פון די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער און זיי זיינען ווידער גע־וויילט געוואָרן אין דער אָנפירונג פון פאַראיין.

אין דער זעלבער ריכטונג, בערך, האָט זיך אַנטוויקלט די וויי־טערדיקע טעטיקייט פון דעם הילפספאַראיין אין דעם נאָכקומענדיקן פעריאָד. כדי צו קריגן אַ בילד וועגן דער הילפסאַרבעט פון פאַראיין אין דעם לעצטן יאָר פון דער תקופה, וואָס מיר נעמען דאָ אַרום אין אונדזערע מאַטעריאַלן, וועלן מיר אַ ביסל ברייטער ציטירן דעם באַריכט פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פאַראיין, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 16טן דעצעמבער 1941, אויף טאַקובאַ 45.

צום אָנהייב פון פראָטאָקאָל ווערט דערמאָנט, אַז אויף דער דאָ־זיקער פאַרזאַמלונג זיינען אָנוועזנד געווען אָפיציעל דעלעגירטע פאָר־שטייער פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, ווי: „צענטראַל-קאָמיטעט”, „יידישע האַנדלס-קאַמער”, „יידישער קולטור-צענטער”, „פאַראייניקטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע”, פאָר־שטייער פון דער יידישער פרעסע אד״גל. דאָס באַווייזט, אַז דער הילפספאַראיין האָט זיך דערוואָרבן אַ פעסטע און פון אַלעמען אָנער־קענטע פאָזיציע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מעקסיקע אַדאַנק זיין לאַנגיאָריקער וויכטיקער אַרבעט פאַרן ישוב.

די טאָג-אָרדענונג פון דער פאַרזאַמלונג האָט אַרומגענומען: א) פראָטאָקאָל פון דער פאַריאָריקער פאַרזאַמלונג; ב) אַלגעמיינער טעטיקייטס-באַריכט; ג) פינאַנץ-באַריכט; ד) באַריכט פון קאָמיסאַר; ה) דעבאַטן; ו) וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג; ז) פאַרשיידנס.

(...) „דער אַלגעמיינער טעטיקייטס-באַריכט ווערט איבער־געגעבן דורך דעם פרעזידענט, ה׳ גבריאל ראָזשטאַל. דער באַ־ריכט נעמט אַרום די צייט פון 16טן דעצעמבער 1940 ביזן 15טן דעצעמבער 1941 (...) פון די 600 מיטגלידער, וועלכע צאָלן פון 1 פעזע ביז 25 פעזעס מאָנאַטלעך, פאַלט אַריין דורכשניטלעך 1176 פעזעס אַ מאָנאַט. דער איינקונפט, אין פאַרגלייך מיט אַ יאָר פריער, איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיט 70 פעזעס מאָנאַטלעך. אויך האָט דער הילפספאַראיין איינ־קונפטן פון די שמחות-זאַמלונגען און נדבות פון איינצלנע פערזאָנען, וועלכע האָבן אין דעם יאָר דערגרייכט די סומע פון 19.829.67 פעזעס. — דאָ איז דער איינקונפט, אין פאַרגלייך מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן, אַרום 336 פעזעס פער מאָנאַט.

א דאנק דעם איז די פארוואלטונג געווען אימשטאנד נאכ־צוקומען די אלע פערזאנען, וועלכע האבן זיך געניייטיקט אין אונטערשטיצונג (...) די קראנקע ווערן באהאנדלט דורך דער קליניק „סענטרא מעדיקא" און דורך אויסשליסלעכע ספעציא־ליסטן, ווי צום ביישפיל: טשאוועס, פאריל, קאסיא וויעגאס, צוקערמאן, ריאס, גלאזער, א. פאסטליכט א"א. אין דעם יאר האבן די ספעציאליסטן באהאנדלט אונדזערע 42 קראנקע מיט 744 וויזיטן און דורך „סענטרא מעדיקא" — 125 קראנקע מיט 287 וויזיטן. צו די קראנקע זיינען אנגעווענדט געווארן אנאליזן, דיאטערמיע, ראדיאגראפיעס אא"וו. אויסער דעם האט דער הילפספאראיין געהאט 9 קראנקע אין די שפיטעלער, פון וועלכע 7 זיינען אפערירט געווארן. צוזאמען האט דער הילפס־פאראיין געהאט 176 קראנקע מיט 1931 וויזיטן. אויף מעדי־צינישע הילף איז אויסגעגעבן געווארן די סומע פון 11.665.69 פעזעס.

א חוץ מעדיצינישע הילף ווערן אויך ארויסגעגעבן געלט־אונטערשטיצונגען אין מזומן. דער הילפספאראיין האט אין דעם יאר אונטערשטיצט 62 פערזאן און עס איז ארויסגעגעבן געווארן אין דעם יאר די סומע פון 15.344.70 פעזעס.

מיטארבעט מיט די היגע אינסטיטוציעס: מיט דעם פרויען־פאראיין שטייט דער הילפספאראיין כסדר אין קאנטאקט, און ווען עס איז נייטיק, גיט דער הילפספאראיין ארוים שטיצע אויך פאר פרויען. די מיטארבעט מיט „נדחי־ישראל" טראגט דעם זעלבן כאראקטער. ווען עס האנדלט זיך וועגן איינארדע־נען א פערזאן, און איין אינסטיטוציע איז דאס נישט בכוח צו טאן, ווערט די סומע געשאפן צווישן הילפספאראיין, פרויען־פאראיין און „נדחי־ישראל".

מיט דעם „צענטראל־קאמיטעט" איז אונדזער מיטארבעט נישט נאר אין שייכות צו אונדזערע באציונגען מיט די פלי־טים, וועלכע געפינען זיך אין מעקסיקע. נאך דעם ווי דער פליכטלינג באקומט דאס רעכט אויף ארבעט, ווערט ער מער נישט אונטערגעשטיצט פון דעם „צענטראל־קאמיטעט", און די פערזאן מוז זיך ווענדן דאן צום הילפספאראיין נאך אונטער־שטיצונג, ביז ער וועט זיך קאנען איינארדענען. אין אזעלכע פאלן ווערט די פערזאן רעקאמענדירט פון „צענטראל־קאמי־טעט", וועלכער אריענטירט זיך גענויער, ווער פון די פליטים

נייטיקט זיך אין אונטערשטיצונג אין מזומן, אָדער מיט אַ דאָקטאָר און מעדיצין.

דער הילפספאַראיין האָט אויך באַציאונגען מיט אַלע אַנ־דערע היגע געזעלשאַפטן. אין דעם יאָר האָט דער הילפספאַר־איין באַקומען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן אין אויסלאַנד בריוו וועגן קרובים־אויפזוכונגען הי, און אינטערוועניִרט, אַז די דאָזיקע פּערזאָנען זאָלן שיקן הילף צו זייערע פאַמיליעס, וואו זיי געפינען זיך (...)

דער פינאַנץ־סעקרעטאַר, ה׳ ש. קאַפּולסקי, גיט איבער דעם פינאַנץ־באַריכט (...) ער באַמערקט צום שלום, אַז די אַלגע־מיינע הכנסה אין דעם יאָר איז געווען 34.776.67 פּעזעס — מיט 6300 פּעזעס מער, ווי פאַר אַ יאָרן, און אַז די דאָזיקע סומע איז דער בעסטער עדות פון דער אינטענסיוויטעט פון דער היי־יאָריקער אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג (...) ער פאַר־ענדיקט זיין באַריכט מיט דעם זעלביקן אַפּיל, וואָס פאַר אַ יאָרן, אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן, זייענדיק אויף שמחות, העלפן אַדורכפירן די זאַמלונגען לטובת דעם הילפספאַראיין. ער ווענדט זיך אויך צו דער פּרעסע, זי זאָל דורך געהעריקער פּראָפּאַ־גאַנדע העלפן די הילפס־אינסטיטוציעס אין אַדורכפירן זאַמ־לונגען (...)

ה׳ סעם ווישניאַק, דער קאַמיסאַר, דריקט אויס זיין אַב־סאָלוטע צופרידנהייט מיט דער אַרבעט פון דער היי־יאָריקער פאַרוואַלטונג. ער באַדויערט נאָר, וואָס אַזאַ קנאַפּע צאָל מיט־גלידער זיינען געקומען אויסהערן דעם יאָרבאַריכט פון דער אַזוי וויכטיקער אינסטיטוציע. וואָס אָנבאַלאַנגט די ביכער, באַמערקט ער, זיינען זיי דורך אים רעווידירט געוואָרן און געפינען זיך אין דער בעסטער אָרדענונג. די ביכער, גיט צו דער קאָמיסאַר, ווערן אויך רעווידירט פון דער רעגירונג, פון וועלכער דער הילפספאַראיין איז אָפּהענגיק. צום שלום דריקט ער אויס זיין דאַנק דער פאַרוואַלטונג פאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן אין דעם יאָר (...)

אין דער דיסקוסיע ווענן די באַריכטן באַטייליקן זיך די ה״ה: ש. קוטשער, י. פריינד, נ. ראָזאָווסקי, פרידמאַן, מ. רו־בינשטיין, א. ז. בערעבימשעז, גאַראָדזינסקי, ה. דרשן, י. ראָס־טענבערג און אַנדערע (...)

* * *

(ה׳ פרידמאַן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ מיינונג, אַז מע דאַרף) „דורך אַראָפּנעמען פּראָצענטער פון די אַקציעס, וואָס ווערן יערלעך געפירט אין מעקסיקע פאַר אויסלאַנד, שאַפן די נייטיקע פאָנדן פאַר די היגע אינסטיטוציעס" (...)

ה׳ נחמן ראָזאָוסקי מאַכט אַן אויסבעסערונג צום באַ־באַריכט, צוגעבנדיק, אַז „דער הילפספאַראיין האָט אין דעם יאָר אינטערוועניִרט און דערליידיקט אייניקע פאַמיליע־סכסו־כים" (...) „ער באַטאָנט, אַז די באַציאונג פון דער יידישער קאָלאָניע אין מעקסיקע צו די הילפס־אינסטיטוציעס מוז זיין אַ וואַרעמערע" (...)

„ה׳ רובינשטיין בעט אַן אויפקלערונג אין דעם ענין יידי־שע דאָקטוירים — פאַר וואָס אַזוי ווייניק פון זיי אַרבעטן פאַר דעם הילפספאַראיין. לויט זיין מיינונג דאַרף דער פרויען־פאַראיין זיך פאַראייניקן מיטן הילפספאַראיין (...) ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט דעם קאַסע־באַריכט, פון וועלכן ס׳איז צו זען, אַז דאָס געלט, וואָס איז אַריינגעקומען אין פאַר־איין, איז אויסגעטיילט געוואָרן צו די נויטבאַדערפטיקע (...)

„הער א. ז. בערעביטשעז באַגריסט די פאַרזאַמלטע אין נאָ־מען פון דעם „צענטראַל־קאָמיטעט". ער דריקט אויס זיין צו־פרידנקייט מיט די אויסגעהערטע באַריכטן און גיט איבער וועגן דעם פּראָיעקט פון רופן פאַרשטייער פון אַלע הילפס־אינסטי־טוציעס, כדי צו באַהאַנדלען די פראַגע פון די אַקציעס, וואָס ווערן דאָ אַדורכגעפירט, און די געלטער, וואָס גייען אַרויס פון מעקסיקע (...) ער פאַרענדיקט מיט דעם וואונטש, אַז דער קומענדיקער קאָמיטעט זאָל נישט אַרבעטן ערגער, ווי דער היי־יאָריקער — בעסער האָט קיין שיער נישט" (...)

„די ה"ה דרשן און ראָסטענבערג גיבן גענויע דערקלערונ־גען וועגן די חילוקי־דעות, וואָס דער הילפספאַראיין האָט גע־האַט מיט די יידישע דאָקטוירים מיט אייניקע יאָר צוריק. אין עקסטרע־פאַלן מוז מען דעם קראַנקן לאָזן אויסוויילן דעם דאָק־טאָר, ווייל דער הילפספאַראיין וויל נישט און קאָן נישט נע־מען אויף זיך די אחריות, אין אַן אומגליקספאַל (...)

„אויף דעם פאָרשלאָג פון ה׳ גאָראָדזינסקי ווערט אויסגע־דריקט איינשטימיק דורך די פאַרזאַמלטע צוטרוי פאַר דער אָוועקגייענדיקער פאַרוואַלטונג. מע טרעט צו צו די וואַלן פון אַ נייער פאַרוואַלטונג (...))

„עס ווערן אויסגעקליבן: ל. סוראסקי, ג. ראָזענטאַל, נ. ראָזאָווסקי, ש. קאפּולסקי, י. בארער, ה. דרשן, א. באָגאָמאָלני, י. פריינד, א .מ. גאָלדהאבער, א. וועסטער, מ. טעווערעאָווסקי, ש. נעדוועדאָוויטש, מ. נעסטעל, ה. קובא, א. קושניר, י. סטאָורטשאַנסקי, מ. בלוזמאַן. אַלע קאָמיסאר ווערט אויסגעקליבן ה' סעם ווישניאק (...)

ערן־פּרעזידענט — לעאָן סוראַסקי; פּרעזידענט — גבריאל ראָזענטאָל; וויצע־פּרעזידענט — ש. קאָפּולסקי; פינאַנץ־סעקרעטאַר — נחמן ראָזאָווסקי; סעקרעטאַר — יעקב בארער".

* * *

די גאַנצע באַשרייבונג פון דער טעטיקייט פון הילפספאראיין — באַזירט אויף ציפערן און דאָקומענטן — באַווייזט, ווי וויכטיק עס איז געווען די דאָזיקע אינסטיטוציע פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין מעקסיקע, בפרט אין יענע שווערע אָנהייב־יאָרן פון דער יידישער איינוואַנדערונג. דער היינטיקער, יונגער יידישער דור, וואָס לעבט אין לחלוטין אַנדערע, אומפאַרגלייכלעך בעסערע באַדינגונגען, דאַרף וויסן, ווי אַזוי די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן מיט מסירת־נפש געאַרבעט, כדי צו טראָגן הילף און שטיצע דעם נויטבאַדערפטיקן, אין אַן עת־צרה, לויט די בעסטע יידישע מידות און טראַדיציעס. און עס וועט נישט זיין אומבאַשיידן פון מיין זייט, ווען איך וועל אויסדריקן מיין שטאָלץ, וואָס איך האָב, לפי מיינע מעגלעכקייטן, מיטגעהאָלפן אין דער דאָזיקער וויכטיקער הילפסאַרבעט.

קאַפּיטל זעקס

צו הילף דעם יידישן סוחר און אינדוסטריעלער

א.

די לייקאַסע

גלייך אין די ערשטע יאָרן זינט דער אַנטשטייונג פון יידישן ישוב, און נאָך מער אין דער מאָס פון זיין פאַרגרעסערונג און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, האָט זיך אָנגעהויבן פילן די נויטווענדיקייט פון קרעדיט-הילף פאַר די צענדליקער און הונדערטער קליינע געשעפטסלייט און קליינע פאַבריק-אייגנטימער, וועלכע האָבן זיך גענומען צו האַנדל און אינדוסטרי אין די פאַרשיידנסטע צווייגן פון דער ווירטשאַפט אין מעקסיקע.

די נייטיקייט אין קרעדיט איז נאַטירלעך געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס דער גרעסטער טייל פון די יידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן זייערע אונטערנעמונגען מיט זייער באַגרענעצטע קאַפּיטאַלן אָדער טאָקע גאָר מיט די צען פינגער. כדי צו קאָנען אַנטוויקלען די געשעפטן, כדי צו אַרבעטן אַ ביסל אויף לאַגער, צו האָבן גרייט אַ ביסל רוישטאָף און סחורה, — האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ביסל קרעדיט פון אַ באַנק. עס האָט טאַקע אויך געפעלט דער צוטרוי פון אַ קרעדיט-אינסטיטוציע פאַר דעם נייעם קליינעם אונטערנעמער אויף אויסצוטוישן זיינע וועקסל-דאָקומענטן, אין פאַל ווען ער האָט אַזעלכע געקריגן פון זיינע קליענטן.

אין מעקסיקע האָבן דעמאָלט (אַרום 1925 — 1930) קיין סך באַנק-אינסטיטוציעס בכלל ניט עקזיסטירט. דער האַנדלס- און אינדוסטרי-קלאַס פון לאַנד איז נאָך געווען דאַן אַ גאַנץ באַשיידענער אין צאָל, און די געציילטע סאָלידע פינאַנץ-אינסטיטוציעס האָבן אים זייער פריי באַדינט. אָבער די ניי צוגעקומענע יידישע אונטערנעמער, פרישע אימיגראַנטן אין מעקסיקע, מיט ווייניק באַקאַנטשאַפט אין די האַנדלס-קרייזן, מיט גאָר קנאַפע רעפערענצן וועגן זייער עקאָנאָמישן מצב, וועגן דער זיכערקייט פון זייערע אונטערנעמונגען, וועגן זייער אויפפירונג בכלל, — זיי האָבן אין די היגע בענק ניט באַקומען און ניט געקאָנט באַקומען קיין גאָר גוטע אויפנאַמע. קיין אייגנטום האָבן דאָך די פרישע געשעפטסלייט נאָך ניט געהאַט, וואָס זאָל באַוואָרענען זייערע קרעדיטן; ווער עס זאָל פאַר זיי גאַראַנטירן — אויך נישט; איז עס טאַקע אָנגעקומען מיט גרויסע

שוועריקייטן פאַר זיי צו קריגן קרעדיטן, און דאָס האָט היפּש גע־האַמעוועט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון ישוב.

די דאָזיקע סיבות און אויך דאָס, וואָס אַ יידישן אונטערנעמער האָט מען אָפט מאָל ארויסגעוויזן אומצוטרוי אויך צוליב זיין אָפּ־שטאַמונג (עס האָבן זיך שוין, צום באַדויערן, דעמאָלט געפונען אַזוי־נע, וואָס האָבן געמאַכט אַ שם־רע די כודיאָס, די „פּאָליאַקאָס און רוסאָס", ווי מע האָט אויך גערופן די יידן), — דאָס אַלץ האָט באַ־וואויגן צו זוכן מיטלען און וועגן צו שאַפן זיך קרעדיט אויף אַן אַנדער וועג, און מע האָט אָנגעהויבן מאַכן באַמיונגען צו שאַפן אַן אייגענע, אַ יידישע קרעדיט־אינסטיטוציע, אַ כמו־באַנק, וואָס זאָל באַדינען אויסשליסלעך דעם יידישן קליענט סיי מיט קרעדיט סיי מיט דיסקאָנטע פון וועקסלען־דאָקומענטן.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר שוין באַרירט די טע־טיקייט פון די גמילת־חסדים־קאַסעס און אויך לייקאַסעס, וואָס מען האָט ביי פאַרשיידענע אינסטיטוציעס געפּרוואווט שאַפן. זיי זיינען אָבער געווען באַגרענעצט סיי צוליב דעם מאַנגל אין גרעסערע קאַ־פּיטאַלן סיי — דער עיקר — צוליב דעם כאַראַקטער זייערן, וואָס האָט געטראָגן דעם חותם פון הילף און פילאַנטראָפּיע, און דאָס האָט נאַטירלעך נישט מעגלעך געמאַכט, אַז פון זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען סאָלידע, אויף געזונטע קאָמערציעלע יסודות געבויטע, קרעדיט־אינס־טיטוציעס.

עס איז דערצו נייטיק געווען אַ גרעסערע סומע געלט פאַר אַ גרונט־קאַפּיטאַל, און במשך פון עטלעכע יאָר האָט מען אַלץ זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי אַזאַ קאַפּיטאַל צו שאַפן. כאָטש עס זיינען שוין געווען אין מעקסיקע אין יענער צייט אַ פּאָר הונדערט יידישע אונטערנעמונגען, צווישן זיי עטלעכע צענד־ליק גאַנץ גרויסע און אָנגעזעענע, האָט מען פאָרט נישט געפילט זיך בכוח דאָס צו טאָן. ערשט אין צום סוף פון יאָר 1927* האָט אַ גרופּע יידישע אונטערנעמער רעאַליזירט דעם פּלאַן און געגרינדעט די יידישע לייקאַסע. צווישן די גרינדער פון דער לייקאַסע האָבן זיך געפונען ד"ר אַ. קינג, הערשל גרינשטיין, לעאָן סאָסנאָוויטש און אייניקע אַנדערע, וועלכע מיר קאָנען זיך נישט דערמאָנען. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זיינען אריין (אויף וויפל מיר קאָנען זיך דער־

* די גענויע דאַטע האָבן מיר, לײַדער, נישט געקאָנט פעסטשטעלן.

מאַנען) די הערן **סימאָן ווינשטאָק, מ. טעמפּעל, ל. סוראַסקי, סאָס־נאָוויטש, ה. גרינשטיין, ה. בעלקינד.** צו ערשט איז די ביוראָ פון דער לייקאַסע געווען אויף מאָנטע דע פּיעדאַד, שפּעטער — אויף טאַקובאַ 15, אין דעם זעלבן לאָקאַל, וואָס דער „יאַנג־מען", אָבער ווי אַ פולשטענדיק זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע.

למען האמת דאַרף מען אונטערשטרייכן, אַז דאָס שאַפן די דאָזיקע לייקאַסע איז געוואָרן מעגלעך אַ דאַנק דער הילף, וואָס מע האָט געקריגן פון „בני־ברית" אין אַמעריקע, וועלכע האָט אויך געהאַט אירע אַ ביוראָ אין מעקסיקע. „בני־ברית" האָט דעמאָלט געגעבן פאַר דער לייקאַסע די סומע פון 50.000 פּעזעס (25 טויזנט דאָלאַר), וואָס דאַן איז עס געווען אַ באַדייטנדיקע סומע, ווייל דער ווערט פון דער פּעזע איז דאַן געווען אַ הויכער. די טוערס פון דער לייקאַסע האָבן געשאַפן אַליין נאָך 25.000 פּעזעס דורך פאַרקויפן אַקציעס צווישן די יידן פון דער קאָלאָניע, — און אַזוי אַרום האָט מען אָנגעהויבן די טעטיקייט פון דער יידישער קרעדיט־אינסטיטוציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן העלפן די יידישע סוחרים און קליינע הענדלער, ווי אויך די אייגנטימער פון ווארשטאַטן און פאַבריקלעך, דורך אַרויסגעבן זיי הלוואות, דיסקאָנטירן וועקסלען. מע האָט אפילו אָנגעהויבן אָננעמען דעפּאָזיטן פון די קליענטן.

זייער שנעל האָט זיך די לייקאַסע אַנטוויקלט, ווי אַ לעבעדיקע פינאַנץ־אינסטיטוציע, וואָס האָט בלי ספק אַ סך געהאָלפן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין מעקסיקע, געהאָלפן די יידישע עמיגראַנטן צו פאַרפונדעווען זיך אין נייעם לאַנד, אויסנוצנדיק די גוטע קאָניונקטור אין דער וואַקסנדיקער פּראָספּעריטי פון לאַנד.

די לייקאַסע האָט עקזיסטירט איבער 5 יאָר, דערפילנדיק איר אויפגאַבע, ביז עס איז לויט אַ געזעץ פון דער פינאַנץ־מאַכט געפאָדערט געוואָרן, אַז אָדער די אינסטיטוציע זאָל זיך באַגרענעצן אויסשליסלעך מיט קליינע קרעדיט־צוטיילונגען, אָדער זי זאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פאָרמעלער באַנק, לויט אַלע פאָרשריפטן און רעכט פון אַזאַ פינאַנץ־אינסטיטוציע, — צו האָבן אַ גרעסערן גרונט־קאַפּיטאַל און מעגן דורכפירן דיסקאָנט־אָפּעראַציעס, אָננעמען דעפּאָזיטן אא"וו.

אגב, זיינען אויך געוואָרן דרינגענדיקער און בולטער די שוועריקייטן, וואָס די לייקאַסע האָט געהאַט מיט „בני־ברית", וועלכע האָט נאָך דעם ליקווידירן איר טעטיקייט אין מעקסיקע איבערגע־

לאָזט אַ קאָמיסיע פון דריי מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן די אפּוטרופּסות איבער אירע קאַפּיטאַלן. די דאָזיקע פאַרשטייער (ד״ר אולפּעלדער, סלאָבאָדסקי און בלאָך) זיינען געווען אַבסאָלוט פרעמד די פּראָבלעמען און ענינים פון אונדזער ישוב, און די פאַרוואַלטונג פון דער לייקאַסע האָט געהאַט פיל שוועריקייטן צוליב דעם. צום סוף האָבן זיי גאָר געפאָדערט צו ליקווידירן די לייקאַסע, אין דער מורא, טאָמער וועט „בני-ברית״ אפשר דאַרפן ליידן פון עווענטועלע קאָמפּליקאַציעס צוליב דער פינאַנציעלער טעטיקייט פון דער לייקאַסע.

ב.

די גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַנק

דעמאָלט איז אין גאַנצן רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ יידישע באַנק-אינסטיטוציע, וואָס איר נויטוועגדיקייט איז צו יענער צייט געוואָרן נאָך קענטיקער, ווייל כאָטש אַ טייל יידישע אונטערנעמער האָבן שוין באַוויזן צו קריגן צוטרוי אין די אַלגעמיינע בענק, איז דאָס אָבער נישט אַלעמען געלונגען, בפרט אַז די צאָל יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן — קלענערע און גרעסערע — איז אַלץ געוואַקסן.

אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אויפן אָרט פון דער לייקאַסע — און טיילווייז אויף איר באַזע — די יידישע באַנק, וואָס האָט אָנגענומען דעם נאָמען „באַנקאַ מערקאַנטיל דע מעכיקאָ". די באַנק האָט איבערגענומען די אַקטיוון און פּאַסיוון פון דער לייקאַסע, חוץ דעם האָט מען פאַרקויפט אַקציעס פון דער באַנק צווישן יידישע אונטערנעמער און אויף אַזאַ אופן האָט די דאָזיקע קרעדיט-אינסטיטוציע, ביי איר גרינדונג, דיספּאָנירט מיט אַ גרונט-קאַפּיטאַל פון 250.000 פּעזעס. שפּעטער איז דער קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט געוואָרן, איין מאָל ביז אַ האַלבן מיליאָן און דערנאָך ביז אַ מיליאָן פּעזעס, דורך ווייטערדיקע אַקציעס-פאַרקויפן.

לויט ווי עס זאָגט דער אָפיציעלער אַקט פון דער גרינדונג (א"ג „עסקריטוראַ") פון 22 אויגוסט 1933, זיינען די ערשטע אַקציאָנערן-גרינדער געווען:

חיים בעלקינד — פּרעזידענט; סעם ווישניאַק — וויצעפּרעזידענט; פּסח ליסקער — סעקרעטאַר; הערמאַן גרינשטיין — קאַסירער. וואָקאַלן: לעאָן סוראַסקי, מאיר קאַץ, סאָל ווישניאַק, לעאָן פּאַסנאַנאָוויטש, כאַקאַבאַ לאַנדוי, וואָלף דאַנדיש, עדואַרדאָ שניידווייס, אברהם גערסאָן, מאַקסימיליאַן בוקאַנץ, פאַרטרעטער („סופּלענטעס"): משה ווערלינסקי, לואיס גאָלדמאַן, לאַזאַר מאַזייקאַ, משה דרשן, יוסף זאַכאַריאַש, יוליאַן לאַסקי, שלמה ראַבינאָוויטש, שלמה בורשטיין, יעקב ליבערמאַן, עמיליאָ קרומהאָלץ, ישראל מאַשינסקי, ישראל זיידמאַן, שמואל פּאַגאָוויטש.

עס וואָלט אפשר געווען אינטערעסאַנט פאַר ספּעציאַליסטן־פי־נאַנסיסטן צו פאַרנעמען זיך געננוי מיט די אַלע באַלאַנסן און אַנדערע אינעווייניקסטע פּרטים, וואָס מע קאָן געפינען אין די פּראָטאָקאָלן און אַנדערע דאָקומענטן פון דער באַנק; מיר אָבער וועלן דאָ, אין הסכם מיטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון אונדזער אַרבעט, ברענגען פון דאָרטן נאָר אייניקע מער אַלגעמיינע און סך־הכלדיקע מאָמענטן.
קודם־כל וועלן מיר ציטירן דעם פּראָטאָקאָל פון דער ערשטער* זי־צונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל אויף טאַקובאַ 15, דעם 12 סעפּטעמבער 1933, אונטערן פאָר־זיץ פון ה׳ בעלקינד. אויף אָט דער זיצונג האָט מען באַהאַנדלט (אָדער באַשלאָסן) פאָלגנדיקע ענינים:

„1) טראַנספּערירן די אַקטיוון און פּאַסיוון פון דער געזעל־שאַפט „סאָסיעדאַד דע פּרעסטאַמאָ" אין דער איצטיקער אינס־טיטוציע אין דער פאָרם: דאָס ליקווידע פאַרמעגן אין דעם פאָנד פון די באַצאָלטע אַקציעס פון 125 טויזנט פּעזעס, און דעם רעשט, אויב אַזעלכער איז פאַראַנען — דעם פאָנד פון „רעזערוואַ פּאַראַ קאַסטיגאָס".

2) די טעטיקייט הייבט זיך אָן דעם 18טן פון דעם חודש און דערפון ווערט די רעגירונג פאַרשטענדיקט.

3) באַקאַנט געבן די נעמען, וועלכע גייען אַריין אין דער פאַרוואַלטונג.

4) ערנענען (באַשטימען?) די באַאַמטע פון דער באַנק און באַשטימען זייער געהאַלט.

5) איינזעצן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל זיך אין פאַרבינ־דונג זעצן מיט דער „באַנקאָ דע מעכיקאָ", בכדי די „באַנקאָ מערקאַנטיל" זאָל מיט איר צוזאַמענאַרבעטן. די פאַרלאַנגטע אַקציעס אויפקויפן, לויט ווי די „קאָמיסיאָן באַנקאַריאַ נאַ־סיאָנאַל" האָט עס פאַרלאַנגט.

6) באַפולמעכטיקן ביי אַ נאָטאַר די יעניקע פּערזאָנען, וועלכע זאָלן קאָנען אין נאָמען פון דער באַנק צייכענען.

7) באַפולמעכטיקן צו דרוקן אַן עמיסיע פון אַקציעס

---

* יעדנפאַלס איז עס דער ערשטער, וואָס איז דאָ אין אונדזער רשות.

און קאנצעלירן די אקציעס פון דער „סאסיעדאד דע פרעסטאמא״, צוצאלנדיק פאר יעדער אקציע פון דער באנק $7.65.

8) צעשיקן צירקולארן צו אלע פאראינטערעסירטע, מיט דער באקאנטמאכונג וועגן דער עפענונג פון דער באנק״.

אגב, איז נאך אין דעם זעלבן פראטאקאל פאראן א נאטיץ, אז מען האט „געוויילט א פרעזידיום: י. בעלקינד — פרעזידענט; ס. ראזען — וויצעפרעזידענט; וואקאלן: א. גרינשטיין, ל. סוראסקי, א. גערזאן, י. לאנדוי, פ. ליסקער, מ. בוקאנץ, ע. שנעוויים, וו. דאנדיש, א. האלפערין, מ. קאץ, ל. סאסנאוויטש, ס. ווישניאק״, — דאס הייסט אז דער פריערדיקער צוזאמענשטעל איז א ביסל געענדערט געווארן.

פון די ווייטערדיקע דאקומענטן דערוויסן מיר זיך, אז די באנק האט זיך איבערגעקליבן אין א נייעם לאקאל: „עס ווערט באשטעטיקט דער קאנטראקט אויף 5 יאר אין דער גאס ווענוסטיאנא קאראנצא״ (פראטאקאל פון 5 דעצעמבער 1933).

דעם 31 אקטאבער ווערט באשטעטיקט די אפערטע פון „באנקא דע מעכיקא״ וועגן דערעפענונג פון א קרעדיט פון 125.000 פעזעס. דעמאלט ווערט אויך באשלאסן צו רעכענען פאר הלוואות 7 פראצענט א יאר, פאר דיסקאנטא — 12 פראצענט א יאר.

דעם 28 דעצעמבער 1933 באשליסט דער ראט „מיט „י.מ.ה.א.״ א נייעם אפמאך צו שליסן וועגן דער דיסקאנטירונג פון אירע דאקומענטן מיט א צינדז פון 12 פראצענט יערלעך און איר צו צאלן 3 פראצענט יערלעך פאר אלע דעפאזיטן. אויסער דעם באקומט די „י.מ.ה.א.״ א דריטל פון אלע איינקאסירטע צינדזן, אויף אירע וועקסלען״.

פון פראטאקאל פון דער זיצונג דעם 9טן מאי 1934 דערוויסן מיר זיך, אז די באנק איז געווען פארטראטן אויף דער „קאנווענסיאן באנקאריא״ אין גוואדאלאכארא מיט א דעלעגאציע.

אין איינעם פון די פראטאקאלן (10 יולי 1934) לייענען מיר, אז מע באשליסט צו קויפן אקציעס פון דער „באנקא נאסיאנאל היפאטעקאריא אורבאנא״ פאר 2500 פעזעס. אויף דער אייגענער זיצונג ווערט אויך געלייענט א בריוו פון „באנקא דע מעכיקא״, אין וועלכן זי טיילט מיט, אז זי „וועט מער נישט דיסקאנטירן די וועקסלען פון די יעניקע, וועלכע לאזן זייערע טשעקן צוריקגיין צוליב מאנגל אין דעקונג (פאלטא דע פאנדאס)״.

פון א סך ווייטערדיקע דאקומענטן זעט מען, אז פון סאמע אנ-

הייב פון איר עקזיסטענץ האָט די באַנק זיך אָפּגערופן מיט גרעסע־רע אָדער קלענערע סובווענצן — איינמאָליקע אָדער סטאַבילע — פאַר פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס. די ערשטע נאָטיץ פון דעם מין געפינען מיר אין פּראָטאָקאָל פון אַדמיניסטראַטיוון ראַט פון 25 סעפּטעמבער 1934: „מע באַשטימט אַ סובסידיע פאַרן קרן־קימת פון **300 פּעזעס**". שפּעטער קומען באַשלוסן וועגן אונטערשטיצונ־גען: פאַר דעם הילפספאַראיין (אין די דאָקומענטן ווערט ער ד'ער־מאָנט אונטערן נאָמען „בענעפיסענסיאַ איזראַעליטאַ") אין דער גרייס פון $4000 אַ יאָר; פאַרן „אָרט" — $600 (פּראָטאָקאָל פון 14 מאַי 1935); **„פאַר דער יידישער שול ווערן 25 בענק געשטיפטעט"** (געשענקט?) (12 נאָוועמבער 1935); פאַרן קרן היסוד $600 (דעם 10 מערץ 1936); אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 16 פעב־רואַר 1937 ווערט באַשטעטיקט די סובסידיע פאַרן הילפספאַראיין און עס ווערן באַשלאָסן אַ ריי אַנדערע סובווענצן: פאַר דער יידי־שער שול — $4000, פאַר יבנה — $600, מכבי — $500, א"א.

נאָך פריער האָבן מיר נאָטיצן וועגן סובסידיעס פאַר דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע, פאַרן „אָרט" ווידער אַ מאָל (אַ היפּשע סומע — 100 דאָלאַר!).

אויסער די סובווענצן פאַר יידישע אינסטיטוציעס, געפינען מיר אָפט פאַרצייכענונגען וועגן שטיצע פאַר אַלגעמיין מעקסיקאַנישע אָרגאַניזאַציעס (רויטער קרייץ א"א).

* * *

די יידישע באַנק האָט בלי ספק געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפשטייג פון יידישן ישוב אין מעקסיקע דער־מיט, וואָס זי האָט געהאָלפן אַ סך מענטשן פינאַנציעל ביים איינ־פונדעווען זיך און דערגרייכן אַ העכערע ווירטשאַפטלעכע מדרגה. דורך קלענערע און גרעסערע הלוואות, וואָס הונדערטער מיטגלי־דער־אַקציאָנערן האָבן דאָ באַקומען, האָבן זיי געהאַט אַ מעגלעכ־קייט אָנצוגיין מיט זייערע געשעפטן, פאַרגרעסערן די אונטערנע־מונגען, אַרויפאַרבעטן זיך און — פאַר אַ סך — צו עפענען זיך אַ וועג צו פאַרמעגלעכקייט.

שפּעטער איז די באַנק געוואָרן אַ רוטינע אינסטיטוציע. מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן און פינאַנץ־וועזן, מיט דעם אויפשטייג פון דער פּאָזיציע פון די יידישע געשעפטסלייט, האָט מען שוין באַקומען אַ צוטריט און אפילו אָנ־

זען אין אַנדערע, אַלגעמיינע בענק; עס זיינען אויך אויפגעקומען דערנאָך אַ פּאָר יידישע באַנק־אינסטיטוציעס, ווי פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אָבער מע דאַרף נישט פאַרגעסן, ווי איינציקע טוען דאָס, אַז די ראָל פון דער יידישער באַנק — „באַנקאָ מערקאַנטיל״ — איז געווען זייער אַ פּאָזיטיווע פאַר דעם עקאָנאָמישן וואוקס און אויפשטייג פון יידן אין מעקסיקע במשך פון לאַנגע יאָרן, ווי אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע, וואָס איז אויפגעקומען צוליב די ספּעציפישע באַדערפענישן פון יידישן סוחר און אינדוסטריעלער און זי האָט זיך באַמיט די דאָזיקע באַזונדערע נויטן און באַדערפענישן צו באַפרידיקן.

ג.

קריטישע מאָמענטן

אין דער יידישער באַנק איז עס אָבער נישט אַלע מאָל צוגע־גאַנגען אַזוי גלאַטיק. די באַנק האָט איבערגעלעבט אין פאַרשיידע־נע צייטן גענוג שווערקייטן און אויך דורכפאַלן.

דעם ערשטן פּעריאָד פון שווערקייטן האָט די באַנק דורכגע־מאַכט גלייך ביי איר אַנטשטיין. ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, האָט די באַנק איבערגענומען די אַקטיוון און פּאַסיוון פון דער פריערדיקער לייקאַסע, אין וועלכער „בני־ברית" האָט געהאַט איר אָנטייל. אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי די „בני־ברית" האָט זיך צוריקגעצויגן פון איר טעטיקייט אין מעקסיקע, האָט זי פאַרלאַנגט צוריק אירע 25.000 דאָלאַר. דערביי איז די פאָדערונג געמאַכט גע־וואָרן אַזוי צודרינגלעך און אויף אַזאַ ניט־געזעלשאַפטלעכן אופן, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אַ חוב פון אַ קאָ־לעקטיוו, נאָר פון אַ בייזוויליקן יחיד. דאָס אַרויסציען אַזאַ סומע געלט פאַר איין מאָל פון אַ באַנק, וואָס איז נאָך געווען זייער יונג און האָט געדינט די צילן פון גאַנצן ישוב, וואָלט זיך געקאָנט אָפּ־רופן זייער שלעכט אויף דער אינסטיטוציע. די טוער פון באַנק האָבן געמאַכט פאַרשיידענע באַמיונגען דעם ענין צו דערליידיקן אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן — די פאָרשטייער פון „בני־ברית" האָבן זיך פאַרעקשנט אין זייער שטעלונג, אָננעמענדיק שאַרפע מיטלען. מע האָט זיך דעמאָלט אָנ־געשטרענגט און געפונען די געהעריקע פאָנדן און אויסגעצאָלט די „בני־ברית" זייער קאַפּיטאַל. די יידישע באַנק איז געוואָרן דעמאָלט אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע פון ישוב אין פולע הונדערט פּראָצענט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט די באַנק דורכגעמאַכט נישט איין קריזיס, און נישט איין מאָל האָט מען געמיינט, אַז זי וועט אומקומען. אַרום דער באַנק זיינען אויך פאָרגעקומען געזעלשאַפט־לעכע קאַמפן, אָבער נישט זיי זיינען געווען די הויפּט־סיבה פון די קריזיסן. שוין אין די אַזוי גערופענע קריזיס־יאָרן האָט די באַנק דורכ־געמאַכט אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר צוויי גרויסע פינאַנציעלע

פארלוסטן צוליב באנקראטן פון יחידים, וואס עס האט אויפגעגעסן 40 פראצענט פון דעם קאפיטאל.

די אינסטיטוציע האט זיך אין יענער צייט (1938) א שטארקן וואקלן געגעבן. פארוואלטונגען האבן זיך געביטן צוזאמען מיט די פארוואלטערס, און עס זיינען אויפגעקומען שטימונגען בכלל צו ליק־ווידירן די באנק, וואו די אדמיניסטראציע האט, אגב, אויך אין אנ־דערע היגזיכטן אונטערגעהונקען. עס זיינען געווען זייער א סך פאר־לעגענע חובות, די אקציאנערן האבן ארויסגעוויזן א לייכטע באַ־ציונג, עס איז געפאלן דער צוטרוי, — און עס האט אויסגעזען, אז עס וועט זיגן דער געדאנק וועגן ליקווידאציע.

ארום דער פראבלעם האט זיך צעפלאקערט א קאמף. פון גע־זעלשאפטלעכן שטאנדפונקט האט מען צו דער ליקווידאציע נישט געטארט דערלאזן — דאס האבן פארשטאנען א טייל פון די טוערס און אקציאנערן. עס איז אבער נישט געווען פון די לייכטע זאכן צו פירן ווייטער די טעטיקייט פון דער באנק ביי אזא פארלוסט אין א קורצער צייט, וואס דאס האט, נאטירלעך, דערפירט דערצו, אז מע אנגעהויבן מאסנוויז צוריקציען די דעפאזיטן פון דער באנק־קאסע.

אין יענער צייט איז פארזיצער פון דער באנק־פארוואלטונג גע־ווען ה׳ גערשענזאן. אין איין שיינעם פרימארגן האט ער פאר דעם שרייבער פון די שורות אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ צוליב דער געשאפענער לאגע. ווען איך האב דעמאלט אויסגעדריקט פאר אים מיין קאטעגארישע מיינונג, אז צו דער ליקווידאציע פון דער באנק טאר מען נישט דערלאזן, האט ער מיר גלייך פארגעלייגט, אז „אויב איר און די, וואס האלטן מיט אייך, קאנט מאכן אנדערש, — איז אדרבה, פרואווט!"...

און איך האב טאקע געפרואווט — און מע האט די באנק נישט ליקווידירט.

אין דעם פראטאקאל פון דער אויסערארדנטלעכער אלגעמיינער פארזאמלונג פון די באנק־אקציאנערן, וואס איז פארגעקומען דעם 1טן אויגוסט 1938, לייענען מיר:

„(...) דער פרעזידענט ה׳ גערשענזאן טיילט מיט, אז אזוי ווי דער אדמיניסטראטיווער ראט האט נישט געארבעט, ווי גע־העריק, דאדורך, וואס זיי האבן זייער ווייניק באזוכט די זי־צונגען; אויסער דעם הערשט נישט קיין הארמאניע אין ראט; ווייטער (נעמענדיק) אין באטראכט, אז די פארלוסטן פון דער

באַנק זיינען זייער גרויסע, — דימיסיאָנירט ער און דער גאַנ־
צער ראַט. עס ווערט געוויילט אויף דעם רעשט פון יאָר 1938
אַ נייער ראַט מיט ה׳ לעאָן סוראַסקי אַלס פּרעזידענט און ל.
בעכאַר אַלס וויצעפּרעזידענט״.

נאָך היפּשע יאָרן פון שטיין אָן אַ זייט האָב איך איבערגענומען די פּרעזידענטנשאַפט פון דער באַנק, אין זייער אַ קריטישן מאָמענט פאַר איר. די אויפגאַבע איז געווען גאָר אַ שווערע, אָבער די פאַר־וואַלטונג איז אַריין אַרבעטן מיט דער איבערצייגונג, אַז פאַר קיין פאַל טאָר מען נישט אויפגעבן די אינסטיטוציע, נאָר מע דאַרף זי זען צו סאַנירן. מיר האָבן זיך גענומען ענערגיש אויפצומאָנען אַלע פאַרלעגענע חובות, אַלע אַלטע דאָקומענטן, וואָס מע האָט זיי שוין געהאַלט פאַר פאַרלוירענע. מיר האָבן איינגעשטעלט אַ שאַרפע קאָנ־טראָל פון אַלע קרעדיטן, וואָס מע גיט אַרויס: **„עס ווערט באַשטימט אַ קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון די ה״ה ל. סוראַסקי, ל. בעכאַר, אַ. וואָלפאָוויץ, וועלכע זאָל דאָס קרעדיטירן באַוואַכן; דער פאַרוואַל־טער (בערענטע) מוז מיט דער קאָמיסיע אין שטענדיקן קאָנטאַקט שטיין; צו מינדסטן 2 פון די מיטגלידער מוזן זייער צושטימונג ביים** קרעדיטירן געבן״ (פּראָטאָקאָל פון ראַט פון 1טן סעפּטעמבער 1938).

אַזוי אַרום איז דער פאַרוואַלטונג אין אַ געוויסער צייט געלונ־גען צוריק אַוועקשטעלן אויף געזונטע יסודות. ווען מיר האָבן דער־נאָך גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַקציאָנערן און אויפגעקלערט די לאַגע, האָט מען באַשלאָסן, אַז די באַנק זאָל ווייטער אָנגעהאַלטן ווערן, ווי אַ געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, און אַז צוליב די פאַר־לוסטן זאָלן מיר נישט לאָזן די באַנק און דערמיט פאַרפלעקן דעם יידישן נאָמען. די אַקציאָנערן האָבן שפּעטער אויך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אונדזערן צו דעקן דעם פאַרלוסט דורך צוצאָלן 20 פּראָ־צענט צו די אַקציעס, ווייל די אַנדערע 20 פּראָצענט האָבן מיר גע־דעקט דורך דעם איינמאָנען די אַלטע חובות.

אויף אַזאַ אופן איז פאַריבער דער שווערסטער קריזיס פאַר דער יידישער באַנק. שפּעטער איז געקומען אַ בעסערע צייט, פון וואויל־זיין און פּראָספּעריטי. אין רעזולטאַט דערפון איז אויך די באַנק פאַרפעסטיקט געוואָרן. עס האָט זיך פאַרגרעסערט איר גרונט־קאַ־פּיטאַל און אירע אומזאַצן, און ביז היינט פאַרנעמט די באַנק אַ חשוב אָרט אין יידישן ישוב.

ד.

די „שטאָטישע גמילת־חסדים־קאַסע"

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר שוין דערמאָנט אייניקע גמילת־חסדים־קאַסעס, וואָס האָבן עקזיסטירט ביי אייניקע אינסטיטוציעס אַ לענגערע אָדער אַ קירצערע צייט. דאָ ווילן מיר איבערגעבן אַ ביסל גענויער די געשיכטע פון איינער אַזאַ קאַסע, דער עיקר דערפאַר ווייל זי איז אויטענטיש געשריבן געוואָרן דורך איינעם פון אירע טוערס (און אין דעם אָריגינעלן נוסח וועלן מיר די באַשרייבונג ציטירן)* און אויך דערפאַר, וואָס זי אַנטהאַלט מער און קאָנקרעטערע פּרטים, במילא קאָן זי אונדז געבן אַ בעסערע פאָרשטעלונג וועגן דער אַרבעט פון אַט דעם מין ספּעציפיש יידישע קרעדיט־אינסטיטוציעס. אגב אורחא, ברענגט דער דאָזיקער באַריכט אויך אַרויס געוויסע טשעקאַווע פּרטים, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף אייניקע אַנדערע אינסטיטוציעס פון ישוב.

די באַשרייבונג לייענט זיך אַזוי:

„איבערקוקנדיק די פּראָטאָקאָלן פון דער „שטאָטישער גמילת־חסידים־קאַסע", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 12טן יאַנואַר 1936 אין לאָקאַל פון „נדחי־ישראל", איז צו באַמערקן צוויי זאַכן: 1) די אורזאַך פאַר וואָס עס האָט זיך געגרינדעט אַזאַ אַנשטאַלט, ווי אַ שטאָטישע יידישע „גמילת־חסד"; 2) וואָס האָט געווירקט אויף דער פאַרוואַלטונג צו פאַרלאָזן דעם לאָקאַל פון „נדחי־ישראל" און אַנגיין מיט דער אַרבעט אין אַ צווייטן פּלאַץ.

„דאָס ערשטע:

„די שטאָטישע גמ"ח־קאַסע איז נישט די ערשטע אין מעקסיקע; עס האָט פונקציאָנירט אַזאַ אַנשטאַלט ביי דעם „בני־ברית"

---

* נאַטירלעך, דאַרף מען די באַלייכטונג פון געוויסע פאַקטן פאַררעכענען אויף דער אחריות פון באַשרייבער, דעם הי מאַשינסקי (?). מיר האָבן בלויז געענדערט די אָרטאָגראַפיע און פאַרריכט עטלעכע בולטע שפּראַכלעכע גרייזן.

פון די שטאַטן, וועלכער האָט געהאַט אַן אָפּטיילונג דאָ אין מעק־סיקע. און ווען „בני־ברית" האָט פאַרלאָזט מעקסיקע, און אַנערקע־נענדיק, אַז מעקסיקע האָט שוין אַ מעגלעכקייט זעלבשטענדיק פאַר־וואַלטן מיט אירע אינסטיטוציעס, האָט זי פון דעסטוועגן געלאָזט אַ קאַפּיטאַל פון אַריבער 13 טויזנט פּעזעס אונטער אויפזיכט פון אַן אַנשטאַלט, אַ געשאַפענעם דאָ אויפן פּלאַץ*, זיי זאָלן פאַרוואַלטן מיט די איבערגעלאָזענע געלטער פאַר דעם צוועק פון אַרויסגעבן אַנפּראָצענטיקע הלוואות צו אַזעלכע, וועלכע נייטיקן זיך אין קליי־נע סומעס; אָבער צום באַדויערן, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם — די קאַסע האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן.

„אַ טייל געלט איז פאַרלוירן געגאַנגען, אַ טייל געלט איז גענוצט געוואָרן צו די צוועקן פון דער אינסטיטוציע, אונטער וועלכער די גמ"ח־קאַסע האָט זיך געפונען, און (די קאַסע) האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייטן מער צו עקזיסטירן.

„אַ טייל פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען אין דער מינדערהייט, וויסנדיק די נויטווענדיקייט פון אַזאַ אַנ־שטאַלט, אין אַ צייט וואָס דער שטראָם פון עמיגראַנטן האָט זיך געמערט, און מיט 150 פּעזעס האָט אַן אימיגראַנט געהאַט דאָס מעגלעכקייט צו פאַרדינען 3 — 4 פּעזעס אַ טאָג, וואָס האָט דע־מאָלט באַפרידיקט דעם אַנגעקומענעם צו מאַכן אַן אָרעם לעבן, — האָבן זיי געזוכט די אורזאַכן, וואָס האָבן געבראַכט דעם אַנשטאַלט צו אַזאַ שטאַנד, זיי האָבן נישט געוואָלט באַשולדיקן וועמען־עס־איז און זיינען געקומען צו אַ באַשלוס, אַז גרינגע געלטן, ווי נדן, ירושה, האָבן קיין הצלחה נישט, און אַזוי גרינג, ווי עס איז אָנ־געקומען, אַזוי גרינג זיינען זיי פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

„(האָבן זיי) גענומען אויף זיך צו גרינדן אַ גמילת־חסדים־קאַסע, אויף וועלכער מע זאָל דאַרפן אויסנוצן ענערגיע, און אַזוי האָט מען צוגעצויגן עטלעכע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען

---

* דער חסרון פון דער דאָזיקער באַשרייבונג איז דער, וואָס דער מחבר (אַ ייד, וואָס האָט, זעט אויס, זייער געהיט זיך אָנצוגרייפן וועמען־עס־איז) גיט נישט אָן קיין נעמען פון אינסטיטוציעס און אוודאי נישט פון פּער־זאָנען. במילא ווייסן מיר אויך נישט פון זיין באַריכט, ווער עס זיינען גע־ווען די גרינדער און טוערס פון דער „גמילת־חסדים־קאַסע", וואָס ער באַשרייבט.

די אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען צווישן דעם ברייטן יידישן עולם, ניט וועלנדיק באַלאַסטן מיט גרויסע סומעס, — נישט מער ווי פינף פעזעס פון אַ פּערזאָן. און ווען מע האָט צונויפגעזאַמלט די ערשטע 400 פעזעס, האָבן די פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער אויסגעליען פון איי־גענע קעשענעס אַ סומע פון 1425 פעזעס אויף אַ צייט פון 6 מאָ־נאַטן, אָן פּראָצענט. און מע איז צוגעטראָטן אַרויסגעבן הלוואות נישט מער ווי צו 100 פעזעס פאַר אַ פּערזאָן אויף אויסצוצאָלן צו 10 פעזעס וועכנטלעך.

„אינצייטיק איז מען אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט פון זאַמלען פינפערלעך. באַזונבדיק 446 פּערזאָן, איז געוואָרן 2230 פעזעס; 59 פּערזאָן האָבן פרייוויליק געגעבן 590 פעזעס; פינף פּערזאָן — צו 15 פעזעס, 1 פּערזאָן — 20, איינער — 25, איינער — 75, איינער — 150 און איינער $250. צוזאַמען איז געוואָרן, פאַרהאַרעוועט מיט שוויים, צייט און ענערגיע, די סומע פון 3.167.50 פעזעס.

„אָפּגעצאָלט די חובות, געהעכערט די הלוואות ביז 200 פעזעס, געזוכט מיטלען צו פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל: געבראַכט אַ חזן, געמאַכט 2 טעאַטער-פאָרשטעלונגען, אין לאָקאַל פון "נדחי-ישראל" איינגעאָרדענט אַ מנין אויף ימים-נוראים, — דער קאַפּיטאַל האָט זיך פאַרגרעסערט ביז 7580 פעזעס. געהעכערט די הלוואות ביז 300 פעזעס. אַ באַדייטנדע סומע האָט אַריינגעשטראָמט פון בוררים-גע־ריכטן, ווי אויך דורך אַ פּריוואַטער פּערזאָן (דאָס איז יעקב מאַר־קער). דער קאַפּיטאַל דערגרייכט ביז דער סומע 10.352 — געהע־כערט די הלוואות ביז 400 פעזעס. די לעצטע צייט האָבן זיך געפו־נען אַזעלכע, וועלכע, אָנערקענענדיק די וויכטיקייט פון דער אינס־טיטוציע, האָבן בייגעשטייערט באַדייטנדיקע סומעס. דער קאַפּיטאַל אויפן 1טן יאַנואַר 1942 האָט געשטיגן ביז 12.403 פעזעס. די הלוואות האָט מען געהעכערט ביז 500 פעזעס(...)

„ביז דעם 1טן פעברואַר 1943 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן הלוואות (אויף דער אַלגעמיינער סומע) 346.1000 פעזעס.

„די אַלע דאַטעס און ציפערן זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון די פּראָטאָקאָלן און פון די ביכער, וואָס ווערן געפירט*(...)

„פון יעדער הלוואה ווערט אַראָפּגערעכנט 50 סענט פון הונ־דערט פעזעס, אַזוי, למשל, אַז איינער נעמט 200 פעזעס, צאָלט ער

* די באַשרייבונג איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1943.

איין אין קאַסע 1 פּעזע. דאָס איז צו דעקן די אויסגאַבן, וואָס עס קומט פאַר, ווי ביכער, אַנאָנסן, דרוקזאַכן. נאָר אַזוי ווי אויסגאַבן זיינען זייער קליינע, גייט פון צייט צו צייט איבערגעבליבענע געלט פון די פופציק-סענטיקע אין קאַסע, וועלכע גייט אריין אין באַנק צוזאַמען מיט אַלע געלטער, ווי אומגעקערטע הלוואות און אויך גע־שאַנקען, און אַלע הלוואות ווערן אַרויסגעגעבן אויך דורך דער באַנק.

„וואָס אַנבאַלאַנגט די צווייטע אויבן דערמאָנטע אורזאַך*, איז דאָס פאַרגעקומען איבער אַ מיאוס-פאַרשטענדעניש, איבער איין מאַן פון דער פאַרוואַלטונג פון „נדחי־ישראל”. מיר ווילן נישט אַריינ־גיין אין איינצלהייטן פון דער זאַך, ווייל דער דערמאָנטער איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע(...)

„עס איז געווען צו באַמערקן, אַז עס איז געקומען צו אַזאַ לאַגע, אַז ווען דער בוכפירער מיט דעם קאַסיר זיינען געקומען צו דער אַרבעט, האָבן זיי געפונען דעם לאָקאַל פאַרשלאָסן. בעטנדיק ביי דעם שמש דעם שליסל, איז געווען דער ענטפער, אַז דער שליסל געפינט זיך ביי יענעם מאַן. ווענדנדיק זיך צו יענעם מאַן, האָט ער געענטפערט איראָניש, אַז ער האָט נישט דעם שליסל. און מע איז געווען געצוואונגען זיך זעצן אויף דער ערד אין קאָרידאָר מיט אַ ליכט אין דער האַנט און אָנגיין מיט דער אַרבעט.

„געפינענדיק זיך באַליידיקט פון אַזאַ באַציונג, האָבן זיי צו מאָרגנס פאַרלאָזט דעם לאָקאַל און איבערגעגאַנגען אין לאָקאַל פון דער יידישער קאַמער, וואו זי געפינט זיך ביז איצטיקן טאָג. דער־פון האָט קיינער נישט געליטן. דער רעזולטאַט איז געווען, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן נאָך אַ גמילת־חסדים־קאַסע ביי „נדחי־ישראל”.

* דאָס הייסט, דאָס אַוועקגיין פון לאָקאַל פון „נדחי־ישראל”.

קאַפּיטל זיבן

די יידישע האַנדלס־קאַמער

א.

אַלגעמיינער בליק

שוין פון די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אימיגראַציע קיין מעקסיקע האָט די מערהייט אַריבערגעקומענע יידן, וואָס האָט געשטאַמט פון מזרח-אייראָפּע, זיך פאַרנומען מיט קליינהאַנדל אָדער קליינאינדוסטריע. צוליב פאַרשיידענע סיבות, דער עיקר צוליב דעם וואָס דער לוין פאַר אַרבעט איז אין יענע יאָרן געווען זייער נידעריק, אַ סך נידעריקער פון דעם סטאַנדאַרט, וואָס איז געווען אין דער אַלטער היים (און מיר ווייסן, אַז אויך דאָרטן איז ער נישט געווען אַזוי הויך), האָבן די אימיגראַנטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַך אין די הענט, — אַרבעטער און באַלמעלאָכעס — אויך געמוזט זוכן אַנדערע, מער צאָלבאַרע באַשעפטיקונגען*. מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן זיך כמעט אַלע איינגעוואַנדערטע יידן, אויך די פאַכלייט, גענומען צום האַנדל, שפּעטער צו קליינאינדוסטריע. די שטרעבונג צו פאַרדינען בעסער איז מאָטיווירט געווען, אַ חוץ די נאָרמאַלע סיבות, אויך דערמיט, וואָס מע האָט געדאַרפט שטיצן די איבערגעלאָזענע פאַמיליעס אין דער אַלטער היים, דער דראַנג וואָס גיכער צו קאָנען זיי אַראָפּברענגען אהער און איינאָרדענען זיך מיט אַ בכבודיקער עקזיסטענץ, זיך אויסצולעבן אויך קולטורעל אויף אַ העכערן ניוואָ אד״גל.

און היות דער באָדן איז געווען אַ גינציקער, אַ צוגעפּאַסטער פאַר האַנדלס-איניציאַטיוו און אונטערנעמערישן גייסט — האָט מען זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער דאָזיקער ריכטונג. מען האָט אָנגעטראָפן אין נייעם לאַנד אויף אַ מאַנגל אין דעם פאַרמיטלער צווישן גרויסן פּראָדוצענט און דער קאָנסומענטן-מאַסע, — זיינען טאַקע דאָס רוב אימיגראַנטן, כמעט גלייך נאָך דעם אַראָפּגיין פון שיף

* אַ געוויסע ראָל האָט אויך אָפּגעשפּילט דער געזעץ, וואָס האָט באַגרענעצט די מעגלעכקייט פון באַשעפטיקונג פאַר די אימיגראַנטן, ווייל ס׳איז געווען פאַרווערט צו פאַרנעמען אַזאַ אַרבעטספּלאַץ, וועלכן ס׳האָט געקאָנט פאַרנעמען אַן איינגעבוירענער מעקסיקאַנער.

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הענדלער: פריער איז מען געווען אַן „אַבאַ־נעראַ", שפּעטער, אַז מען האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אויף אַ שטיקל קאַפּיטאַל, האָט מען געעפנט אַ קראָם, אַ קליין פאַבריקל או"וו.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז די יידישע אימיגראַציע האָט נישט געהאַט אין איר באַשטאַנד קיין סוחרישן עלעמענט נאָך פון דער היים. אַזוי, למשל, זיינען די געקומענע פון אוקראַינע און ווייסרוס־לאַנד געווען דווקא דאָס רוב פון דעם האַנדלסקלאַס, פון יענעם שיכט פאַרמיטלער און הענדלער — און טיילווייז אפילו אינדוסטריאַלן — וואָס צוליב די סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענדערונגען, וועלכע עס האָט מיט זיך געבראַכט די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זיינען זיי אַרויס־געשטויסן געוואָרן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, און זיי־נען געוואָרן עמיגראַנטן. אויך פון פּוילן און פון רומעניע האָבן עמי־גרירט קיין מעקסיקע אַ געוויסע צאָל יידישע הענדלער און גרע־סערע סוחרים, וואָס האָבן געמוזט עוקר זיין, ווייל זיי זיינען רואי־נירט געוואָרן צוליב דער אַנטיסעמיטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס האָט אין די לענדער געהערשט.

אָט די אַלע אויבן אויסגערעכנטע אומשטענדן קלערן אויף דעם פאַקט, וואָס פון לכתחילה אָן האָבן די מיטגלידער פון דעם יידישן ישוב אין מעקסיקע פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ האַנדלס־עלעמענט, און אַזאַ איז ער פאַרבליבן אויף ווייטער, מיט דער ענדערונג, וואָס שפּעטער איז אַלץ מער געוואַקסן די צאָל יידישע פּראָדוצענטן — קלענערע און גרעסערע אינדוסטריאַלן — און לעצטנס ווערט אויך אַלע מאָל באַדייטנדיקער די צאָל יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטע־ליגענץ.

אומקערנדיק זיך אָבער צו די ערשטע יאָרן, דאַרף מען פעסט־שטעלן, אַז דער כאַראַקטער פון יידישן ישוב האָט שוין פון אָנהייב אָן אַרויסגערוקט די נויטווענדיקייט פון אַן אָרגאַניזם, וואָס זאָל שטיין צו דינסט און שוץ פון דעם יידישן האַנדלסמענטש. די פון דער פרעמד געקומענע יידישע הענדלער און קליין־פּראָדוצענטן האָבן זיך גענייטיקט אין יורידישער שוץ, אין עצות, פאַרטרעטונגען, אינ־טערווענצן ביי דער האַנדלס־מאַכט און ביי אַנדערע מאַכט־אָרגאַ־נען, אין די פאַרשיידנסטע ענינים פון דערלויבענישן, שטייער־צאָ־לונגען או"וו.

אין גאָר די ערשטע יאָרן פון דער אימיגראַציע, ווען די צאָל יידן איז נאָך געווען קליין, פלעגן אָט די ענינים דערליידיקט ווערן, אָדער לכל הפּחות אויפגענומען ווערן, דורך די עקזיסטירנדיקע אָר־

גאַניזאַציעס פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, וואָס זיינען שוין דעמאָלט געווען. אָבער מיטן וואוקס פון ישוב און טאַקע מיטן וואוקס פון דער צאָל יידישע קלענערע און גרעסערע אונטערנעמונגען פון האַנדל און אינדוסטריע, — איז אויפגעקומען די נויטווענדיקייט צו האָבן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיין די רעכטלעכע פאַרמיטלערין צווישן אירע מיטגלידער און די פאַרשיידענע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס זאָל זאָרגן פאַרן כלל אין דעם זינען פון צווישן־סוחרישע באַציונגען, ווי אַן אָרגאַן צו פאַרמיידן אָדער אויסגלייכן סכסוכים, העלפנדיק אַזוי אַרום אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון די יידישע האַנדלס־אונטערנעמונגען.

און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט: כאָטש פאַרן געזעץ זיינען אַלע גלייך, וואָס שייך די נאָרמעס, וואָס רעגולירן דעם האַנדל און די אינדוסטריע אין מעקסיקע, און איטלעכער האָט געקאָנט געהערן צו דער אַלגעמיינער האַנדלס־קאַמער, — זיינען אָבער געווען ספּעציפישע אומשטענדן, אין וועלכע די ניי געקומענע יידישע געשעפטסלייט האָבן זיך געפונען (די קנאַפּע קענטעניש פון דער שפּראַך, געוויסער אומצוטרוי מצד די איינגעבוירענע אַלטע סוחרים, סכסוכים צווישן יידישע סוחרים, וואָס מע האָט נישט געוואָלט אַרויסטראָגן פאַר פרעמדע אד"גל), צוליב וועלכע מע האָט געשטרעבט צו גרינדן אַ יידישע האַנדלס־קערפּערשאַפט.

עס איז געוואָרן אַ פראַגע אויך פון פּרעסטיזש פאַר דער יידישער קאָלאָניע, אַז זי זאָל האָבן איר אייגענע האַנדלס־קאַמער, אַזוי ווי עס האָבן שוין געהאַט אַנדערע, אפילו קלענערע, קאָלאָניעס, ווי, למשל, די סירער און ליבאַנעזער. כאָטש די דאָזיקע אַראַבישע לענדער זיינען דעמאָלט נאָך נישט געווען זעלבשטענדיק, דאָך האָט זייער אימיגראַציע אין מעקסיקע אין דעם זינען זיך גוט אָרגאַניזירט.

דער דעצידירנדיקער מאָמענט איז אָבער געווען, אַז עס האָט זיך געפילט אַ נישט־גינציקע שטימונג צו יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן אין די עקזיסטירנדיקע האַנדלס־קאַמערן און אַנדערע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. אַז אַזאַ אומפריינדלעכע באַציונג זאָל זיך אַנטוויקלען, דערפאַר האָבן שוין געזאָרגט געוויסע עלעמענטן אין די האַנדלס־אינסטיטוציעס, וואו עס האָבן זיך געפונען מיטגלידער פון צווישן די אַלטע עמיגראַנטישע קאָלאָניעס, און יענע האָבן געזען אין די יידן שטאַרקע קאָנקורענטן. מיט אַ קרום אויג האָבן זיי געקוקט אויף דער דינאַמישער אַנטוויקלונג פון יידישן האַנדל און אינ־

דוסטרי און זיי האָבן געטאָן אַלץ, אַז אין די האַנדלס־קאַמערן זאָל זיך לגבי יידן איינשטעלן אַ שלעכטע באַציונג. די דאָזיקע עלע־מענטן זיינען אויך געווען די אינספּיראַטאָרן פון אַנטיסעמיטישע נאָטיצן אין די אָרטיקע צייטונגען אָדער פון אַנטי־יידישע פּאַמפלעטן, וואָס מע פלעגט אויסקלעפּן אויף די ווענט פון די מערק און אין האַנדלס־צענטער פון מעקסיקע.

די יידישע האַנדלס־קאַמער איז דעריבער געגרינדעט געוואָרן, ווי אַן אינסטיטוציע צו פאַרטיידיקן די רעכט און דעם כבוד פון יידישן סוחר, פון געבן אים יורידישע הילף, ווייל אין יענער צייט האָט זייער אַ קליינע צאָל זיך געקאָנט דערלויבן אַנצוקומען צו אַן אַדוואָקאַט. דאָס איז שוין במילא געווען פאַרבונדן מיט פאַרטיידיקונג פון יידי־שע אינטערעסן אין אַלגעמיין, וואָס פריער האָבן עס געטאָן אַנדע־רע, אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, באַזונדערס דער הילפספאַראיין.

גלייך אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די האַנדלס־קאַמער זיך אָנגעטראָפן מיט דער נויטווענדיקייט צו רעאַגירן אויף ערנסטע פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם אין ווייטע מקומות פון לאַנד. די אַרויסטריטן דאָרטן קעגן דעם הייפּעלע יידן, וואָס האָבן זיך געפֿו־נען אין די פּראָווינץ־שטעט, זיינען געווען אַ רעזולטאַט פון דער קאָנקורענץ און העצע פון אַ טייל נישט־יידישע סוחרים. אין איינ־קע פאַלן האָט דאָס אויך דערפירט דערצו, אַז די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן שיקאַנירט די יידישע סוחרים, וועלכע זיינען צוליב דעם אַרויסגעפאָרן פון די דאָזיקע שטעטלעך, אויפגעבנדיק זייערע געשעפטן. דורך ספּעציעלע שטייערן האָט מען ממש געניייט די יידישע געשעפטסלייט צו ליקווידירן זייערע אונטערנעמונגען און פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי, למשל, איז אין הערמאָסיאָ, וואו עס זיינען געווען אַרום 20 יידישע געשעפטן, אין אַ קורצער צייט נישט געבליבן קיין איי־נער.

אויך אין דער הויפּטשטאָט זיינען, ווי געזאָגט, געווען העצער קעגן דעם יידישן האַנדלס־עלעמענט, און די האַנדלס־קאַמער האָט מיט שטאָלץ פאַרטיידיקט די יידישע אינטערעסן, וואו נאָר זיי זיי־נען באַדראָט געוואָרן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פיל אינטערווענצן, מע פלעגט אין דער פּרעסע אָפּפרעגן און רעאַגירן אויף אַנטי־יידי־שע נאָטיצן, מע האָט זיך אָפּגערופן צו דער צענטראַלער מאַכט אא"וו.

די האַנדלס־קאַמער האָט דורך איר טעטיקייט געהאָלפן אַריינ־צוטראָגן מער קלאָרקייט און צו שאַפן אַ בעסערע באַציונג מצד

די אַנדערע קאָלאָניעס און מצד דער מעקסיקאַנער געזעלשאַפט בכלל צו די יידן. ביי פיל געלעגנהייטן איז די האַנדלס-קאַמער געווען פאַרטראָטן אויף די צונויפקומען פון די אַלגעמיינע האַנדלס-קרייזן און זי האָט געהאָלפן אַרויסברענגען דעם כאַראַקטער פון דעם יידי־שן ישוב, זיין ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוס־טריע אין מעקסיקע. אַזוי, למשל, בעת עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פרואוו צוצונעמען ביי דער יידישער האַנדלס-קאַמער איר סטאַטוס (אין רעזולטאַט פון אַ העצע מצד געוויסע אַנטיסעמיטישע עלעמענטן צווישן די נישט-יידישע סוחרים), איז די יידישע האַנדלס-קאַמער ביי איינער פון די יערלעכע פאַרזאַמלונג פון דער נאַציאָנאַלער האַנדלס-קאַמער מיט ווירדע אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון די יידישע רעכט, און די קעגנער זיינען געווען געצוואונגען אויפצוגעבן דעם קאַמף. אַלע האָבן געמוזט אָננעמען פאַר אַ פאַקט, אַז עס עקזיס־טירט אַ יידישער ישוב, אַז זיינע אַקטיוויטעטן זיינען אין פולן הסכם מיט די הערשנדיקע געזעצן פון לאַנד, אַז ער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דער מעקסיקאַנער פּראָדוקטיווער געזעלשאַפט.

אַזוי אַרום האָט די האַנדלס-קאַמער באַרעכטיקט איר עקזיס־טענץ, ווי אַן אינסטיטוציע פאַרן שוץ פון יידישן סוחר און אונטער־נעמער. שפּעטער איז זי געוואָרן מער אַן אינסטיטוציע פאַר יורידי־שער הילף און אויף צו נאָרמירן די באַציונגען צווישן אירע מיטגלידער גופא — אגב, אויך אַ וויכטיקע אויפגאַבע, וואָס דער ישוב האָט געדאַרפט.

אין די יאָרן 1938 און שפּעטער, ווען עס איז אויפגעקומען דער „ייד. צענטראַל-קאָמיטעט", זיינען די טעטיקייטן פון דער האַנדלס־קאַמער אויף די געביטן פון רעפּרעזענטאַנץ, פאַרטיידיקונג פון רעכט אד"גל אַריבער צו אים.

פאַרענדיקנדיק דערמיט די אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער „האַנדלס-קאַמער", וואָס האָט בלי ספק אָפּגעשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ישוב, — וועלן מיר זיך אָפּ־שטעלן אַ ביסל גענויער אויף אייניקע מאָמענט פון איר אַנטוויקלונג.

ב.

די גרינדונג פון דער האַנדלס־קאַמער — אירע ערשטע טריט

דער פּראָטאָקאָל פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג לייענט זיך אַזוי:

„פּראָטאָקאָל פון דער קאָנסטיטואירנדער פאַרזאַמלונג פון דער „קאַמאַרא דע אינדוסטריאַ אי קאָמערסיאָ דע מעכיקאָ", אָפּגעהאַלטן אין דער גאַס טאַקובאַ 15, מיט דעם דאַטום פון 24 מערץ 1931.

„דער פּאַרלויפיקער פּרעזידענט איז ה"ה באררו, סעקרע־טאַר איז כאַקאָבאָ לאַנדוי. דאָס וואָרט באַקומט ה' כאַימע ב. טאַפּעלאָוו, וועלכער באַגרינדעט די דרינגענדע נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן אַ קאַמאַרא דע קאָמערסיאָ, אום צו שטיצן און צו העלפן די יידישע עקאָנאָמיע און אינדוסטריע.

„וואָס איז שייך דער רעגירונג, מיט די רעגירונגען פון די פעדעראַלע שטאַטן און מיט ענלעכע אינסטיטוציעס אינעם לאַנד *, און איבערהויפּט מיט דעם האַנדל און אינדוסטרי פון דער מעקסיקאַנישער רעפּובליק, מיט דעם ענדציל צו פאַרפעס־טיקן און צו אַנטוויקלען דעם האַנדל און די אינדוסטרי אין מעקסיקע, און דער עיקר צווישן די מיטגלידער פון דער קאָ־לאָניע, ווי אויך צו פאַרטיידיקונג פון די אינטערעסן פון אירע מיטגלידער.

„ה' טאַפּעלאָוו באַטאָנט ווייטער, אַז ספּעציעל די יידישע קאָמערסאַנטן באַנייטיקן זיך (אין) אַן אייגענעם צענטער, וועל־כער איז דערצו באַשטימט די נייטיקע אויסקינפטע (אינפאָרמאַ־ציעס) צו געבן, פּראָפּאַגאַנדע און הילף, אינפאָרמאַציעס אי־

---

* דער פּראָטאָקאָל־שרייבער האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, פאַרגרייזט: גע־מיינט — אַז די אויפגאַבע פון דער קאַמער זאָל זיין אָנצוהאַלטן די ניי־טיקע פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַנען פון דער צענטראַלער מאַכט, ווי אויך מיט די מאַכט־אָרגאַנען פון די באַזונדערע שטאַטן.

בער די ארטיקלען, וועלכע ווערן אמייסטן אינעם לאַנד פאַר־קויפט, די בילדונג פון א רעגיסטער פון אימפּאָרטאַרן אא"וו. ווייטער: די מיטגלידער די באַטרעפנדע אויסקינפטע צו ער־טיילן בנוגע שטייערן, עצות געבן, שידסגעריכט, וועגן קרע־דיט־געווערונג (צוטיילונג), — איבערהויפּט אַלע טעטיקייטן, וואָס געהערן, אום האַנדל און אינדוסטרי צו שטאַרקן.

„די אינסטיטוציע זאָל אין איינקלאַנג פונעם געזעץ פון 13 יוני 1908 געגרינדעט ווערן.

„די אַנוועזנדע באַשליסן איינשטימיק צו באַשטימען א „מעסאַ דירעקטיוואַ", וועלכע זאָל די סטאַטוטן אויסאַרבעטן.

„עס קומען פאָר וואַלן, און עס ווערן געוועלט:

„פּרעזידענט — העגרי באַררו; וויצעפּרעזידענט — מאָי־סעס ווערלינסקי; סעקרעטאַר — כאַקאָבאָ לאַנדוי; קאַסיר — כאַימע ב. טאַפּעלאָוו; וואָקאַלן: סאַלאָמאָן דאַנדיש, מ. ר. קינג, כאָרכע גערשענזאָן.

„אין דער פאַרזאַמלונג ווערט פעסטגעזעצט, אַז דער נאָ־מען זאָל זיין: קאַמאַראַ איזראַעליטאַ דע אינדוסטריאַ אי קאָ־מערסיאָ דע מעכיקאָ".

„ווייטער ווערט דער פּרעזידענט באַאויפטראַגט זיך מיט דעם ליסענסיאַדאָ גענאַראַ גאַנזאַלעס, עפנטלעכער נאָטאַר, אין פאַרבינדונג צו שטעלן, בכדי פונעם מיניסטעריום די באַשטע־טיקונג פון די אויסגעאַרבעטע סטאַטוטן צו באַקומען.

„דעם אַקט פון דער ערשטער פאַרזאַמלונג האָבן אונטער־געצייכנט:

כ. ב. טאַפּעלאָוו, א. גערזאָן, מ. ראָזענבערג, ש. גערשענ־זאָן, מ. ווערלינסקי, י. לאַנדוי, ש. יאַנאָווסקי, א. קלעצעל, י. קאַץ, ש. בורשטיין, ה. ראָזענצווייג, מ. טעוועראָווסקי, ה. ראַ־כעס, ד. ליטוואַק, ז. גרינבערג, מ. בוקאַנץ, מ. מילשטיין, נ. מילער, ש. ליפשיץ, ד. מינדעל, ס. לאַסקי, י. גאָוועזענסקי, ש. מאַלינאָוו, י. בעזפּראָזוואַני, טשיזשיקאָווסקי, ג. האַבענשטיין און מ. בולאַיעווסקי".

* * *

די דאָזיקע 30 מענטשן (צווישן די אונטערגעשריבענע פעלן דריי: באַררו, דאַנדיש און קינג) זיינען דאָס מסתמא געווען אַלע אַנוועזנ־דיקע אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער האַנדלס־קאַמער, ווי

אויך אירע ערשטע מיטגלידער. עס זעט אָבער אויס, אַז די אידעע וועגן אַט דער אינסטיטוציע איז געווען אויף דער צייט און איז אויפגענומען געוואָרן גלייך דורך די יידישע סוחרים און אינדוס־טריעלער, ווייל זייער גיך איז געוואַקסן די צאָל פון אירע מיטגלי־דער. שפּעטער מיט אַ חודש ווערן מיר געוואָר, אַז עס האָבן זיך אין דער קאַמער אָנגעשלאָסן אַ צאָל „**שפּאַניש רעדנדיקע ספרדים, וואָס האָבן נאָמינירט** (מסתמא אַלס זייערע פאַרשטייער אין דער קאַמער) **די ה״ה י. פּענהאַס און ד. מאָנטעקיר**״. און שוין דעם 18טן מאַי פון זעלבן יאָר 1931 ווערט אויף אַן אויסעראָרדנטלעכער גע־נעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער האַנדלס־קאַמער אינפאָרמירט, אַז זי ציילט שוין 298 מיטגלידער, דערפון 170 הענדלער, 92 אינדוסטריע־לער און 36 פון דער פּראָווינץ.

אגב האָט מען אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג געוויילט אַ נייע „מעסאַ דירעקטיוואַ״, ווייל דער פריערדיקער פאָרזיצער האָט רע־זיגנירט (די סיבות ווערן אין פּראָטאָקאָל נישט אָנגעגעבן). אין דער נייער פאַרוואַלטונג זיינען אַריין: **סעם ווישניאַק** (פּרעזידענט), **א. בערעביטשעז** (סעקרעטאַר), **טאָפּעלאָוו, לאַנדוי, ליבערמאַן, גערשענ־זאָן, י. פּענהאַס, י. באַבאַני, ע. סאָקאָל.**

פון די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט איז כדאי צו דערמאָנען דעם באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף איינער פון די ערש־טע זיצונגען, דעם 28טן מערץ 1931, אַז „**די הערשנדע שפּראַך איז יידיש, און נאָר די אָפיציעלע שפּראַך איז שפּאַניש**״. דער דאָזיקער באַשלוס איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש, נעמענדיק אין אַכט, אַז צו דער קאַמער האָבן שוין דאַן געהערט אי שפּאַניש רעדנדיקע אי אַראַביש רעדנדיקע יידן: אויף דער זעלבער זיצונג, למשל, ווערט **טאַקע „באַשלאָסן צו נאָמינירן 2 ערזאַץ־מענער** (געמיינט פאַרטרע־טער) **פון דער ספרדיש־שפּאַניש רעדנדיקער קאָלאָניע און 2 פון דער אַראַביש רעדנדיקער**״.

ג.

אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם

שוין פון די ערשטע טעג ממש, זינט איר גרינדונג, האָט די יידישע האַנדלס־קאַמער געמוזט זיך שטעלן אין אַ כסדרדיקן אָנגעשטרענגטן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן די פאַרשיידענערליי פּרוּוון צו דיסקרימינירן די יידישע הענדלער, קעגן כלערליי אינספּירירטע נאָטיצן אין די צייטונגען, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו באַשמוצן און אַרונטערצורייסן דעם יידישן נאָמען אין די אויגן פון מעקסיקאַנער פּשוטן פאָלק, וואָס האָט זיך נאָך ערשט באַקענט מיטן יידישן עמיגראַנט.

אין יענער צייט (1931 — 1934 און טיילווייז שפּעטער) האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ געוויסע רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין מעקסיקע, דער עיקר די היטלעריסטיש־באַווירקטע יוגנט־גרופּעס פון די גאָלדענע העמדלעך („קאַמיסאַס דאָראַדאַס״). די דאָזיקע חברה, וואָס איז אינספּירירט און אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ ריי דורכגעפאַלענע „פּאָליטישנס״, האָט זיך געוואָלט צוריק קויפן די פּאָפּולאַריטעט ביי די מאַסן און זיי האָבן דאָס געטאָן דורך דעמאַגאָגישער נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און נישט בלויז פּראָפּאַגאַנדע. דאָס אַנטיסעמיטישע פערדל האָט דאָ, נאַטירלעך, געשפּילט די הויפּטראָליע. די דאָזיקע שוואַרצע חברה האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט בלויז מיט איר אַגיטאַציע — נישט זעלטן זיינען זיי איבערגעגאַנגען צו „מעשים״, וואָס האָבן פאַרשאַפן גענוג אומרואיקייט און משותדיקן שאָדן דעם יונגן יידישן ישוב אין מעקסיקע.

די ערשטע עטלעכע יאָרן פון דער טעטיקייט פון דער האַנדלס־קאַמער זיינען דער עיקר געווען אָפּגעגעבן אויף דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע פאָרמען: אינטערווענצן ביי פאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטאַנצן, די העכסטע איינגעשלאָסן; אויפקלערונגס־אַרבעט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן; הכחשות און אַרטיקלען אין דער פּרעסע אויף אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס קעגן יידישן הענדלער און קעגן יידן בכלל; אָרגאַניזירן די עפנטלעכע מיינונג מיט דער הילף פון פּראָגרעסיווע מעקסיקאַנער געזעלשאַפטלעכע טוערס אא״וו.

אַ סך אַרטיקלען און נאָטיצן וועגן יידן (נישט זעלטן מיט אַן אַנטיסעמיטישער איינשטעלונג) פלעגן זיך באַווייזן אין דער צייטונג „אוניווערסאַל גראַפיקאַ". איינער אַזאַ אַרטיקל, אונטערן נאָמען „שאַנטאַזש אויף אויסלענדער", האָט געמאַכט אַ באַזונדערן רושם.

אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון דער האַנדלס־קאַמער, וועלכע געפינען זיך אין אונדזער רשות, געפינט זיך ניט, צום באַדויערן, דער דערמאָנטער אַרטיקל. פון אַנדערע מאַטעריאַלן אָבער זעען מיר, אַז דער דאָזיקער אַרטיקל האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג אויך שפּעטער. אַזוי, למשל, איז אין דעם אייגענעם „אוניווערסאַל־גראַפיקאַ" געוואָרן אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון אַ לעזער, וואָס שפּיגלט אָפּ די מיינונגען פון דעם געזונטן, נישט־נאַציאָנאַליסטישן טייל פון דעם מעקסיקאַנער פאָלק. דער דאָזיקער לעזער שרייבט:

„איך בין אַ מעקסיקאַנער, אַלזאָ טראָג איך שוין נישט אויף מיר דעם פלעק „אויסלענדער". מיר זיינען, לײדער, פאַרבלענדט פון דעם שלעכט פאַרשטאַנענעם פּאַטריאָטיזם. טעגלעך געפינען מיר אין דער פּרעסע אַרטיקלען קעגן די פּרעמדע, וואָס זיינען געווען געצוואונגען דורך די שרעקלעכע עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין זייערע לענדער אויסצוּוואַנדערן כדי צו פאַרדינען דאָ אַ שטיקל ברויט. עס באַגעגנט זיי דאָ אַ בארג מיט האַס און פאָראורטיילן. אָבער לאָמיר זען ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט:

„די אַלע פּרעמדע האָבן מיט זייערע קליינע אונטערנעמונגען געבראַכט אַן אויפלעבונג אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. אָט זיינען די ביישפּילן: ווער האָט זיך פריער געקאָנט קויפן אַ קלייד פון קונסטזייד, ווער האָט געלייזט די פּראָבלעם פון טאַשנטיכלעך, זאָקן, קאָנפעקציע־קליידער, יאָ — און אפילו שיך? אַלע די זאַכן זיינען פריער אימפּאָרטירט געוואָרן, און איצט ווערן זיי דאָ פאַבריצירט אין קליינע וואַרשטאַטן, וואו די אַרבעטער זיינען מעקסיקאַנער און זיי מאַכן דערביי אַ שיין לעבן.

„מע פאַרלאַנגט פון די אויסלענדער, אַז זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט. פאַר וואָס פאַרלאַנגט מען דאָס נישט פון די אַלע בעטלערס אָדער גאַסן־פאַרקויפערס? ווייל דער פּרעמדער האָט אַ גרעסערן שאַפונגס־ווילן? פאַר וואָס טוט דאָס נישט נאָך דער מעקסיקאַנער, און ניט דורך ענגאיזם

באַלעסטיקן מענטשן, וועלכע לערנען אונדז אויס די אינדוס־טריע פון אַנדערע לענדער?"

די אַנגרייפערישע נאָטיצן אין דער פרעסע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. דעם 21טן אַפּריל האָט דער „עקסצעלסיאָר" פאַרעפנטלעכט „אַן אַטאַקע קעגן די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמער" — ווי עס איז פאַרנאָטירט געוואָרן אויף אַ זיצונג אירער. אויף דער זעלבער זיצונג האָט דער פאָרזיצער ה' באררו אינפאָרמירט וועגן אַן אַנטיסעמיטישן פלאַקאַט, וואָס איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אין דער גאַס איענדע, און ער האָט פאַרגעלייגט דעם ענין איבערצוגעבן דער פּראָקוראַטור.

אויף אַ צווייטער זיצונג (23 אַפּריל 1931) באַהאַנדלט מען אַ ווענדונג פון אַ געוויסן ה' רוסעק פון סאַנטאַ באַרבאַראַ, וואו ער קלאָגט זיך אויף אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס קומט דאָרטן פאָר, און די קאַמער ענטפערט אים, אַז מע האָט זיך שוין וועגן דעם ענין געווענדט צום גובערנאַטאָר פון דעם שטאַט מיט אַן אינטערווענץ.

די העצע קעגן די יידן האָט אָנגענומען אַלץ אַ מער אַגרעסיוון כאַראַקטער, און עס איז געקומען דערצו, אַז אַ באַנדע פון די „גאָלדענע העמדלעך" איז אין אָנהייב מאַי באַפאַלן די יידישע געשעפטן אויף די גאַסן בראַזיל און האָנדוראַס. אין דער זעלבער צייט — און אפשר זיינען די אַנטיסעמיטישע העצער דערמיט געמוטיקט געוואָרן — האָט די שטאָטישע מאַכט דורכגעפירט די אַפּרייניקונג פון דעם מאַרק „לאַגוניאַ", וואו אַ צאָל „פּועסטאָס" (ביידלעך, שטעלעס) האָבן געהערט צו יידישע הענדלער, וועמען עס האָט דעריבער געדראָט די סכנה פולשטענדיק רואינירט צו ווערן.

די האַנדלס־קאַמער פאַררופט דעמאָלט אַ פאַרברייטערטע זיצונג, מיטן אָנטייל פון געזעלשאַפטלעכע טוערס פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס (דער שרייבער פון די שורות האָט זיך אויך באַטייליקט אין אָט דער באַראַטונג), כדי צו באַטראַכטן די געשאַפענע לאַגע און די שריט, וואָס מע דאַרף אָננעמען. צווישן אַנדערע, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו ווענדן זיך מיט אַ טעלעגראַמע צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. דער טעקסט פון דער דעפּעשע זאָגט:

„מיט גרויסן רעספּעקט דערלויבן מיר זיך צו ווענדן אייער אויפמערקזאַמקייט אויף פאָלגנדיקער זאַך:

„דעם 15טן פון דעם חודש האָבן קאָמפּאַקטע גרופּעס פון די „גאָלדענע העמדער״ געפּרואווט צו באַפאַלן יידישע געשעפטן אין די גאַסן האַנדוראַס און בראַזיל. מיט געוואַלט האָבן זיי געשטערט די קונים אַרייצוגיין אין די געשעפטן און זיי האָבן שאַרף אַטאַקירט די יידן. מיר האָבן באַקומען אָנקלאַגעס פון הונדערטער יידישע סוחרים, וועלכע בעטן, מיר זאָלן אויף דעם דרינגענדסטן און שנעלסטן אופן אינטערווענירן, כדי זיי זאָלן קאָנען ווייטער פירן זייערע געשעפטן. די לאַגע איז פאַרצווייפלט און אומדערטרעגלעך, ווייל דאָס קומט פאָר אין די צענטראַלע גאַסן און אין מיטן העלן טאָג.

מיט פולן רעספּעקט —

„יידישע קאַמער פאַר אינדוסטריע און האַנדל אין מעקסיקע״

קאָפּיעס פון דער דאָזיקער טעלעגראַמע זיינען אויך געשיקט געוואָרן צו דעם צענטראַלן דעפּאַרטאַמענט, צו דער פּאָליציי־אָנפירונג, צו דעם מיניסטער פון אינערן, צום פּראָקוראָר פון פעדעראַל־דיסטריקט.

די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין מעקסיקע האָבן אַלאַרמירט די יידישע עפנטלעכע מיינונג אויף דער וועלט, און האָבן געקריגן אַן אָפּקלאַנג אין דער פּרעסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די ניו־יאָרקער יידישע צייטונג „יידישער מאָרגן־זשורנאַל״ האָט אויך צוגעשיקט דעם מעקסיקאַנער פּרעזידענט אַ טעלעגראַפישע אָנפראַגע:

„מיר וועלן שעצן אַ דערקלערונג פון אייער עקסעלענץ בנוגע די באַריכטן וועגן אונטערדריקונגען פון יידישע הענדלער, וואָס האָבן אַרויסגערופן אומרו אין די היגע יידישע קרייזן. — רעדאַקטאָר פון „יידישן מאָרגן־זשורנאַל״.

דערויף האָט דער פּרעזידענט געענטפערט דעם 14טן מאַי 1931:

„ענטפער אויף אייער טעלעגראַם פון נעכטן.
„עס ווערט נישט געפירט קיין שום קאַמפּאַניע קעגן יידן. אַ סך אויסלענדער פון פאַרשיידענע רעליגיעס האָבן געבראַכן דאָס געזעץ, וואָס דערלויבט צו פאַרקויפן אויף די מערק נאָר באַשטימטע סחורות און אויף פּלעצער לויט אַ באַשטימטער

צאָל קוואַדראַט-מעטער. זיי האָבן פאַרקויפט אַנדערע אַרטיקלען און האָבן פאַרנומען גרעסערע פּלעצער, אויף וואָס דער געהעריקער דעפּאַרטאַמענט פון שטאָט האָט רעאַגירט, פאַראָרדענענדיק, עס זאָל ווערן אויספירט די געהעריקע פאַראָרדענונגען.

פּרעזידענט — אָרטיז רוביאָ.

אין אַ וואָך אַרום קומט פאַר אַ זיצונג פון דער קאַמער, אויף וועלכער מען אינפאָרמירט, אַז אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער האַנדלס-קאַמער האָט געהאַט אַן אוידיענץ ביים שעף פון דעפּאַרטאַמענט פאַרן פעדעראַל-דיסטריקט, וועמען מען האָט פאָרגעשטעלט דעם ענין פון די הענדלער, וואָס מע האָט אַראָפּגעטריבן פון זייערע „פּועסטאָס” אין מאַרק, אויך וועגן די אומרויען אויף דער גאַס איגנעדע און וועגן די חוזק-פּלאַקאַטן. דער דעפּאַרטאַמענט-אָנפירער האָט צוגעזאָגט אויסצופאָרשן די פראַגן און געבן אַ תשובה אין גיכן.

בשייכות מיט דער נויטווענדיקייט פון כסדרדיקע אינטערווענצן אין די רעגירונגס אַמטן האָט די קאַמער איינגעזען, אַז עס איז נייטיק אַ שטענדיקער און געצאָלטער מענטש, וואָס זאָל קענען ווי געהעריק רעפּרעזענטירן די יידישע אינטערעסן. עס ווערט דעמאָלט באַשלאָסן צו אַנגאַזשירן אויף דעם אַמט דעם ה׳ ווערלינסקי, מיט אַ געהאַלט פון 500$.*

דערווייל איז אָנגעגאַנגען אין דער מעקסיקאַנער פּרעסע די פּאָלעמיק וועגן דער פראַגע פון די יידישע אימיגראַנטן. די זאַך האָט אויסגעזען, אַז די זעלביקע צייטונג האָט געדרוקט נאָטיצן פון קעגנזעצלעכן כאַראַקטער. אַזוי, האָט דער „על אוניווערסאַל” אָפּגעדרוקט דעם 4טן יוני 1931 די רעזאָלוציע, וואָס דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס האָט אָנגענומען וועגן די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין מעקסיקע און צוגעשיקט זי אין דער מעקסיקאַנער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן.** די רעזאָלוציע זאָגט:

---

* פון שפּעטערדיקע דאָקומענטן ווייסן מיר, אַז ווערלינסקי האָט בלויז אַ קורצע צייט געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן, שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט — די סיבות זיינען אין די פּראָטאָקאָלן נישט אָנגעגעבן.

** איך האַלט פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן דעם גרויסן פאַרדינסט פון דער באַקאַנטער שרייבערין און זשורנאַליסטקע פרי אַניטאַ ברענער ביים

„געוויסע נישט-טאָלעראַנטע עלעמענטן האָבן ארויסגעוויזן זייער האַס קעגן דער קליינער פרידלעכער יידישער קאָלאָניע אין מעקסיקע. די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס פאַרשפרייטן מיספאַרשטענדענישן און פאַראורזאַכן שאָדן נישט נאָר די יידן, וואָס וואוינען אין יענעם לאַנד, נאָר אויך דעם גוטן נאָמען פון דער מעקסיקאַנער רעפובליק.

„מיר דריקן אויס אונדזער גרויסן ווייטיק צוליב אָט די געשעענישן און האָפן, אַז די הויכע באַאַמטע פון דער מעקסיקאַנער רעגירונג וועלן אינטערווענירן אין דעם ענין, כדי צו שאַפן בעסערע באַציונגען צווישן אַלע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג, פאַרשפרייטנדיק גוטן ווילן און טאָלעראַנץ”.

מיט אַ חודש שפעטער, דעם 1טן יולי, לייענען מיר אין „אוניווערסאַל גראַפיקאַ”, אַז אַ דעפוטאַציע פון „היימישע” שיך-פאַבריקאַנטן האָט איבערגעגעבן דעם סובסעקרעטאַר ליס. אָקטאַוויאָ מענדאָסאַ אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן זיי באַקלאָגן זיך אויף דער קאָנקורענץ פון די **„אויסלענדישע שיך-פאַבריקאַנטן, וועלכע זיינען אַמיינסטן יידן”**. די נייע פאַבריקאַנטן, — זאָגט זיך אין דער נאָטיץ, — געפינען זיך דער עיקר אין נועוואָ לעאָן און אין סאַן-לואיס פאָטאָסי. דער מעמאָראַנדום באַטאָנט, אַז די היימישע שיך-פאַברי-

---

פאַרמיידן און ליקווידירן שאַרפע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין מעקסיקע. אין יענער צייט האָט דער טרויעריק באַרימטער דעפוטאַט לאַדראָן דע געוואַראַ געגרייט אַ גרויסע עפנטלעכע אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציע, וועלכע האָט געקאָנט זיכער ברענגען צו אומגעוואונטשענע רעזולטאַטן. די זשורנאַליסטקע אַניטאַ ברענער האָט זיך דאַן געוואָנדן צו אים, ווי אַ מיטאַרבעטערין פון די אָנגעזעענע ניו־יאָרקער צייטונגען, מיט אַ ביטע וועגן אַן אינטערוויו. דער דערמאָנטער געוואַראַ, נישט קיין גרויסער בקי אין דער וועלט־פרעסע, האָט זיך נישט געכאַפט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, און ער האָט פאַר איר אויסדערציילט אַלע זיינע אַנטיסעמיטישע געפילן און פלענער. די דאָזיקע אַלע אַרויסזאָגונגען זיינע האָבן זיך צומאָרגנס באַוויזן אין אַ ריי גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען, אָנמאַכנדיק, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסן רושם אין דער עפנטלעכער מיינונג נישט נאָר אין די שטאַטן. די מאַכט־אָרגאַנען אין מעקסיקע האָבן נאַטירלעך נישט געוואָלט פאַרשווארצן דעם נאָמען פון מעקסיקע אויף דער וועלט, און מע האָט נישט דערלאָזט צו דער געפלאַנטער אַנטיסעמיטישער מאַניפעסטאַציע.

קאַנטן „זעען זיך געצוואונגען צו פירן אַ קאַמף מיט דער קאָנקורענץ, כדי נישט זיין געניים צו שליסן זייערע פאַבריקן". זיי באַמערקן ווייטער, אַז די קאָנקורענטן גיבן אַזעלכע פרייזן, וואָס דערלויבן נישט צו עקזיסטירן, און דאָס איז מעגלעך נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס זיי אַרבעטן אין דער היים, אין קליינע ווארשטאַטן, און „צאָלן ניט קיין שטייערן". אויסער דעם באַניגענען זיי זיך מיט אַ מינימאַלן פאַרדינסט. דאַקעגן מוזן די אַלטע פאַבריקאַנטן צאָלן אַ הויכן געהאַלטן און גרויסע שטייערן.

די אַטאַקע קעגן די יידישע סוחרים און אינדוסטריאַלן איז געגאַנגען אויף אַלע פראָנטן. מע האָט אויך אַריינגעשלעפּט די אַרבעטער-סינדיקאַטן, כלומרשט צו שטעלן זיך אין שוץ פון די „אויסגענוצטע אַרבעטער".

דעם 5טן מערץ 1932 האָט דער זעלבער „אוניווערסאַל-גראַפיקאַ" פאַרעפנטלעכט דעם טעקסט פון אַ מעמאָראַנדום, וואָס די „פעדעראַציע פון אַרבעטער-סינדיקאַטן פון פעדעראַל-דיסטריקט" האָט געזאָלט איבערגעבן דער רעגירונג. דאָרט ווערט, צווישן אַנדערע, דערקלערט:

„אַ פרעמדע גרופּע, וואָס באַשטייט פון פּאָליאַקן, אַרמענער, רוסן, נוצט אויס די מעקסיקאַנישע אַרבעטער אויף אַן אוממענטשלעכן אופן. עס האַנדלט זיך וועגן פּערזאָנען, וועלכע זיינען אַרונגעקומען אין לאַנד נאָך די באַוואוסטע קאָמוניסטישע אומרוען, וואָס זיינע דאָ אַנגעפירט געוואָרן דורך אַ רוס מיטן נאָמען „לאָזאָווסקי". אָט די מענטשן האָבן דעמאָלט מיט אַ פאַרדעכטיקן קאַפּיטאַל איינגעאָרדנט שטאָף-פאַבריקן, נייווארשטאַטן, זיי קאָנטראָלירן אויך די אייזן-בראַנזשע אא"וו. זיי צאָלן אַ נישטיקן לוין דעם מעקסיקאַנער אַרבעטער, דאָס רוב באַשעפטיקן זיי פרויען און קינדער, וואָס אַרבעטן ביי שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען און מיט אַרבעטס-שעהן, וועלכע זיינען פאַרבאָטן דורכן געזעץ. אַ חוץ דעם צאָלן זיי נישט די סאָציאַלע באַשטייערונגען. אַזוי אַרום שאַפן זיי אַ גרויסע קאָנקורענץ פאַר דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע, וואָס צאָלט אַ הויכן לוין".

דער דאָזיקער „מעמאָראַנדום פון אַרבעטער", וואָס זיין טעקסט איז, ווי מע זעט, לעבעדיקערהייט אָפּגעשריבן פון דער אָנקלאַגע פון

די שיך־פֿאַבריקאַנטן, באַניגנט זיך נישט מיט אויסרעכענען די אַלע חטאים און ענדיקט פשוט מיט אַן איינפאַכער דענונציאַציע פון געווויסע „פרעמדע", וואָס האָבן נישט אַרויסגענומען זייערע לעגאַליזאַציע־דאָקומענטן, עם ווערן דערביי אָנגעגעבן זייערע פֿאַמיליעס...

אין אַ צייט אַרום דרוקט די צייטונג נאָך אַ מעמאָראַנדום, דאָס מאָל פון אַן עקס־סענאַטאָר, אַ געוויסן **אַריאַס**, וואָס באַקלאָגט זיך אויך אויף דער „פּלאָג פון די אויסלענדער, וואָס האָבן פאַרפּלייצט מעקסיקע". דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט אפילו געוואוסט, אַז די אויסלענדישע אונטערנעמונגען מאַכן אַן אומזאַץ פון 1.300.000 פּעזער אַ יאָר... חוץ די פריערדיקע פּזמונות וועגן „אויסנוצונג", קומט דער דאָזיקער געוועזענער סענאַטאָר מיט באַשולדיקונגען אויף די באַאַמטע, וואָס האָבן **„אָן שום אויסוואַל אַריינגעלאָזט עמיגראַנטן"**. ער קומט אויך מיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג, אַז אָדער מע דאַרף די פרעמדע אַרויסשיקן פון לאַנד, אָדער זיי צווינגען צו גיין אויף ערד־אַרבעט, און **„דאָס דאַרף דער רעגירונג נישט קאָסטן קיין סענט, ווייל די אויסלענדער האָבן געגוג געלט"**.

די העצע קעגן די יידישע סוחרים האָט געקריגן אַ געוויסן אָפּקלאַנג אין די רעגירונג־ספערן, ווייל דעם 10 מערץ געפינען מיר אין דער פּרעסע אַ נאָטיץ, אין וועלכער עס דערציילט זיך, אַז דער סעקרעטאַר פאַר אינדוסטריע, גענעראַל **ראָדריגעז**, זאָגט צו אויסצופאָרשן **„די אַלע פֿאַלן, וואו מעקסיקאַנישע אַרבעטער ליידן פון אויסלענדער"**. אמת, אין דער זעלבער נאָטיץ איז דאָ אַ באַמערקונג, אַז דער מיניסטער **„גלייבט נישט, אַז די דאָזיקע פאַבריקאַנטן האָבן געבראַכט שאָדן"**.

די דערמאָנטע צייטונג איז נישט געווען די איינציקע צו פירן די קאַמפּאַניע קעגן די יידישע סוחרים. אויך די צייטונג **„על נאַסיאָנאַל"** האָט אייפעריק געאַרבעט אין דער מלאכה פון באַשמוצן די יידישע אונטערנעמער, מיטן פרומען אויסרייד פון „פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער קעגן אויסנוצונג". די צייטונג האָט זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט פאַר בפירושע פעלשונגען פון באַריכטן, למשל, פון אַ פאַרזאַמלונג אין דער נאַציאָנאַלער האַנדלס קאַמער, וואָס איז אין יענע טעג פאָרגעקומען. אין איר באַריכט האָט די צייטונג דערציילט נישט געשטויגענע מעשיות, אַז אויף דער זיצונג פון דער האַנדלס־קאַמער זאָל מען האָבן כלומרשט אויפגעוויזן, אַז יידישע סוחרים פירן זייערע געשעפטן נישט אין הסכם מיט די הערשנדיקע געזעצן.

בשייכות מיט דער דאָזיקער פעלשונג האָט די יידישע האַנדלס־קאַמער אָפּגעדרוקט אין „עקסצעלסיאָר" פון 16טן מערץ 1932 די ווייטערדיקע הכחשה:

„די יידישע קאַמער פאַר האַנדל און אינדוסטריע האָט זיך מיט גרויס באַדויערן דערוואוסט וועגן די באַריכטן, וואָס זיינען דערשינען אין דער צייטונג „על נאַסיאָנאַל" — וואו, פאַרזיכערנדיק, אַז זי גיט אַ כראָניק פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער געערטער נאַציאָנאַלער האַנדלס־קאַמער פון מעקסיקע, גיט זי (די צייטונג) אָן אַ ריי נאָטיצן נישט אין איינקלאַנג מיטן אמת, וואָס באַליידיקן די מיטגלידער פון אונדזער קאַמער, וועלכע פאַרנעמען זיך דאָ אין מעקסיקע מיט אינדוסטריע און האַנדל.

„אונדזער קאַמער האַלט פאַר איר חוב אָפּצולייקענען דעם דערמאָנטן באַריכט".

ווייטער פאָדערט די יידישע האַנדלס־קאַמער אין איר בריוו, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג זאָל אָנגעבן, פון וועלכע קוועלן ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות. דערנאָך ווענדעט זיך דער בריוו עפנטלעך צום פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַלער קאַמער פון מעקסיקע, ער זאָל אָפּלייקענען די רכילותדיקע באַריכטן וועגן דער פאַרזאַמלונג, וועלכע ער האָט פּרעזידירט.

„גלייכצייטיק ווענדעט זיך אונדזער קאַמער צו דער ערלעכקייט פון אַלע דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע אָפיציעלע געזעלשאַפטן, אַזוי קאָמערציאָנעלע, ווי אינדוסטריעלע און פון אַרבעטער, וועלכע האָבן בייגעוואוינט די דערמאָנטע זיצונג, כדי זיי זאָלן עפנטלעך אויפקלערן דעם אמת, וואָס עס איז דאָרטן פאָרגעקומען, און נישט דערלויבן, אַז מע זאָל באַשמוצן אַ טייל פון דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע און האַנדל און מע זאָל שלעכט אויסטייטשן פאַקטן, פון וועלכע זיי זיינען געווען עדות".

זעט אויס אָבער, אַז די צייטונג „על נאַסיאָנאַל" האָט איר העצע נישט נאָר נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אפילו זי פאַרשאַרפט. צווישן אַנדערע, האָט זי געפירט אַ קאַמפּאַניע דערפאַר, אַז מע זאָל שאַפן

אַ מין „אויספאָרשונגס-קאָמיסיע" וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט פעסט-שטעלן די פאַלן פון „עקספּלואַטאַציע" און אַנטי-געזעצלעכע האַנד-לונגען פון די סוחרים.

די פירער פון דער יידישער האַנדלס-קאַמער זיינען געווען אויף אַזוי פיל נאַיוו צו מיינען, אַז עס גייט די דאָזיקע הערן אין אַ באמת אָביעקטיווער אויספאָרשונג, און די האַנדלס-קאַמער האָט איינגע-שטימט צו שיקן אירע פאָרשטייער אין אַזאַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויספאָרשן די איינצלנע קאָנקרעטע פאַלן, סיי בנוגע יידישע סיי נישט-יידישע סוחרים. די קאַמער איז געווען זיכער, אַז ס'וועט דער-וויזן ווערן די פולשטענדיקע גרונטלאָזיקייט פון די רכילותן. דער „על נאַסיאָנאַל" האָט, פאַרשטייט זיך, צעפּויקט דעם פאַקט, וואָס די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין איר קאָמיסיע, אינטערפּרעטירנדיק דאָס אויף איר אייגענעם שטייגער.

שפּעטער אָבער, ווען די פאָרשטייער פון דער האַנדלס-קאַמער האָבן דערזען, אַז די דערמאָנטע „קאָמיסיע" האָט לחלוטין נישט געמיינט דעם אינטערעס פון האַנדל, נאָר אויסשליסלעך צו קריגן נאָך אַ געלעגנהייט צו וואַרפן אַ חשד פון דער עפנטלעכער מיינונג אויף אַלע יידן, האָבן זיך די פאָרשטייער פון דער קאַמער באַצייטנס צוריקגעצויגן פון דער „קאָמיסיע", מיט רעכט זעענדיק אין דעם גאַנצן ענין נישט מער, ווי אַ כיטרע צוגעטראַכטע פּראָוואָקאַציע.

אין דעם בריוו פון דער יידישער האַנדלס-קאַמער, געדרוקט אין „על נאַסיאָנאַל" פון 5טן אַפּריל 1932, לייענען מיר, צווישן אַנדערע:

„ווען די צייטונג „על נאַסיאָנאַל" האָט אָנגעהויבן די קאַמ-פּאַניע קעגן די אויסנוצער פון ארבעט און נאָך דעם, ווי זי האָט פאַרעפנטלעכט קאָנקרעטע פאַלן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו מיטגלידער פון אונדזער קאַמער, — האָבן מיר זיך געווענדעט צו אייך און זיך אַנגעשלאָסן צו דער קאַמפּאַניע, מיט דעם גוטן גלויבן און ווינטשנדיק, אַז מע זאָל מאַכן אַן אָביעקטיווע אויספאָרשונג פון אַט די פאַלן, כדי מע זאָל צור-ריקציען די נישט באַרעכטיקטע באַשולדיקונגען און אויפהערן צו מאַכן אַלגעמיינע באַשולדיקונגען אויף אַ ישוב, וואָס האָט זיך שטענדיק באַמיט צו רעספּעקטירן די געזעצן פון דעם לאַנד"(...)

„נאָך דעם ווי מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די פּראָ-יעקטן, לויט וועלכע עס דאַרף פונקציאָנירן די אויספאָרשונגס-

קאָמיסיע, זיינען נישט אין הסכם מיט די פּונקטן, וואָס זיי־נען געווען געדרוקט אין אייער צייטונג פון 18טן ד"ח*, — האָט אונדזער פאָרשטייער געמאַכט קלאָרע דערקלערונגען"(...)

„דער רעזולטאַט פון דער ערשטער זיצונג פון דער דער־מאָנטער קאָמיסיע, וועלכע איז פאָרגעקומען נעכטן, ווייזט ארויס, אַז מע וויל געבן אירע אויספאָרשונגען אַ כאַראַקטער פון אַלגעמיינע אונטערזוכונגען, מיט וואָס מע גייט אין גאַנצן אַוועק פון דעם ציל, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט(...) אין דעם זינען האָט געמאַכט אייניקע באַמערקונגען אונדזער פאָר־שטייער אויף דער דערמאָנטער זיצונג, אָבער זיי זיינען בכלל נישט גענומען געוואָרן אין אַכט".

„דעריבער בעטן מיר אייך צו דערקלערן, צי די לייטונג פון „על נאַסיאָנאַל" ווינטשט זיך, אַז די אויספאָרשונגס־קאָ־מיסיע זאָל אויספירן איר אייגנטלעכע אויפגאַבן, אונטערזוכנ־דיק אויסשליסלעך די פריער אָנגעוויזענע פאַלן, וואָס שייך די אַרבעטס־באַדינגונגען, אָדער זי באַשטייט ווייטער אָנצוגיין, לויט ווי זי האָט עס לעצטנס פאָרעפנטלעכט, וואָס דאָס פאַרלעצט אונדזער ווערדע, ווי אַ לעגאַלע געזעלשאַפט, און שעדיקט די אינטערעסן פון די, וועלכע מיר רעפּרעזענטירן ,נעמענדיק** אויף זיך פונקציעס, וועלכע באַלאַנגען צו אינסטיטוציעס און פונק־ציאָנאַרן פון דער רעגירונג".

„אין דעם פאַל וועלן מיר, צום באַדויערן, נישט קאָנען זיך סאָלידאַריזירן מיט דער טעטיקייט פון דער דערמאָנטער קאָ־מיסיע און מיר וועלן זיין געצוואונגען צוריקצוציען אונדזער פאָרשטייער אין דער זעלבער"(...).

די איניציאַטאָרן פון דער העצע איז, נאַטירלעך, נישט געגאַנגען אין אויפקלערן דעם אמת, האָבן זיי נישט אָנגענומען די פאָרשלאָגן פון דער יידישער האַנדלס־קאַמער, וואָס האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, זיך צוריקגעצויגן פון דער פאָרדעכטיקער קאָמיסיע.

---

* זעט אויס, אַז פריער איז געוואָרן אָנגענומען אַן איינשטימיקער רע־גולאַמין פון דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע, און שפּעטער איז ער איינ־זייטיק געענדערט געוואָרן.

** געמיינט די געפלאַנטע קאָמיסיע פון דער צייטונג.

דער פאַקט איז אָבער, אַז די שטימונגען זיינען געווען אָנגעשטרענג־טע, אי דאָס פון ביידע צדדים. אַ ראיה האָבן מיר אין אַ מאָדנעם באַשלוס פון דער יידישער האַנדלס־קאַמער פון 8טן אַפּריל 1932: אויף דער זיצונג ווערט באַהאַנדלט אַן איינלאַדונג (פון דער אַלגע־מיינער קאַמער, מסתמא) אַנטייל צו נעמען אין דער שטענדיקער אויסשטעלונג, און די פאַרוואַלטונג באַשליסט „באַפולמעכטיקן דעם ה׳ ווערלינסקי צו ענטפערן, אַז אַזוי לאַנג ווי די קאָמפּאַניע קעגן אוני־דזער קאָלאָניע דויערט, האָבן אונדזערע סוחרים און אינדוסטריאַלן גאָר קיין חשק נישט אָנטייל צו נעמען אין וואָסער־ס׳איז אונטער־נעמונגען״.

אַז די דאָזיקע פאַרביטערונג האָט געהאַט אַ פאַקטישן גרונט, קאָנען מיר זען דערפון, וואָס די צייטונגס־העצעס האָבן אָנגעהויבן צו ווירקן אויף טייל באַאַמטע. דעם 16טן אַפּריל האָט דער „אוני־ווערסאַל־גראַפיקאַ״ געמאַלדן, אַז „פאַרשיידענע אינספּעקטאָרן איז געלונגען אויפצודעקן געהיימע וואַרשטאַטן אויף די גאַסן קאָרעאָ מאַיאָר און כעסוס מאַריאַ״. אין עטלעכע טעג שפּעטער מעלדעט די זעלבע צייטונג, אַז דער סעקרעטאַריאַט פאַר אינדוסטריע האָט פאַר־אָרדנט זיינע אינספּעקטאָרן אויסצופאָרשן, „אויב עס זיינען פאַראַנען געהיימע וואַרשטאַטן, געפירט דורך אויסלענדישע יידן״.

מע קאָן אָננעמען, אַז אין יענער צייט האָבן דאָך די אַנטיסע־מיטישע שטימונגען נישט אָנגענומען זיך ביי די ברייטע מאַסן פון מעקסיקאַנער פאָלק, און אויך די פאַראַנטוואָרטלעכע רעגירונגס־קרייזן זיינען, אין אַלגעמיין גענומען, געווען ווייט פון אַ דיסקרימי־נאַציע־פּאָליטיק לגבי די יידן.

ד.

אין אָפּווער

א געוויסע באַנייונג פון די אַנטיסעמיטישע טענדענצן לאָזט זיך פילן אין אַ יאָר אַרום, קורץ נאָך דעם זיג פון היטלערן און אי־בערנעמען די מאַכט אין דייטשלאַנד. יעדנפאַלס, האָבן די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס אין מעקסיקע אַזוי אָפּגעשאַצט די לאַגע, אַז עס איז פאַראַן אַן ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן די דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד מיטן אויפשטייג פון יידנהאַס אין דייטש־לאַנד און אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע.*

שוין אין אַפּריל 1933 איז די האַנדלס-קאַמער געצוואונגען צו אינטערווענירן ביים גענעראַל ראַפאַעל מעלגאַר לטובת די יידישע סוחרים אין מאַזאַטלאַן און לאַס מאַטשיס, לויט ווי עס דערציילט דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 25 אַפּריל 1933, האָט דער גענעראַל מעלגאַר צוגעזאָגט דער דעלעגאַציע „**אויסצואיבן זיין גאַנצן איינ־פלוס, כדי די פאַרפאָלגונגען זאָלן אויפהערן. ער וועט אויך די אָנ־געלעגנהייט מיט דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק באַשפּרעכן**".

בשייכות מיט די געשעענישן אין מאַזאַטלאַן האָט די קאַמער אויך געשיקט דעם 5טן יוני אַ טעלעגראַמע צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, ראָדריגעז.

„מיר באַציען זיך אויף אונדזער מעמאָראַנדום פון 18טן

---

* אַ געוויסע ראָליע אין דער פאַרשפּרייטונג פון יידנהאַס האָבן בלי ספק געהאַט אייניקע פון די דייטשן, וואָס האָבן געוואוינט אין מעקסיקע. עס זיינען אויך פאַרגעקומען געוויסע אינצידענטן צווישן דייטשן און יידן. אַזוי, למשל, דערמאָן איך זיך אַן אינצידענט צווישן אַ דייטשישן סוחר און דעם ה' אַלטשולער. ווען דער דייטש האָט אים ביי אַ צוויפּטרעף באַ־ליידיקט, האָט דער ה' אַלטשולער אָפּגעענטפערט און נישט בלויז מיט ווערטער. באַווייזנדיק דעם נאַציש געשטימטן יעקע, אַז ער געפינט זיך נישט אין דייטשלאַנד, נאָר אין דעם דעמאָקראַטישן מעקסיקע.

אַפּריל ד"י וועגן די פאַרפאָלגונגען קעגן יידן אין מאַזאַטלאַן און אויף אייער תשובה פון 11טן מאַי, אַז די אַנגעלעגנהייט איז איבערגעגעבן געוואָרן צום דאָרטיקן גובערנאַטאָר. נישט געקוקט דערויף גייען ווייטער אָן די פאַרפאָלגונגען, דראָונגען און באַשימפונגען דורך דער דאָרטיקער פּרעסע, און קיינער שטערט איר נישט. מיר לענקען אייער אויפמערקזאַמקייט דערויף און בעטן אייער אינטערווענץ קעגן די אומגערעכטיקייטן".

דעם אַכטן יוני איז געקומען אַ טעלעגראַפישע תשובה, אַז די דערמאָנטע פראַגע ווערט אויסגעפאָרשט, און אויך אַ צווייטע דע־פּעשע, אַז דער פּרעזידענט באַהאַנדלט דעם ענין מיט דעם גובער־נאַטאָר פון סינאַלאָאַ.

זעט אויס אָבער, אַז די האַנדלס־קאַמער האָט ענערגיש ווייטער געמאָנט שוץ פון דער רעגירונג, ווייל דעם 13טן יוני קומט נאָך אַ טעלעגראַמע, דאָס מאָל אונטערגעשריבן דורך דעם פּריוואַט־סעקרע־טאַר פון פּרעזידענט. דער דאָזיקער דאָקומענט איז זייער כאַראַק־טעריסטיש, ווען מיר אים ציטירן ווערטלעך:

„מיר באַציען זיך אויף אונדזער טעלעגראַם פון 8טן ד"ח. ווי עס אינפאָרמירט מיך דער גובערנאַטאָר פון סינאַלאָאַ: „מיין רעגירונג, אַזוי שנעל ווי זי האָט באַקומען די ידיעה וועגן דער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע אין מאַזאַטלאַן, האָט זי גלייך אַרויסגעגעבן דרינגענדיקע פאַראָרדענונגען צו דער שטאָטישער פאַרוואַלטונג, בכדי עס זאָל אויפהערן די אויפ־רופן־פּראָפּאַגאַנדע. די באַשולדיקונג פון דער קאַמער איז נישט ריכטיק, ווייל אַלע יידן אין מאַזאַטלאַן געניסן פון אַבסאָלו־טער גאַראַנטיע".

די ענערגישע שטעלונג פון דער יידישער האַנדלס־קאַמער האָט געווירקט, אַז די אַנטיסעמיטישע העצע אין מאַזאַטלאַן איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן — וועגן דעם האָבן מיר אַ באַריכט אויף דער זי־צונג פון דער קאַמער דעם 16טן יוני. אָבער די לאַגע אין אַלגעמיין איז געווען גענוג ערנסט, באַזונדערס האָבן געמאַכט אַ שווערן איינ־דרוק די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין דייטשלאַנד. בשייכות דערמיט האָט די קאַמער פאַררופן אַ פּראָטעסט־מיטינג דעם 17טן יוני 1933. לויט ווי דער באַריכט־פּראָטאָקאָל אינפאָרמירט, האָבן אין דער דאָ־

זיקער פאָלקס-פאַרזאַמלונג אַנטייל גענומען 500 פּערזאָן. עס זיינען געווען פאַרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס און פון פאַרשיידענע קהילות (ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, „נדחי-ישראל", „תפארת-ישראל", אגודת-אחים", מאָנטע-סיני", „געזעלשאַפט פון די דייטשע יידן" א"א). מיר גיבן דאָ עטלעכע פראַגמענטן פון דעם באַריכט:

„פּרעזידענט פּעוהאַס עפנט די פאַרזאַמלונג מיט דעם שטאַרקסטן פּראָטעסט קעגן די פאַרפאָלגונגען פון די דייטשע יידן. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מאָדערנעם באַרבאַריזם, אַנגעפירט דורך אַ רעגירונג. די קאַמער האָט תיכף אויפגע-פאָדערט די יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן, אַז עס איז אַ הייליקער חוב צו באָיקאָטירן אַלע סחורות פון דייטשלאַנד.

„ה' וואָרלינסקי ווייזט אויף דעם פינצטערן איינפלוס פון דייטשן אַנטיסעמיטיזם אויף דער גאַנצער וועלט און אויך דאָ אין מעקסיקע. מיר לעבן דאָ, ווי אויף אַ וואולקאַן". ער דערמאָנט, אַז לעצטנס האָט דער ליס. סאַנטשעז לירא, פּאַרזי-צער פון קאָמיטעט „פּראָ פּאָמענטאָ דע לאַ אינדוסטריאַ אי עקאָנאָמיאַ", זיך אויסגעדריקט, אַז די יידן זיינען אַ געפאַר פאַר דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע.

„הער לאַנדוי מאַכט אויפמערקזאַם, אַז די היגע דייטשן פירן דאָ אַן אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, די פאָלגן דערפון זעען מיר אין סינאַלאָאַ און אין פאַרשיידענע אַנדערע פּלע-צער".

די היטלעריסטיש-ראַסיסטישע השפעות האָבן געקריגן אַ וויר-קונג אין געוויסע קרייזן פון מעקסיקע און עס האָט זיך געשאַפן דער אַזוי גערופענער „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ", וואָס האָט אָנגעהויבן פירן אַן אויסגעלאַסענע העץ-פּראָפּאַגאַנדע, באַזונדערס קעגן יידן. די יידישע געזעלשאַפט האָט ענערגיש זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער דאָזיקער קאַמפּאַניע. בשייכות דערמיט איז כדאי צו ברענגען צוויי וויכטיקע דאָקומענטן פון יענער צייט, וואָס האָבן אַ שייכות צום אָפּ-ווער-קאַמף, וואָס די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט געפירט קעגן דעם דאָזיקן קאָמיטעט.

דער ערשטער — דאָס איז אַ צירקולאַר פון דער קאַמער צו אַלע אירע מיטגלידער, דאַטירט דעם 14טן נאָוועמבער 1933:

„אין די לעצטע טעג האָט אַ מבול פון שמוץ און זלזולים פון דעם באַוואוסטן „קאָמיטעט פראָ ראַסאַ״, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ חורבן אין די שטאָטן סינאַלאָאַ און סאָנאָראַ, — זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזערע קעפּ. זייערע פּלאַקאַטן זיינען געקלעפּט אין אַלע גאַסן מיט שמוציקע אויסרופן קעגן יידן.

„אין די דאָזיקע אויפרופן און פּלאַקאַטן ווענדן זיך די אַנטיסעמיטן צום מעקסיקאַנישן פאָלק, אַז עס זאָל „נאָכטאָן דער ביישפּיל פון די ציוויליזירטע לענדער״ און אַרויסטרייבן פון לאַנד די יידן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן, ליטווינער, סיריער און אַנדערע...

„דערביי רופן זיי צו אַן אַלגעמיינעם מאַסן־מיטינג, וואָס איז באַשטימט אויף מאָנטיק דעם 29טן ד״ח אין טעאַטער „טריאַנאָן״, וואו עס וועט ווערן אויפגעקלערט זייער „פּערל־דיקער״ פּאַטריאָטיזם און אונדזער „אומטריישאַפט״ צום לאַנד, וואָס האָט אונדז געשאָנקען גאַסטפריינדשאַפט, ווי צום ביישפּיל, אַז מיר צאָלן נישט קיין שטייערן, מיר געבן כאַבאַר, מיר עקספּלואַטירן די מעקסיקאַנער אַרבעטער, מיר פירן אַן אומלעגאַלע קאָנקורענץ מיט די סוחרים פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, און נאָך אַזוינע באַשולדיקונגען.

„דער דאָזיקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו שפּילן זיין לעצטע קאָרט אויף אונדזער רעכענונג, נאָך דעם ווי זיי זיינען דורכגעפאַלן אין דער דעפּוטאַטן־קאַמער מיט זייער פאָרשלאַג אויסצודריקן אומצוטרוי דעם גענעראַל מעלגאַר און זיין קאָמיטעט, וועלכער „פירט נישט קיין געזונטע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק״, לויט זייער מיינונג(...). דאָס אַלץ האָט זיי ווייניק וואָס געהאָלפן. עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז די אַרבעט פון דעם גענעראַל מעלגאַר איז צום גונסטן פון לאַנד, און ער איז געלויבט געוואָרן דורך דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק און דורך גענעראַל קאַיעס און דורך נאָך צענדליקער גרויסע פּאָליטיקער. די „פּאַטריאָטן״ האָבן איינגעזען, אַז אויף אַ לעגאַלן וועג קאָנען זיי גאָרנישט אויפטאָן, ווייל די רעגירונג אונטערשטיצט זיי נישט, זיינען זיי געגאַנגען נאָך ווייטער און געגרינדעט אַ קאָמיטעט אויפן אייגענעם חשבון, מיט דער מיינונג, אַז מיט דער צייט וועלן זיי קאָנען איבערציינגן וועגן זייער „טריישאַפט פאַרן לאַנד״.

„עס איז איבעריק צו שרייבן, וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן

עם קאָנען האָבן אַזעלכע אַרויסטריטן, געצילט קעגן אונדז דאָ אין דער הויפּטשטאָט, וואו עס געפינען זיך טויזנטער יידן. און וואָס קאָן שוין טאָן די פּראָווינץ, צי די צענדליקער אָדער איינציקע פאַמיליעס, וואָס געפינען זיך אין די קליינע שטעטלעך אין די פאַרשיידענע געגנטן פון דער רעפּובליק?

„מיר, יידישע אינדוסטריעלער און סוחרים, מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל רעאַגירן אויף אַן ענערגישן אופן אויף דעם אַלעמען און מאַכן אַ סוף צו אַזעלכע אַרויסטריטן קעגן אונדז אַן אַן אויפהער. די ליבעראַלע קאָנסטיטוציע פון מעקסיקע האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן עמיגראַנטן, וואָס ווילן קומען קיין מעקסיקע און אויף אַן אָרנטלעכן אופן פאַרדינען זייער ביסן ברויט. פאַר אַלעמען זיינען די טירן אָפן, אָן אונטערשייד פון נאַציע און ראַסע.

„איצט איז געקומען דער מאָמענט צו באַווייזן, אַז מיר, צוזאַמען מיט אַלע געזונטע כוחות פון לאַנד, בויען די צוקונפט פון מעקסיקע. דער לעצטער האַלבער צענדליק יאָר האָט עס קלאָר און דייטלעך באַוויזן. דעריבער איז אונדזער ווענדונג צו יעדן איינעם פון אייך צו טאָן פאָלגנדעס:

„צושיקן אַ ליסטע, אויסגעפילט מיט פאָלגנדע פראַגן:

1. נאָמען פון געשעפט.
2. וויפל אַרבעטער איר האָט, די נעמען, און וויפל יעדער פאַרדינט.
3. די ליסטעס זאָלן זיין אונטערגעשריבן דורך די באַלעבאַטים און אַרבעטער.

„דער געזאַמלטער מאַטעריאַל, וואָס וועט באַווייזן, אַז מיר באַשעפטיקן טויזנטער מעקסיקאַנער, און זייער געהאַלט איז פיל העכער, ווי אין אַ סך אַנדערע, נישט־יידישע פאַבריקן, צוזאַמען מיט אַ מעמאָראַנדום, וועט איבערגעגעבן ווערן דער רעגירונג, וועלכע — מיר האָפן — וועט אַרויסזאָגן איר מיינונג, און עס וועט אַזוי אַרום נעמען אַ סוף צו דער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט געפירט קעגן אונדז פון פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען.

„מיר בעטן אייך נישט פאַרלירן קיין צייט און אונדז באַלד צושיקן די ליסטעס לויט דער אויבן אָנגעוויזענער פאָרמע.

— מיט אַכטונג

יידישע קאַמער פאַר אינדוסטריע און האַנדל
אין מעקסיקע.

פרעזידענט — ד. פענהאַס. סעקרעטאַר — י. לאַנזשי״.

אָפּשאַצנדיק די לאַגע פאַר זייער ערנסט, האָט די קאַמער נישט געוואַרט מיט דער אינטערווענץ אויף די רעזולטאַטן פון דער פונ־אַנדערגעשיקטער אַנקעטע און עס איז אַוועק אַ דעלעגאַציע צום פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. וועגן די רעזולטאַטן פון דעם באַזוך האָט די קאַמער תיכף צו וויסן געטאָן אירע מיטגלידער:

(...) „מיר האָבן דעם כבוד צו אינפאָרמירן אייך פאָלגנ־דיקס:

„ס'איז געוואָרן דעלעגירט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די הערן ד. פענהאַס, ל. סוראַסקי און ס. ווישניאַק, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַזוכן דעם פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, איבערגעבנדיק אים אַ מעמאָראַנדום אין נאָמען פון דער יידישער קאָלאָניע, אויפווייזנדיק די אומלעגאַלע אָנפאַלן פון געוויסע פּערזאָנען אויפן יידישן ישוב אין מעקסיקע, צו־זאַמען מיט איניקע עקזעמפּלאַרן פון דער שמוציקער אַנטי־סעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין די גאַסן.

„פרייטיק דעם 17טן ד״ח, 5 אַ זייגער ביי טאָג, האָט דער פּרעזידענט, גענעראַל ראָדריגעז, אויפגענומען די דעלעגאַציע, אויסהערנדיק זייערע קלאָגעס, און האָט אויסגעדריקט זיין באַ־דויערונג צוליב דעם געשעענעם. אין קעגנטייל — דער פּרע־זידענט האָט אַרויסגעוויזן זיין סימפּאַטיע צו די יידן אין מעקסיקע, וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, געהאָלפן אַנטוויק־לען די נאַציאָנאַלע אינדוסטריע און האַנדל, באַשעפטיקנדיק אַ גרויסע צאָל מעקסיקאַנער אַרבעטער, און פאַרביליקט כמעט אַלע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, אַז עס זאָל זיין צוגענג־לעך פאַר יעדן איינעם.

„וואָס אָנבאַלאַנגט דעם „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ״, האָט דער פּרעזידענט געזאָגט, אַז דער קאָמיטעט האָט נישט קיין שום אונטערשטיצונג פון דער רעגירונג, דאָס איז אַ פּריוואַטע אונ־טערנעמונג פון עטלעכע פּערזאָן. די איצטיקע דעמאָקראַטישע רעגירונג און דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק אין אַלגעמיין וועלן

נישט דערלויבן, אַז אַ גרופּע מענטשן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פאַרשפּרייטן האַס צווישן איין טייל באַפעלקערונג קעגן דער צווייטער, אָן אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע. אַלע, וואָס אַרבעטן און רעספּעקטירן די געזעצן פון לאַנד, האָבן אַלע גאַראַנטיעס פאַר זייער לעבן און קאַפּיטאַל.

„גלייכצייטיק האָט דער פּרעזידענט געזאָגט, אַז ער וועט גלייך פאַראָרדענען, אַז די אָנגעגעבענע קלאָגעס קעגן דעם „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ" זאָלן אונטערזוכט ווערן און זען, אַז די שמוציקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער קאָלאָניע זאָל אויפהערן.

„מיר ווענדן זיך נאָך אַ מאָל צו אַלע אינדוסטריעלער און סוחרים, אַז זיי זאָלן אונדז אַריינשיקן ליסטעס פון זייער געשעפט, אויסרעכענענדיק מיט די נעמען, וויפל אַרבעטער זיי באַשעפטיקן, און וויפל ס'איז זייער פאַרדינסט. די ביינעלייגטע ליסטעס זאָלן זיין אונטערגעשריבן פון אייגנטימער און פון די אַרבעטער. מיר גלייבן, אַז איר וועט אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון דעם, וואָס מיר בעטן אייך (...)".

די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די צופרידן שטעלנדיקע רעזולטאַטן פון דער אינטערווענץ ביים פּרעזידענט און זי האָט באַשלאָסן צו מאָביליזירן אויך די עפנטלעכע מיינונג סיי די יידישע סיי אויך די נישט-יידישע, אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט. צו דעם צוועק אָרגאַניזירט די יידישע האַנדלס-קאַמער אַ גרויסן פאָלקס-מיטינג, מיט דער באַטייליקונג פון פאַרשטייער מצד פאַרשיידענע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס און מיטן אָנטייל פון אָנגעזעענע מעקסיקאַנער ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער געוויסנס-חוב צו קומען אויסדריקן זייער פּראָטעסט קעגן די ראַסיסטיש-אַנטיסעמיטישע העצעס.

אין דעם דאָזיקן מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15טן פעברואַר 1934, האָבן זיך באַטייליקט, ווי עס גיט איבער דער באַריכטס-פּראָטאָקאָל, אַריבער 600 פּערזאָן. נאָך אַ קורצער עפענונגסרעדע פון דעם פאָרזיצער פון דער יידישער האַנדלס-קאַמער, נעמט דאָס וואָרט ה' ווערלינסקי, וועלכער:

„דערקלערט אויספירלעך, אַז מיר שטייען היינט, ליידער, פאַר דעם פאַקט פון אָפענעם אַנטיסעמיטיזם אין מעקסיקע, וועל-

כער ווערט הויפּטזאַכלעך רעפּרעזענטירט דורך דעם באַרימטן „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ". מיר דאַרפֿן אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ טייל פֿון וועלט־אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ווערט אָנגעפֿירט דורכן היטלעריזם. אונדזער כוח קאָן נאָר ליגן אין אחדות, נאָר אַז מיר וועלן זיין אייניק, קאָנען מיר עפּעס אויפטאָן".

ה' ווערלינסקי טראָגט טאַקע אַריין אַ קאָנקרעטן פֿאָרשלאָג, מע זאָל אויסקלייבן אַ קאָמיטעט פֿון דריי פּערזאָן, וואָס זאָלן באַהאַנדלען די פּראָבלעם וועגן דער אייניקייט פֿון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אין מעקסיקע. דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג ווערט אויך אונטערגעשטיצט דורך דעם ה' **בעלקינד**, וואָס פֿאַרטרעט די יידישע באַנק („באַנקאָ מערקאַנטיל").

אַ צווייטער פֿאָרשלאג איז געוואָרן אַריינגעטראָגן דורך דעם פֿאָרשטייער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ה' דולצין, אַז **„מע זאָל גרינדן אַ ספּעציעלן פֿאַראיין, וואָס זאָל קעמפֿן קעגן אַנטיסעמיטיזם; אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיך אויטאָמאַטיש אָנשליסן אין דעם דערמאָנטן פֿאַראיין".**

אויף דעם מיטינג איז דאָך נישט געשאַפֿן געוואָרן קיין באַזונדערע ספּעציעלע קערפּערשאַפֿט צום קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, ס'איז נאָר באַשלאָסן געוואָרן, ווי עס זאָגט דער פּראָטאָקאָל, אַז **„די יידישע האַנדלס־קאַמער זאָל צוקאָאָפּטירן פֿאַרשיידענע פּערזאָנען, כדי צו פֿירן די אַרבעט"** (דאָס הייסט ,דעם אָפּווערקאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם).

צו די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן פֿון דעם פֿאָלקסמיטינג האָבן, בלי ספק, געהערט די אַרויסטרעטונגען פֿון צוויי מעקסיקאַנער געזעלשאַפֿטלעכע טוער — די ה"ה **פּעניאַלאָזאַ** און גענ. **ראָדריגעז.**

דער ה' פּעניאַלאָזאַ, וויצע־פּרעזידענט פֿון דער מעקסיקאַנישער געזעלשאַפֿט „אַסאָסיאַסיאָן נאַסיאָנאַל דע קאָאָפּעראַסיאָן" (נאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿט פֿאַר צוזאַמענאַרבעט) האָט דערקלערט, אַז ער **„דריקט אוים סאָלידאַריטעט מיט דער יידישער קאָלאָניע, וועלכע ווערט אויף אַן אומדערהערטן אופֿן אָנגעגריפֿן דורכן „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ"**. ער זאָגט:

„דאָס מעקסיקאַנישע פֿאָלק, זיין רעגירונג, די עפֿנטלעכע מיינונג — זיינען קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע און האַלטן זי פֿאַר

א חרפה פאַרן לאַנד. די אַרבעט פון „פּראָ ראַסאַ" איז נישט קיין פּאַטריאָטישע, נאָר אַ ריין פּערזענלעכע, וואָס ווערט באַצאָלט דורך די קאָנקורענטן פון די יידן".

דער ה' פּעניאַלאָזאַ האָט אויך דערקלערט, אַז דער „סענטראָ דע לאַ דעפּענסאַ דע לאַס עקסטראַנכעראָס" (צענטער צו פאַרטיידיקן די אויסלענדער), וואָס איז אַן אָפּטיילונג פון דער „אַסאָסיאַסיאָן דע קאָאָפּעראַסיאָן", וועט מיט אַלע כוחות באַקעמפן די פּראָפּאַגאַנדע פון „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ".

אין נאָמען פון דער מאַסאָנען-גרויסלאָזשע איז אויף דעם פאָלקס-מיטינג אַרויסגעטראָטן איר פּרעזידענט, גענעראַל ראָדריגעז. צווישן אַנדערע האָט ער אין זיין רעדע אויסגעדריקט אַנערקענונג פאַר די יידן פון מעקסיקע פאַר זייער וויכטיקער עקאָנאָמישער טעטיקייט. **„איך בין איבערצייגט, — האָט דער גענ. ראָדריגעז געזאָגט, — אַז אין דעם ענין פון דעם „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ" האַנדלט זיך נישט מער, ווי אין אַ פּאָר יחידים, וואָס נוצן אויס דעם אַנטיסעמיטיזם פאַר פּערזענלעכע צוועקן".**

צום באַדויערן אָבער, האָבן די דערמאָנטע אַנטיסעמיטישע גרופּקעס-יחידים געפירט אַ פאַרביסענע אַגיטאַציע, וואָס האָט טייל מאָל געקריגן אַ גינציקן באָדן צווישן אַ געווויסן טייל פון ווייניקער באַוואוסטזיניקן המון, פאַר וועמען עס איז געווען לייכטער פאַרצושטעלן דעם יידן, ווי דעם שולדיקן אין אַלעמען. און מיר זעען, ווי עס איז די אַנטיסעמיטישע העצער געלונגען אַריינצודרינגען צווישן אַ טייל אַרבעטער. אַזוי, למשל, דערציילט דער פּאַרזיצער פון דער האַנדלס-קאַמער אויף דער זיצונג פון 3טן אַפּריל 1934, אַז **„דער „קאָמיטע פּראָ ראַסאַ" פירט אָן אַ האַרטע און אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. זיי אָרגאַניזירן אין אַ גרויסן מאַשטאַב די סטאָליערס, שוסטערס, שניידערס, ווי אויך אַרבעטס-פּרויען, וועלכע פאַרפּלייצן די גאַסן מיט הונדערטער און טויזנטער פלוגבלעטער, מע זאָל נישט קויפן ביי יידן".**

וואָס שייך די רעגירונגס-קרייזן, קאָן מען פעסטשטעלן, אַז זיי האָבן זיך נישט געלאָזט באַווירקן דורך דער אַנטיסעמיטישער העצע, און אין פיל פאַלן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ געהעריקער פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפענישן פון די איינגעוואַנדערטע יידן. אַזוי, למשל, דערוויסן מיר זיך פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וואָס די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט אָפּגעהאַלטן דעם 27טן סעפּ-

טעמבער 1934, אַז דאָס מעקסיקאַנישע אויסערן־מיניסטעריום באַמיט זיך שטאַרק, אַז „אַלע איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס וואוינען דאָ לענגער, זאָלן זיך נאַטוראַליזירן". די קאַמער באַשליסט דאַן בייהילפיק צו זיין אַלע מיטגלידער אירע דורכצופירן די פאָרמאַליטעטן.

אויף דער זיצונג ווידער פון 8טן יאַנואַר 1935 ווערט באַשלאָסן איבערצושיקן אַ דאַנק דעם אָנפירער פון „דעפּאַרטאַמענטאָ סענטראַל" פאַר דער ענערגישער שטעלונג לגבי די איניציאַטאָרן פון אַ פּראָיעקטירטער אַנטי־יידישער מאַניפעסטאַציע, פאַרבאָטנדיק זי קאַטעגאָריש. אויף דער אייגענער זיצונג האָט מען איבערגעגעבן וועגן צאָלרייכע באַגריסונגען, וואָס די יידישע האַנדלס־קאַמער האָט באַקומען פון „הויכע באַאַמטע פון דער רעגירונג און אויך פון פאַרשיידענע אַנדערע קאַמערס" בשייכות מיטן נייעם יאָר.

אָפּשאַצנדיק לויט דער טעטיקייט פון דער יידישער האַנדלס־קאַמער, וועלכע איז אָפּגעשפּיגלט אין אירע פּראָטאָקאָלן, קאָן מען קומען צום אויספיר, אַז די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען און מאַניפעסטאַציעס זיינען שוואַכער געוואָרן, אָנהייבנדיק פון דעם מיטן פון 1934טן יאָר. יעדן פאַלס געפינען מיר נישט אַזוי פיל ידיעות וועגן אינטערווענצן פון דער קאַמער אין די ענינים. מע זעט, אַז די קאַמער האָט זיך אין משך פון די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר מער געווידמעט די אַזוי גערופענע אינערלעכע ענינים, דאָס הייסט, פאַרשיידענע בוררים־געריכטן, קרעדיט־פראַגן, אָנטייל אין פאַרשיידענע אויסשטעלונגען פון האַנדל און אינדוסטרי און אַנדערע פּראָבלעמען לטובת דעם יידישן געשעפטסמאַן.

דאָס הייסט נישט, אַז די אַנטיסעמיטן זיינען בכלל אַנטשוויגן געוואָרן. פון צייט צו צייט לאָזן זיי זיך הערן אויף פאַרשיידענע, טייל מאָל גאַר שפּירעוודיקע אופנים, דער עיקר אויף דער פּראָווינץ, און די יידישע האַנדלס־קאַמער איז געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען מיט דעם, באַמיענדיק זיך, אין אירע מעגלעכקייטן, צו העלפן.

אייניקע פון די דאָזיקע פאַלן קריגן אין די פּראָטאָקאָלן פון דער קאַמער אַ ברייטערע אָפּשפּיגלונג. אַ שווערן איינדרוק האָט געמאַכט אין דער יידישער קאָלאָניע, און אוודאי שוין אין די קרייזן פון דער האַנדלס־קאַמער, דער אָנפאַל פון אַ גרופּע אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אויף דעם פּרעזידענט פון דער קאַמער, ה' לאַנדוי. מע האָט אָפּגעהאַלטן עטלעכע ספּעציעלע זיצונגען וועגן דעם, ווי אַזוי צו רעאַגירן אויף דעם אָנפאַל. אין דעם פּראָטאָקאָל פון 17טן סעפּטעמבער

1935 ווערט דערציילט, אַז, צווישן אַנדערע מאָסמיטלען, האָט מען „געשיקט מעמאָראַנדומס צו דער פּראָקוראַטור, צו דער פעדעראַציע פון די קאַמערס און צום דעפּאַרטאַמענטאָ סענטראַל(...) אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון ה׳ ווערלינסקי און ל. סוראַסקי האָט אויך באַזוכט דעם דעפּאַרטאַמענטאָ סענטראַל און דעם פּראָקוראָר, וועלכער האָט צוגעזאָגט זיין פולע מיטהילף".

פון די פּראָטאָקאָלן פון דעם פעריאָד דערוויסן מיר זיך אויך, אַז די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט אינטערווענירט מיט מער אָדער ווייניקער דערפאָלג ביי די געהעריקע מאַכט-אָרגאַנען וועגן אַנטי יידישע דיסקרימינאַציעס אָדער אַרויסטרעטונגען אין פּראָווינץ-ערטער: פּרעסניאַ, זאַקאַטעקאַס, מאָרעליאַ, סאַן לואיס פּאָטאָסי, פּועבלאַ, נועוואַ ראָסיטאַ א״א.

ה.

ערב דער וועלט-מלחמה

ווען אין די לעצטע יאָרן ערב דער וועלט-מלחמה האָבן זיך ווי־דער באַוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן, הגם אין אַנדערע און אויך שוואַכערע פאָרמעס, האָט שוין די יידישע האַנדלס-קאַמער זיך נישט געפילט באַרופן און ביכולת אַנצופירן, ווי ביז דעמאָלט, דעם אָפּ־ווערקאַמף און עס זיינען דאָן רייף געוואָרן, אויך אין די קרייזן פון דער קאַמער, די מיינונגען, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן דערצו — און אויך צוליב אַנדערע אַלגעמיין יידישע אויפגאַבן — אַ צענטראַ־לע יידישע קערפּערשאַפט. און אַזאַ איז טאַקע בקרוב געשאַפן גע־וואָרן — דאָס איז דער „יידישער צענטראַל-קאָמיטעט".

גלייך ווי עס איז געשאַפן געוואָרן דער „צענטראַל-קאָמיטעט", האָט די יידישע האַנדלס-קאַמער ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים, באַזונדערס טאַקע אין די ענינים פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם; אַלס ערשטער פאָרשטייער פון דער קאַמער צום צענטראַל-קאָמיטעט ווערט באַשטימט דער דעמאָלטיקער פּאָרזיצער, ה' ליטוואַק (פּראָ־טאָקאָל פון 18טן פעברואַר 1938). נאָך מער — עס קומען אפילו אויף אין אייניקע קרייזן פון דער האַנדלס-קאַמער פּראָיעקטן, אַז די קאַמער דאַרף זיך איצט אויפלייזן, ווייל דער „צענטראַל-קאָמי־טעט" טוט שוין די אַרבעט, וואָס איז פריער געווען די עיקר-טע־טיקייט פון דער קאַמער.

שוין אויף דער זיצונג פון 4טן נאָוועמבער ווערט אַריינגעטראָגן דורך דעם ה' לאַנדוי אַ פאָרמעלער פאָרשלאַג, אַז **„די קאַמער זאָל זיך אויפלייזן, ווייל עס גרינדעט זיך אַ צענטראַל-קאָמיטעט, וועמעס אויפגאַבן זיינען די זעלבע, ווי פון דער קאַמער, און אַז אַלע מיט־גלידער זאָלן איבערגיין צו דעם דאָזיקן קאָמיטעט".**

אמת, אויף אָט דער זיצונג האָט מען זיך נישט דעצידירט אויף אָט דעם איילינקן שריט און מע האָט אָנגענומען אַ פּאָרזיכטיקן באַ־שלוס אָפּצוּוואַרטן מיט דעם ענין אויפלייזן, ביז דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט אָנהייבן זיין טעטיקייט, באַשליסנדיק דערווייל אָנ־צושליסן זיך אין דער פּלאַנירטער צענטראַלער קערפּערשאַפט פון די

יידן אין מעקסיקע און דעלעגירן אהין פאַרשטייער פון דער האַנדלס-קאַמער. אָבער במשך פון אַ לענגערער צייט האָט מען זיך אָפּט ווידער אומגעקערט צו דער אידעע וועגן אויפלייזונג. דאָס איז אפשר געווען דערפאַר, ווייל אין יענעם פעריאָד (סוף 1938 און במשך פון 1939) האָט זיך געמערקט אַ געוויסע אָפּשוואַכונג אין דער טעטי-קייט פון דער האַנדלס-קאַמער און אַ קענטיקע גלייכגילטיקייט מצד דעם רוב מיטגלידער צו דער אינסטיטוציע. מיר זעען דאָס אין דעם, וואָס עס קומען אפילו פאַר ווייניק זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג אין יענער צייט; פון די פּראָטאָקאָלן ווערן מיר געוואָר, אַז עס זיי-נען נישט צושטאַנד געקומען עטלעכע מאָל די צונויפגערופענע אַל-געמיינע פאַרזאַמלונגען צוליב דער מינימאַלער צאָל געקומענע. אויך אין יאָר 1940 מערקן מיר די אייגענע דערשיינונג. אַזוי, למשל, האָט מען אויף דער זיצונג פון 21טן פעברואַר 1940 אָנגענומען אַזאַ מין באַשלוס:

„צוליב דעם, וואָס מע האָט שוין צום צווייטן מאָל גערופן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער די מיטגלידער ווייזן נישט אַרויס קיין שום אינטערעס, ווערט באַשטימט צו שאַפן אַ רעאָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע, וועלכע זאָל רופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער, אויף וועלכער עס זאָל באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער קאַמער".

אַזאַ פאַרזאַמלונג איז טאַקע בקרוב (דעם 21טן פעברואַר) פאָר-געקומען. לײַדער איז אין באַריכט נישטאָ קיין פרטים, צי מע האָט אויף דער דאָזיקער אסיפה דיסקוטירט אין תוך די אויפגאַבן און מעגלעכקייטן פון דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער קאַמער, עס איז אויך נישט אָנגעגעבן צי עס זיינען דאָרט געווען אַ סך אָנ-וועזנדיקע. די ידיעות באַגרענעצן זיך צום אָנגעבן דעם באַשטאַנד פון דער נייַ אויסגעוויילטער פאַרוואַלטונג אין וועלכער עס זיינען געקליבן געוואָרן: **י. לאַנדוי, א. טיקטין, מ. מייזנער, ע. פּאָדגאַיעץ, ד. ליטוואַק, מ. שבת, י. בער, י. שטאַרק, י. מאַלאַמוד א"א. אַלס פּרע-**זידענט פון דער קאַמער איז דערנאָך געוויילט געוואָרן ה' **ד. ליטוואַק.**

די פּראָטאָקאָלן פון דעם ווייטערדיקן פעריאָד זיינען זעלטענע און מאָגערע, וואָס גיבן נישט קיין מעגלעכקייט צו קריגן אַ גענוי בילד פון די טעטיקייטן פון דער קאַמער. די פאַראַנענע באַריכטן זאָגן עדות, אַז זי האָט זיך מער פאַרנומען מיט אינערלעך-קאָמערציאָנעלע ענינים, דער עיקר מיט אַרביטראַזש-פראַגן.

צום סוף פון יאָר 1941 האָט די האַנדלס-קאַמער דורכגעפירט אַ רעאָרגאַניזאַציע, וואָס איז געקומען אַלס פועל-יוצא פון דעם נייעם געזעץ וועגן די קאַמערן, וואָס איז אין יענער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער רעגירונג, און די יידישע האַנדלס-קאַמער האָט זיך דערצו געמוזט צופּאַסן און אויף דאָס נײַ זיך לעגאַליזירן אין הסכם מיט די נייע באַשטימונגען.

ז.

צו הילף דעם יידישן סוחר

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער טעטיקייט פון דער האַנדלס־קאַמער אויף דעם געביט פון קאַמף קעגן אַנטיסעמי־טיזם, ווייל דאָס איז אַ מער בולטע אַרבעט, און זי האָט טאַקע פאַר־נומען אין די ערשטע — פאַר דער געשטאַלטיקונג פון ישוב וויכ־טיקסטע — יאָרן אַן אַנגעזעען אָרט. אגב, שפּיגלט אָפּ די דאָזיקע טעטיקייט אויף אַן אומדירעקטן אופן די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישן פון יענער צייט, אַנדערע ווי די, אין וועלכע עס לעבן זיך אוים די יידן פון מעקסיקע היינט צו טאָג.

אויך מיט אירע איבעריקע אַקטיוויטעטן (וועלכע זיינען, צום באַדויערן, ווינציקער אָפּגעשפּיגלט אין די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געקריגן צו אונדזער רשות) האָט די יידישע האַנדלס־קאַמער זיך פאַרדינט גוט פאַר דעם יידישן ישוב אין מעקסיקע. גענוג בלויז צו דערמאָנען, אַז די יידישע האַנדלס־קאַמער האָט אין געוויסע צייטן, באַזונדערס אין ערשטן פּעריאָד פון איר אַרבעט, אַרומגענומען אַ מיטגלידערשאַפט פון 400 — 500 מיטגלידער, וועלכע האָבן אין איר געפילט זייער רעפּרעזענטאַנץ. די קאַמער האָט באַדינט די יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער מיט יורידישער הילף אין פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אַפילו אין אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין שייכות די־רעקט מיט געשעפטס־ענינים (מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט די פאַלן פון העלפן ביים דורכפירן די נאַטוראַליזאַציע־פאָרמאַליטעטן; פון אַנדערע דאָקומענטן ווייסן מיר, אַז ביי דער קאַמער האָט אַ געוויסע צייט אויך עקזיסטירט אַן אימיגראַציע־ביוראָ, וואָס האָט געגעבן הילף ביים אַראָפּברענגען משפחה־מיטגלידער, ביים קריגן די לעגאַליזאַציע־דאָקומענטן א״א).

די יידישע האַנדלס־קאַמער האָט געגעבן אירע מיטגלידער עצות און אינפאָרמאַציעס וועגן ענינים פון אימפּאָרט און עקספּאָרט, וועגן קרעדיט־פראַגן, ביים שליסן קאָנטראַקטן אד״גל. פון די פּראָטאָקאָלן פון דער קאַמער ווייסן מיר, אַז זי האָט זיך אַ סך מאָל פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער אַנטייל צו

נעמען אין פאַרשיידענע שטאַט- און לאַנד-אויסשטעלונגען און אַזוי אַרום געהאָלפן דעם יידישן אונטערנעמער אַרויסצוקומען אויף אַ ברייטערער אַרענע.

דאָס אַלץ באַווייזט, אַז די יידישע האַנדלס-קאַמער ((וואָס איז נאָך טעטיק ביז איצט, הגם אין פיל שמעלערע ראַמען) געהערט צו יענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן פּאָזיטיוו בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין מעקסיקע.

קאַפּיטל אַכט

צענטראַלע יידישע קערפּערשאַפטן

א.

דער פרואוו פון דער פעדעראַציע

אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן איז שוין דער יידישער ישוב אין מעקסיקע געווען אַ יש. עס האָבן זיך שוין דעמאָלט געפונען אין לאַנד אַ פּאָר טויזנט יידישע משפחות, בערך צען טויזנט נפשות. די אימיגראַציע אין מעקסיקע איז טאַקע געוואָרן וואָס אַ מאָל באַגרענעצטער און שווערער — עס איז שוין נישט געווען גענוג קיין צופעליקע לאַנדונגען, נאָר מע האָט שוין געמוזט האָבן אַרויספּאַדערונגס־פּאַפּירן, כדי צו קאָנען אַראָפּברענגען עמעצן אין לאַנד אַריין. פון דעסטוועגן פלעגן דאָך איטלעכס יאָר אַריינקומען שיינע עטלעכע הונדערט נייע יידישע אימיגראַנטן.

די באַשעפטיקונג מיט פּעדלעריי איז געוואָרן אַלע מאָל זעלטענער און האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרשווינדן בכלל. יידן־אַבאָנערן זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער און די, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביי דער פּרנסה, האָבן שוין געאַרבעט אויף אַ גרעסערן פאַרנעם — מיט אָנגעשטעלטע און אינקאַסענטן. אין די פּראָווינץ־שטעט זיינען געווען אַוועק עטלעכע הונדערט יידישע יונגעלייט, ווי אַבאָנערן, און זיי האָבן זיך דאָרט אויך — ווער בעסער און ווער שוואַכער — איינגעאָרדנט ביי געשעפטן פון פאַרשיידענע צווייגן. עס האָבן זיך אַזוי אַרום אויסגעבילדעט קליינע יידישע ישובים אין מאָנטעריי, גואַדאַלאַכאַראַ, פּועבלאַ, סאַן־לואיס פּאָטאָסי, טאַמפּיקאָ, וועראַקרוז, קוערנאַוואַקאַ. איינצלנע אָדער צענדליקער יידן זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן אין קלענערע שטעטלעך, נאָענט צו דער הויפּטשטאָט. אויך אין דער וויטער פּראָווינץ האָבן זיך אַ סך יידן אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש, אפילו צו פאַרמעגלעכקייט.

דער הויפּט־ישוב איז אָבער פאָרט געשאַפן געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט — דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די יידישע אימיגראַנטן, דאָ האָט זיך געשטאַלטיקט אַן אָרגאַניזירט יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן.

עס זיינען אויפגעקומען פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס; עס האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט פּאַרטיי־גרופּעס פון

כלערליי ריכטונגען; עס איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער קאַמף צווישן רעכטע און לינקע, — מיט איין וואָרט, עס איז אַהער אַריבערגע־טראָגן געוואָרן די גאַנצע הייסע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער פון דער אַלטער היים, מיט אַלע אירע גוטע און שלעכטע זײַטן, הגם די פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיינען אין מעקסיקע געווען לגמרי אַנדערע, ווי אין מזרח-איראָפּע.

אַ סך פון די אויפקומענדיקע יידישע אינסטיטוציעס האָבן אָפּט מאָל געטאָן די אייגענע אָדער ענלעכע אַרבעט. פון דער צווייטער זייט, האָט די צו גרויסע צעשפּליטערטקייט פון די באַזונדערע טע־טיקייטן נישט געקאָנט האָבן קיין מזל-ברכה, אַפּשוואַכנדיק אין סך־הכל דעם עפעקט פון די אויפטוען פאַר דעם ישוב אַלס גאַנצן. ווי־דער זיינען געווען געוויסע אויפגאַבן און פּראָבלעמען, וואָס זיינען געווען איבער די כוחות פון וועלכער-עס-איז באַזונדערער געזעל־שאַפט. האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן פאַראייניקן אָדער, לכל הפחות, קאָאָרדינירן די טעטיקייטן. עס איז אויפגעקומען דער גע־דאַנק צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון אַלע געזעלשאַפטן און אינסטי־טוציעס, וואָס זאָל פאַרבינדן אַלעמען און בייקומען די צעברעקלונג אויף גרופּקעס און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קריכן איינע די אַנדערע אין וועג, אָדער באַקעמפן זיך אפילו.

שוין דעמאָלט איז געוואָרן אַ רייד וועגן שאַפן אַ קהילה, און דער שרייבער פון די שורות האָט טאַקע פאַרעפנטלעכט וועגן דעם ענין אַן אַרטיקל אין דער ציַיטונג „דער וועג", וואָס איז שוין דאַן דער־שינען. אויך אַנדערע כלל-טוערס האָבן דערפון געשריבן אין אַ פּאָ־לעמיק, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „וועג" האָט אַרויסגערופן בשיי־כות מיט דער פּראָבלעם. מיין מיינונג איז געווען, אַז אַזאַ קערפּער־שאַפט איז נייטיק, חוץ אַנדערע מאָטיוון, אויך צוליב דעם, וואָס מע דאַרף האָבן אַן אויטאָריטעטע אינסטאַנץ, וואָס זאָל רעפּרעזענ־טירן דעם ישוב כלפּי-חוץ, ווייל פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן רעדן, וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף נישט, אין נאָ־מען פון אַלע יידן פון מעקסיקע. עס האָט זיך אין דעם זינען גע־שאַפן דעמאָלט בפירוש אַ כאַאָס, און עס איז פון אַלע שטאַנדפּונקטן געווען געוואונטשן אַריינצוברענגען אַן אָרדענונג אין דער פראַגע. אַ צענטראַלע פאַרטרעטערשאַפט פון ישוב וואָלט עס געקאָנט טאָן מיט גרויס דערפאָלג.

אַ לענגערע צייט האָט מען אין די קרייזן פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטן אַרומגערעדט דעם ענין און אין רעזולטאַט פון די דאָ־

זיקע שמועסן איז דערנאָך צונויפגערופן געוואָרן א באַראַטונג פון יידישע כלל-טוער, פאַרטרעטער פון אַלערליי אינסטיטוציעס און אָר־גאַניזאַציעס. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז געפאַלן א באַשלוס צו שאַפן א קאָמיטעט, וואָס זאָל אויסאַרבעטן די סטאַטוטן און צו־גרייטן די גרינדונג פון א „פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן אין מעקסיקע".

די הויפט-הנחה ביי דער אָרגאַניזירונג פון דער דערמאָנטער פאַראייניקונג איז געווען, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע, וואָס וועט אריינ־גיין אין באַשטאַנד פון דער פעדעראַציע, זאָל קאָנען אָנהאַלטן איר אויטאָנאָמיע. די פעדעראַציע אַלס גאַנצע זאָל באַשטיין פון פאַר־שטייער פון אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און בילדן א מין אייבער־קערפּערשאַפט, וואָס זאָל שאַפן אַן אַלגעמיינעם בודזשעט פאַר די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, צוטיילן יעדער באַזונדערער אינסטי־טוציע איר בודזשעט, זען קאָאָרדינירן די אַרבעט פון די געזעל־שאַפטן, וואו נאָר ס'איז מעגלעך, און אויך פאַרשטעלן מיט זיך די אָפיציעלע רעפּרעזענטאַנץ פון יידישן ישוב כלפּי-חוץ.

אויף דער אָרגאַניזירונג פון אָט דער קערפּערשאַפט-פעדעראַציע האָט מען געאַרבעט לאַנגע חדשים; מע האָט שוין אפילו געהאַט אויסגעאַרבעט סטאַטוטן (וואָס זיינען, אגב, שפּעטער פאַרלוירן גע־גאַנגען). מע האָט שוין אויך אָנגעהויבן טאָן די אָנגעצייכנטע אַר־בעט. עס זיינען אָבער אונטערגעקומען שטערונגען און קאַמפן אַרום דער „פעדעראַציע", וועלכע האָבן נישט דערלאָזט, אַז דער נוצלע־כער פּלאַן זאָל פאַרווירקלעכט ווערן. די שטערונגען זיינען געווען פון צוויי מינים, און ס'איז כדאי אויף זיי זיך אָפּצושטעלן.

צו ערשט האָבן די פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע (וואָס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט) דערקלערט, אַז זיי ציען זיך צוריק פון דער פעדעראַציע, און זייער אָרגאַניזאַציע וועט ווײי־טער נישט שיקן קיין פאַרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פעדעראַציע. עס איז זיי געגאַנגען אין אייגענעם פּרעסטיזש — גע־וויסע אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער פרי אָנגעהויבן פּרעטענדירן צו זיין אַליין די רעפּרעזענטאַנטן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע.

אויך „נדחי-ישראל" האָט געהאַט די זעלבע השגות און מאָטיוון פאַר אַן אָבסטרוקציע צו דער פעדעראַציע, פאַרמעסטנדיק זיך שוין דעמאָלט צו ווערן די איינציקע קהילה. און היות ווי צו יענער צייט האָט שוין „נדחי-ישראל" געהאַט אין איר רשות דעם בית-עולם, האָט זי שוין זיך געפילט בכוח נישט צו דערלאָזן, אַז אַן אַנדער

אָרגאַניזאַציע זאָל האָבן דעם גרעסטן אויטאָריטעט אין ישוב.

די צוויי דערמאָנטע סיבות אַליין זיינען שוין געווען אַ גענייגנדיקע מניעה צו קאָנסאָלידירן די „פעדעראַציע". איז אָבער אונטערגעקומען נאָך אַ מאָמענט, אַ דאַנק וועלכן די „פעדעראַציע"" האָט זיך אַריינגעוויקלט אין אַן עפנטלעכן קאַמף, און דאָס האָט צוגענומען אַ סך ענערגיע, וואָס מע האָט געדאַרפט פאַרווענדן אויף וויכטיקערע צוועקן.

עס איז געשען אַזוי, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג **„דער וועג"**, ה' **משה ראָזענבערג**, האָט דעמאָלט געהאַט אַ סכסוך מיט איניקע געזעלשאַפטלעכע טוערם פון ישוב (צווישן זיי **מ. קאַראַנאַ, ס. ראָזען** א"א) אַרום אַן ענין מיט אַ טעגלעכער צייטונג, וואָס זיי האָבן צוזאַמען אָרגאַניזירט, און וואָס האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרמאַכט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די קריגעריי זאָל ווערן אַריבערגעטראָגן אין מלוכהשן געריכט. דאָס וואָלט דעם יונגן יידישן ישוב געווים קיין כבוד נישט פאַרשאַפט, און דעריבער האָט די צייטווייליקע פאַרוואַלטונג פון דער „פעדעראַציע" פאַררופן ביידע צדדים און זיי אויפגעפאָדערט ,זיי זאָלן קומען צו אַן אויסגלייך. דער ענין איז טאַקע איבערגעגעבן געוואָרן דער פעדעראַציע צו אַן אַרביטראַזש.

אויף טאַקובאַ 15 זיינען אַרום דער מחלוקת פאַרגעקומען הייסע זיצונגען, און לסוף האָט די שידס-קאָמיסיע אַרויסגעטראָגן אַ פּסק-דין לטובת די געזעלשאַפטלעכע טוערם. איינער פון די פונקטן אין אורטייל האָט מחייב געווען ראָזענבערגן, ער זאָל פאַרעפנטלעכן דעם פּסק-דין אין זיין וואָכנבלאַט. איך אַליין, אַלס פאָרזיצער פון אַרביטראַזש, בין געווען קעגן אַזאַ מין פונקט, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז מע קאָן נישט פאַרלאַנגען פון עמעצן, ער זאָל אין זיין אייגענער צייטונג אַרויסטרעטן קעגן זיך אַליין. אָבער די איבעריקע בוררים זיינען געווען אין אַן אַנדער מיינונג, און עס איז אַזוי באַשלאָסן געוואָרן, אַזוי אַז די „פעדעראַציע" האָט פאַרלאַנגט, אַז דער אורטייל זאָל אויסגעפירט ווערן אין גאַנצן.

אָבער אַנשטאָט דעם האָט ראָזענבערג אָנגעהויבן צו פירן אַ סיסטעמאַטישע אַטאַקע קעגן דער פעדעראַציע אין זיין צייטונג, וואו ער אַליין האָט אַזוי פיל אַגיטירט פאַרן שאַפן אַזאַ קערפּערשאַפט, כדי דער ישוב זאָל נישט אַריינפאַלן אין קיין געזעלשאַפטלעכן כאַאָס. קעגן דער דאָזיקער קאַמפּאַניע האָט מען געמוזט רעאַגירן, און דאָס האָט געפירט צו דער גרינדונג פון אַן אייגענער צייטונג דורך דער

„פעדעראַציע" — די „מעקסיקאַנער יידישע שטים" — און צו אַ געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

אַ לענגערע צייט האָט די „פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן" געפירט אַן אַרבעט אין דער ריכטונג צו אָרגאַניזירן דעם יידישן ישוב און איר געהעריקע רעפּרעזענטאַנץ, דורכגעפירט עטלעכע פאַראייניקטע אַקציעס און פאַרזייט דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט און וויכטיקייט פון אַזאַ קערפּערשאַפט פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון דעם ישוב. אָבער עס ווייזט אויס, אַז די צייט איז נאָך פאַר אַזאַ מין קערפּערשאַפט נישט געווען גענוג רייף, און די טעטיקייט פון דער „פעדעראַציע" איז איבערגעריסן געוואָרן.

ערשט מיט אַ 5 — 6 יאָר שפּעטער האָט מען זיך ווידער אומגעקערט צו אָט דעם געדאַנק וועגן אַ צענטראַלער יידישער קערפּערשאַפט — די יידישע עפנטלעכע מיינונג און אויך די אָנפירערס פון די אָרגאַניזאַציעס זייניי שוין דעמאָלט מער צוגעגרייט געוואָרן דערצו, אגב, זיינען אויך אַנטשטאַנען אַ ריי וויכטיקע אַלגעמיין יידישע פּראָבלעמען צו לייזן — און עס איז געגרינדעט געוואָרן, אין יאָר 1938, דער אַזוי גערופענער „יידישער צענטראַל־קאָמיטעט", וואָס איז פאַקטיש אַ פאָרזעצונג פון דער פעדעראַציע, כאָטש ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף די יסודות פון דעצענטראַליזאַציע, נישט האָבנדיק קיין קאָנטראָל איבער די געזעלשאַפטן, ווי עס איז געווען אין פּלאַן פון דער פעדעראַציע.

ב.

די גרינדונג פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט

דער „יידישער צענטראַל־קאָמיטעט" איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן דעם 9טן נאָוועמבער 1938 אויף אַ ברייטער פאַרזאַמלונג, מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט 27 אָר־גאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון יידישן ישוב אין מעקסיקע. דער ערשטער צוזאַמענשטעל פון צענטראַל־קאָמיטעט איז — לויטן גרינ־דונגס־פּראָטאָקאָל — געווען דער פאָלגנדיקער:

א. וואָלפּאָוויטש, ל. בעכאַר, לעאָן סוראַסקי, י. לאַנדוי, ג. שאַ־פּירא, פּ. ליסקער, מ. קאָראָנאַ, וו. מיטראַני, י. כץ, ט. סאַקאַל, ס. דאַ־באַר, קייזער, ד"ר פרענק, ס. וואַרמאַן, א. וואָלערשטיין, י. קאַפּלער, קאַלאַך, ג. שימאַנאָוויטש, ס. ראָזען, י. גלאַנץ, ס. ווישניאַק.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונגס־זיצונג, אויף וועלכער עס איז אויסגעקליבן געוואָרן דאָס פּרעזידיום פון צענטראַל־קאָמיטעט, אין באַשטאַנד: **לעאָן בעכאַר** — פּרעזידענט, **ס. ווישניאַק** — וויצע־פּרעזידענט, **מ. קאָראָנאַ** — סעקרעטאַר, **ג. שאַפּירא** — קאַסיר.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך באַשלאָסן געוואָרן דער אָפי־ציעלער נאָמען פון דער אָרגאַניזאַציע: „קאָמיטע סענטראַל איזראַע־ליטאַ דע מעכיקאָ".

ווי מיר קאָנען דאָס זען פון דעם צוזאַמענשטעל פון צענטראַל־קאָמיטעט, זיינען אין אים פאַרטראָטן געווען ניט בלויז די מזרח־איי־ראָפּעיִשע אשכנזישע קהילות, נאָר אויך די דייטשע יידן, ווי אויך אייניקע ספרדישע קהילות, — דאָס באַטייט, אַז די נייע צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, האָט אַרומגענומען כמעט דעם גאַנצן יידישן ישוב און האָט באמת געהאַט דאָס רעכט אים צו רעפּרעזענטירן.

אויף די ערשטע זיצונגען זיינען, צווישן אַנדערע פראַגן, אויך באַהאַנדלט געוואָרן געוויסע פּרינציפּיעלע ענינים, וואָס שייך די אויפגאַבן און קאָמפּעטענצן פון „צענטראַל־קאָמיטעט". אַזוי, למשל, איז אויף דער זיצונג דעם 15 נאָוועמבער אָנגענומען געוואָרן דער

פאַרשלאָג פון ה׳ קנאָפּפלער, אַז „דער צענטראַל־קאָמיטעט טאָר זיך נישט אַריינמישן אין אידעאָלאָגישע דיסקוסיעס. ער דינט נאָר איין צוועק: די אַלגעמיינע פאַרבעסערונג פון דער יידישער קאָלאָניע״. אויף איינער פון די ווייטערדיקע זיצונגען איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז **„אַלע זאַמלונגען, וועלכע ווערן פאָרגענומען הן פון געזעלשאַפטן הן פון יחידים, מוזן האָבן די צושטימונג פון צענטראַל־קאָמיטעט״.**

פון ווייטערדיקע דאָקומענטן דערוויסן מיר זיך אָבער, אַז אַרום דעם לעצטן באַשלוס זיינען פאָרגעקומען גרויסע שטרייטיקייטן. די ה״ה מיטראַני און וואָלפאָוויטש האָבן עטלעכע מאָל אַריינגעטראָגן פאָרמעלע פאָרשלאָגן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן אַרויסגענומען ווערן פון דעם צעטל אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפן האָבן אַן אויטאָריזאַציע צו מאַכן זאַמלונגען. אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דעם 6טן דעצעמבער 1938 איז זייער פאָרשלאָג אָפיציעל אָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער דער ענין איז נאָך דערמיט פאַקטיש נישט דערליידיקט געוואָרן.

ג.

פליטים און קאָלאָניזאַציע

דער „יידישער צענטראַל-קאָמיטעט" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין זייער אַ קריטישער צייט, אויב נישט פאַרן יידישן ישוב אין מעקסיקע, איז פאַרן יידישן פאָלק בכלל, און די מעקסיקאַנער יידן האָבן זיך וואָרעם אָפּגערופן אויף די פּראָבלעמען פון אַלגעמיין יידישן כאַראַקטער. עס זיינען געווען די יאָרן האַרט ערב דער צווייטער וועלט-מלחמה און דער אָנהייב פון דער דאָזיקער וועלט-קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אַזוי מוראדיק טראַגיש פאַרענדיקט פאַרן יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

אין יאָר 1938, ווען דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט, האָבן שוין הונדערטער יידן, פאַרטריבענע אָדער אַליין געראַטעוועטע פון דעם נאַצישן רוצח, אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, זוכנדיק אַ מקום מקלט, אַן אָרט, וואו צו קאָנען געפינען אַ נייע היים, זיך איינאָרדענען און פאַרדינען אויפן שטיקל ברויט. די וועלט איז דאַן געווען כמעט הערמעטיש פאַרמאַכט פאַר די אומגליקלעכע יידישע נע-ונדניקעס, און פיל פון זיי האָבן אומגעוואַנדערט אין שיפן איבער די ימען פון דער וועלט, און מיט גרויסע שוועריקייטן איז געווען פאַרבונדן דאָס אַריינלאָזן זיי אין ערגעץ אַ לאַנד.

אויך מעקסיקע איז געווען איינס פון די לענדער, וואו די דאָזיקע „בלאָנדזשענדיקע שיפן" פלעגן קומען, אין דער האָפענונג צו קריגן דאָ אַ מקום-מנוחה. און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פון מעקסיקע האָט געהאַלטן פאַר איר הייליקסטן חוב צו העלפן, ווי ווייט מעגלעך, די יידן-פליטים. די פליטים-פּראָבלעם איז טאַקע געווען די ערשטע און כסדרדיקע פראַגע, מיט וואָס עס האָט זיך פאַרנומען דער צענטראַל-קאָמיטעט אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין עקזיסטענץ — אין דעם פעריאָד, וואָס גייט אַריין אין שטח פון אונדזער אַרבעט.

שוין אויף דער קאָנסטיטואירנדיקער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט ווערט „באַשטימט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל העלפן אַראָפּצו-

געמען די 35 פליכטלינגען, וועלכע דאַרפן דעם 17טן אָנקומען אין וועראַקרוז".

היות עס האָט זיך פאָרויסגעזען אַ גרעסערע צאָל פליטים, זיינען אויפגעקומען די שווערע פּראָבלעמען סיי פון לעגאַליזירן סיי פון עקאָנאָמישן איינאָרדענען. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט תיכף אונטערגענומען די געהעריקע שריט אין די רעגירונגס־אינסטאַנצן וועגן דער לעגאַליזאַציע פון די פליטים. אויף דער זיצונג פון 22טן נאָוועמבער 1938 גיט אָפּ ה' לאַנדוי אַ באַריכט וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער „סעקרעטאַריאַ דע גאָבערנאַסיאָן" בשייכות מיט אַריינלאָזן די פליטים. פון דעם דאָזיקן באַריכט דערוויסן מיר זיך, אַז די רעגירונג האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט 25.000 פעזעס אַלס גאַראַנטיע, אַז די אַריינגעקומענע וועלן זיך באַזעצן אויף לאַנד". **דאָס געלט וועט פאַרוועַנדט ווערן פאַר די מכשירים, וואָס זיי וועלן באַדאַרפן. די רעגירונג איז באַרייט צו מאַכן פאַרלייכטערונגען, ווי, צום ביישפּיל, צוואַנציקיאָריקע שטייער־פרייהייט, און אַלע מעגלעכע הילף, כּדי מע זאָל קאָנען קאָלאָניזירן די פליכטלינגען".** פון ה' לאַנדויס באַריכט דערוויסן מיר זיך אויך אַן אינטערעסאַנטן פּרט, דהיינו, אַז דער סעקרעטאַר פון דער גאָבערנאַסיאָן האָט דערקלערט דער דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז וועגן דעם זעלבן ענין זיינען צו אים שוין געקומען **„פאַרשיידענע קאָמיסיעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַזוי אַז ער ווייסט נישט, ווער איז אייגנטלעך דער רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער קאָלאָניע".**

דער ענין פון באַזעצן די אָנקומענדיקע פליטים אויף ערדאַרבעט איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע. אויף דער דערמאָנטער זיצונג איז דערייבער אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל דעם ענין אַלזייטיק אויספאָרשן און **„מיט דער רעגירונג אַלע איינצלהייטן אָרומרעדן".** אין דער דאָזיקער קאָמיסיע זיינען אַריינגעגאַנגען **ל. בעבאַר, לעאָן סוראַסקי און י. לאַנדוי.**

פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 24טן נאָוועמבער ווערן מיר געוואָר, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ „קאָמיטע אַנטידיפאַמאַסיאָן", און דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשטימט אַהין זיין פאַרטרעטער. גלייכצייטיק ווערט אויך אויסגעטיילט אַ באַזונדערע קאָמיסיע פאַר די פליטים־פראַגן („קאָמיטע פּראָ רעפוכיאַדאָס"), **„כּדי צו געבן שנעלע הילף די אָנקומענדיקע פליטים".**

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ווידער געשטאַנען אויפן טאָג־אָר־

דענונג פון צענטראַל־קאָמיטעט די פראַגע וועגן די פּליטים, ביי דער געלעגנהייט איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַריכט פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט וועגן דעם ענין אונטערהאַנדלען מיט די רעגי־רונגס־אינסטאַנצן:

„ה' לעאָן סוראָסקי גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דעם שמועס, וואָס די קאָמיסיע האָט געהאַט מיט דעם סעקרעטאַר פון דער גאָבערנאַסיאָן, ליס. טעיעז, וועגן די פּליטים, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף „איבעריאַ", און וועגן די פּליטים, וואָס געפי־נען זיך אין מעקסיקע. די קאָמיסיע האָט פאַרזיכערט דעם סעקרעטאַר, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט גיט אַלע נויטווענ־דיקע גאַראַנטיעס פאַר די פּליטים, בכדי זיי זאָלן לעגאַליזירט ווערן, דער סעקרעטאַר ענטפערט, אַז בנוגע די פּליטים, וואָס געפינען זיך אויף דער „איבעריאַ", האָט ער אַ באַפעל פונעם פּרעזידענט, זיי נישט אריינצולאָזן, אָבער ער וועט דעם ענין נאָך אַ מאָל ארומרעדן מיטן פּרעזידענט. וועגן דער לעגאַלי־זאַציע פון די פּליטים, וואָס געפינען זיך אין מעקסיקע, בעט ער פאָלגנדעס:

א) אַ מיטטיילונג וועגן באַשטאַנד פון צענטראַל־קאָמיטעט;

ב) אַ מעמאָראַנדום פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועל־כן ער פאַרלאַנגט די לעגאַליזאַציע.

דער מעמאָראַנדום איז שוין איבערגעגעבן געוואָרן, אָבער ביז איצט איז נאָך נישטאָ קיין תשובה" (פּראָטאָקאָל פון 29־טן נאָוועמבער 1938).

אויף דער אייגענער זיצונג האָט דער ה' בעכאַר אינפאָרמירט, אַז היות די פּליטים פון דער שיף „איבעריאַ" האָבן ביז איצט נישט געקאָנט אַראָפּגיין, האָט ער טעלעגראַפירט צום „היאַס" אין ניו־יאָרק, זיי זאָלן זיך באַמיען, אַז די פּליטים זאָלן קאָנען אַראָפּגיין אין האַוואַנאַ (קובאַ).

דערווייל האָבן די פּלענער וועגן באַזעצן די פּליטים אויף ערד־אַרבעט אָנגעהויבן צו ווערן אַקטועלער, און אויף די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט ווערן שוין באַהאַנדלט קאָנקרעטע פּראָיעקטן, הגם מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, ווייל די יידישע טוערם פון מעקסי־קע האָבן זיך גיכער אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן די געוואַלדיקע

שוועריקייטן, מיט וועלכע אזא מין אונטערנעמונג איז פארבונדן אין די מעקסיקאנער פארהעלטענישן.

אויף דער זיצונג פון 10 יאנואר 1939 איז באהאנדלט געווארן א פארשלאג איינצוקויפן א „ראנטשא" (פערמע) אין דער געגנט פון טעקסקאקא, וואו מע זאל איינארדענען 15 פליטים-משפחות, פאר 75 טויזנט פעזעס. נאך א געהעריקער אויספארשונג איז מען געקו־מען צום אויספיר, אז דער פראיעקט איז נישט קיין גינסטיקער צו־ליב פארשיידענע טעמים. בכלל האט מען אויך באשלאסן אפצו־ווארטן מיטן ענין לאנדווירטשאפטלעכע קאלאניזאציע, ביז עס וועט נישט זיין קיין קאנקרעטע תשובה פון דער רעגירונג.

אויף וויפל די טוערס פון יידישן צענטראל-קאמיטעט פון מעק־סיקע זיינען געווען געגנוג רעאליסטיש און פארזיכטיק מיט די אויבן דערמאנטע פלענער, זיינען אבער די פירער פון פיל אויסלענדישע ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך פארנומען מיט די פליטים-ענינים, געווען אין דער מיינונג, אז מע קאן אין מעקסיקע דורכפירן א פלי־טים-קאלאניזאציע אין א גרויסן מאשטאב. אין דער ריכטונג האבן זיי געפירט א שטארקע קאמפאניע, וועלנדיק באווירקן די יידישע טוערס פון מעקסיקע, און קודם כל די מאסגעבנדיקע מאכט-ארגא־נען פון לאנד. עס זיינען צו דעם צוועק אראפגעקומען פארשיידענע דעלעגאטן פון אמעריקאנער געזעלשאפטן, וואס האבן פארגעלייגט פארשיידענע פראיעקטן. טייל פון זיי האבן זיך אויך פארשטענדיקט מיט דעם צענטראל-קאמיטעט.

דעם 24טן יאנואר 1939 האט דער צענטראל-קאמיטעט אויפגע־נומען אויף זיין זיצונג פארשטייער פון אמעריקאנער „היאס"", **ראבי קאהען און קורצמאן**. דער פראטאקאל פון דער דאזיקער זיצונג דער־ציילט אונדז:

„ראבי קאהען, דירעקטאר פון „היאס", דערציילט, אז ער איז געקומען קיין מעקסיקע אין נאמען פון „היאס" כדי צו שטודירן די מעגלעכקייטן פון אימיגראציע אין דעם לאנד. צו מינדעסטנס א מיליאן יידן מוזן אויסוואנדערן פון אייראפע, און מע מוז פאר זיי מאכן פלאץ אין פארשיידענע לענדער. אזוי ווי מעקסיקע איז א לאנד, וואס האט א סך ערד און אזא קליינע באפעלקערונג, וואלט עס געווען א ברכה, ווען עס קו־מען אריין מענטשן, וואס וועלן ערלעך ארבעטן, בכדי דאס לאנד צו אנטוויקלען. ער וויל פארליינגן דער רעגירונג אזא

פּלאַן: מע זאָל אַריינלאָזן אַ פּאָר טויזנט מענטשן אויף אַ באַ־שרענקטער צייט, און זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן נאָר מיט געוויסע פּראָפעסיעס. אויב נאָך אַ געוויסער צייט וועט די רעגירונג איינזען, אַז די אימיגראַציע ברענגט נוצן, זאָל זי זיי דערלויבן צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק. אויב נישט, וועט מען די מענטשן שיקן אין אַנדערע לענדער, און אויף זייער אָרט שיקן אַנדערע, ביז די רעגירונג וועט זיין זיכער, אַז זי האָט דעם עלעמענט, וואָס טויג פאַר איר".

דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דערציילט נישט גאָרנישט, ווי אַזוי דער דאָזיקער אויסטערלישער פּראָיעקט פון די אַמעריקאַנער עסקנים איז אויפגענומען געוואָרן דורך די אַרטיקע טוערס. עס איז נאָר באַשטימט געוואָרן אַן ענגערע קאָמיסיע, וואָס „זאָל אין דעם ענין אַרבעטן".

דער ענין גייט טאַקע נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. דער פּראָטאָקאָל פון 31 יאַנואַר אינפאָרמירט, אַז „הער לעאָן סוראַסקי גיט אָפּ אַ באַריכט איבער זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפטן אין די שטאַטן וועגן אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס זיינען שייך די פּליטים. עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט, וואָס צו איר דאַרף מען שיקן אַלע פּלענער פון קאָלאָניזאַציע".

אין אַ וואָך אַרום ווערט אָנגענומען פאָלגנדיקער באַשלוס וועגן פּלאַן פון ראַביי קאָהען: אַז דער פּלאַן ווערט אַקצעפּטירט, דערביי מוז דער פּלאַן באַשטעטיקט ווערן דורך „פאַראַנטוואָרטלעכע געזעלשאַפטן" אין די שטאַטן. דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט באַוואָרנט זיך אויך, אַז דער פּלאַן קאָן נישט אָנגעווענדט ווערן אין באַכאַ־קאַליפאָרניאַ און נישט ביי די גרענעצן: „די קאָלאָניזאַציע קאָן נאָר זיין, לויטן קריטעריום פון דער מעקסיקאַנישער רעגירונג". דערפון איז צו זען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך באַצויגן מיט אַ געוויסער רעזערוו צו די דערמאָנטע פּלענער. דאָס איז אויך צו מערקן פון אַ צווייטן באַשלוס, מע זאָל זיך ווענדן מיט אַ בריוו צו די יידישע געזעלשאַפטן אין די שטאַטן, אַז „איידער זיי אינטערווענירן לטובת דער יידישער קאָלאָניע*, זאָלן זיי צו ערשט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן צענטראַל־קאָמיטעט".

---

* געמיינט מסתמא — יידישע קאָלאָניזאַציע אויף ערד.

פון דעסטוועגן האָט מען ווייטער געפּאָרשט די פּראַקטישע פּראָיעקטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע פון יידישע פּליטים, אויף וויפל זיי האָבן געטראָגן אַ רעאַלן כאַראַקטער. אַזוי האָט מען דעם 14טן מערץ באַשטימט צו אונטערשטיצן די באַזעצונג פון אַ גרופּע פּליטים אין קאָסקאַפּאַ (שטאַט וועראַקרוז) מיט 25 טויזנט פּעזעס. נאָך מער: מיט אַ זיצונג שפּעטער האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אפילו אָנגענומען אַ דראַסטישן באַשלוס, אַז **„די יעניקע פּליטים, וואָס וועלן צוליב וועלכע־ס־איז מאָטיוון נישט וועלן גיין אויפן לאַנד, וועט זיי דער צענטראַל־קאָמיטעט נישט העלפן ווייטער"**. פון דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 28טן מערץ 1939 ווערן מיר געוואָר, אַז 12 פּליטים זיינען שוין אַרויסגעפאָרן אין דער אָרגאַניזירטער פערמע אין קאָסקאַפּאַ, און דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשליסן זיי צו געבן דאָס באַשטימטע געלט אויף די מאַשינען.

אָבער שוין אין אַ חודש אַרום קומען אַרויף אויפן סדר־היום אָנקלאַגעס פון די קאָלאָניסטן אין קאָסקאַפּאַ אויף די לעבנס־באַדינגונגען. אַ קאָמיסיע, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אַהין ספּעציעל אַרויסגעשיקט (די ה"ה מיטראַני און קאַראַנאַ) האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אָנקלאַגעס זיינען נישט באַרעכטיקט. זעט אויס אָבער, אַז די טענות האָבן נישט אויפגעהערט, און דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשליסט צו רופן אַ ספּעציעלע זיצונג צוזאַמען מיט פאַרטרעטער פון די פּליטים.

אין זיינע אָנשטרענגונגען צו העלפן די אַלץ גרעסערע צאָל פּליטים באַמיט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן אָן מיט די דאָזיקע ענינים אין אַ וועלט־מאַשטאַב. פון צייט צו צייט קומען אַראָפּ קיין מעקסיקע פאַרשטייער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס און זיי ווערן אויפגענומען דורכן צענטראַל־קאָמיטעט.

דעם עלפטן יולי 1939 איז אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט געווען אָנוועזנדיק אַ דעלעגאַט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, **ראַביי קלאַרק**, פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט איבער דער טרויעריקער לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער, אַרויסזאָגנדיק די זייער דראַסטישע מיינונג, אַז אויך די יידן אין אַמעריקע זיינען באַדראָט פון אַנטיסעמיטיזם, און דעריבער דאַרפן די יידן אומעטום זיין אויף דער וואַך, זיין אָרגאַניזירט און פאַרבונדן צווישן זיך. דער ראַביי קלאַרק אַפּעלירט צום צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין מעקסיקע, ער זאָל

זיך שטעלן אין ענגער פאַרבינדונג מיטן יידישן וועלט-קאָנגרעס. אין דעם זינען איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס.

אויף דער אייגענער זיצונג איז אויך בייגעווען ה׳ רובינשטיין, אַלס פאַרטרעטער פון דער פעדעראַציע פון די פוילישע יידן אין די שטאַטן, ווי אויך פון דעם וועלט-פאַרבאַנד „אָרט״. דער ה׳ רובינשטיין האָט איבערגעגעבן, אַז דער „„אָרט״ האָט בדעה צו גרינדן אין מעקסיקע אַן אַגריקולטור-פאַכשול פאַר די פליטים, וואָס ווען זיך באַזעצן אויף לאַנדווירטשאַפט. „דער „אָרט״ האָט זייער גענוי און לאַנג שטודירט די פראַגע פון עמיגראַציע און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בלויז דער אַמעריקאַנישער קאָנטינענט האָט מעגלעכקייטן פאַר עמיגראַציע. אין די לענדער נייטיקט מען זיך אָבער נאָר אין לאַנדווירטן און טעכניקער. דער „אָרט״ וויל דערייבער שאַפן דאָ אַזעלכע פאַכשולן, וועלכע זאָלן צוגרייטן פּראָפעסיאָנעל די פליטים״, — האָט דערקלערט הער רובינשטיין. ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז דער „אָרט״ וויל מאַכן אַזאַ פּרואוו אין מעקסיקע און ער האָט געבעטן, אַז דער יידישער צענטראַל-קאָמיטעט זאָל אַרויסהעלפן אין די צוגרייטונגס-אַרבעטן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער איניציאַטיוו פון „אָרט״ און האָט גלייך באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די ענינים און העלפן דעם „אָרט״ אין זיינע פּראָדוקטיוויזאַציע-פּראָיעקטן.

דעם 11טן יולי ווערט אויף דער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט באַהאַנדלט אַ נייער פּראָיעקט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, דאָס מאָל אין דער געגנט פון סאַן־גרעגאָריאָ (קאָאַהוילאַ). פון דעם באַריכט, וואָס די פליטים-קאָמיסיע האָט אָפּגעגעבן, איז צו זען, אַז די פליטים, מיט וועלכע מע האָט געמיינזאַם אַרומגערעדט דעם פּראָיעקט, האָבן זיך באַצויגן צו אים איינגעהאַלטן, מאָטיווירנדיק דאָס מיט דער אומבאַשטימטקייט פון זייער לעגאַליזאַציע דורך דער גאָבערנאַסיאָן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער פּראָיעקט ווידער אַרויפגעשווימען, שוין מער קאָנקרעט, אויף אַ געמיינזאַמער באַראַטונג פון דער פליטים-קאָמיסיע פון צענטראַל-קאָמיטעט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פאַראינטערעסירטע פליטים. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וואָס מיר גיבן דאָ איבער גענוי, מחמת זי גיט אונדז אַ פאָרשטעלונג וועגן דער באַציונג צו דעם ענין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע מצד פאַרשיידענע קרייזן, באַזונדערס מצד די פליטים. די רעזאָלוציע זאָגט:

„אין אַנבאַטראַכט, אַז מען איז געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס ווייטערע קאָלאָניזירן אין קאַסקאַפּאַ מוז זיך ענדיקן מיט אַ פּראַקאַסאַ (דורכפאַלן,) הויפּטזעכלעך וויל זיי (די פּליטים) ווילן אַהין נישט פאָרן, גיט די קאָמיסיע אויף די אידעע פון קאַסקאַפּאַ און שטעלט פאָר דעם פּראָיעקט פון סאַן־גרעגאָריאָ, רעקאָמענדירנדיק פאָלגנדיקע פונקטן:

1) אין פאַל אַז דער פּראָיעקט וועט אויסגעפירט ווערן*, טאָרן אַזוי די פאַראינטערעסירטע, ווי אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט, נישט איינגיין אויף קיין שום שותפות אָדער אינטערוועגץ.

2) אויב דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט איינגיין אויף דעם פּראָיעקט, זאָל ער אויף דעם אָרט אהינשיקן אַן אַדמיניסטראַטאָר, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק אַן אינזשעניער־אַגראָנאָם, מיט פולע פולמאַכטן.

3) דער צענטראַל־קאָמיטעט נעמט אויף זיך די פּליכט, אַז דער באָדן זאָל איבערגיין אין לעגאַלן אייגנטום.

4) מען זאָל תיכף אַ קאָמיסיע, אין באַשטאַנד פון צוויי צ.־ק.־מיטגלידער און אַן אַגראָנאָם, אהינשיקן, כדי צו מאַכן אַלע נייטיקע אויספאָרשונגען בנוגע דער נוצלעכקייט.

5) אויב דער פּראָיעקט וועט זיין אַקצעפּטאַבל (צום אָנגעמען), זאָל מען די פּליכטלינגען געבן $400, וועלכע זיי האָבן איינגעצאָלט. דאָס געלט זאָל נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַזעלכעס, וואָס מע גיט פאַר דעם קויף פון דער ערד, נאָר אין דער קוואַליטעט פון אַבאָנאָס, וואָס די פאַראינטערעסירטע האָבן געגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט אויף קאָנטאָ פון עסנוואַרג, מכשירים אאַ״וו.

6) די קאָלאָניזאַציע פון סאַן־גרעגאָריאָ בלייבט נישט בלויז אַן אָנגעלעגנהייט פאַר די איצט פאַראינטערעסירטע, נאָר דער צ.־ק. האָט אַ רעכט צו קאָלאָניזירן דאָרט פּליטים, וועלכע ער וועט האַלטן פאַר צוגעפּאַסט דערצו.

---

* מע דאַרף פאַרשטיין: ווען מע וועט צוטרעטן צו רעאַליזירן דעם פּראָיעקט.

7) קאָסקאָפּאַ בלייבט ווייטער אין באַטראַכט פאַר אַ מעג־לעכער קאָלאָניזאַציע.

8) דער קאָסט־פּראָיעקט:
די איינקויף־סומע — 14.590$, מאַשינען — 12.000$, לענאַליזאַציע — 10.000$, לעבנסמיטל פאַר 20 פּלי־טים 6 חדשים — 3.600$, אַלגעמיינע אויסגאַבן — 10.000$, אומפאָרויסגעזעענע אויסגאַבן — 10.000.
צוזאַמען — 60.190$.

נאַטירלעך, האָבן די קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן ניט געקאָנט באַלד לייזן די נויטן פון די פּליטים, און מע האָט זיי דערווייל געמוזט שטיצן סיי מיט געלט סיי מיט אויסגעפינען פאַר זיי וועלכע־ס'איז אַרבעטס־מעגלעכקייט. די פּליטים אַליין האָבן אויך אַליין געזוכט וועגן, ווי זיך איינצואָרדענען, און אַ טייל פון זיי איז דאָס פריער אָדער שפּעטער געלונגען. אַזוי, למשל, דערציילט דער פּראָטאָקאָל פון דער פּליטים־קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון 18טן יולי 1939, אַז **„32 פּליטים האָבן שוין באַקומען דאָס אַרבעטסרעכט און פאַרדינען שוין"**. בשייכות דערמיט איז זיי צוריקגעצויגן געוואָרן די שטיצע, וואָס זיי פלעגן קריגן.

די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען שפּיגלען אויך אָפּ די דערשיי־נונג, אַז צווישן די פּליטים האָט געהערשט אַ געוויסע אומצופרידנ־קייט מיט דער באַציונג פון צענטראַל־קאָמיטעט צו זיי. שוין אָפּ־גערעדט, אַז די, ביי וועלכע מע האָט צוגענומען די שטיצע, האָבן אויסגעדריקט זייער כעס, האָבן טייל פּליטים געהאַלטן, אַז די שטי־צע, וואָס זיי קריגן איז נישט גענוגנדיק. דער צענטראַל־קאָמיטעט, פון זיין זייט, האָט פאַרגעוואָרפן די פּליטים, פאַר וואָס זיי ווילן ניט גיין אויף ערדאַרבעט. אויף דער זיצונג פון 25 יולי 1939 האָט מען איבערגעגעבן וועגן בריוו פון פּליטים, וואָס **„זיינען זייער באַליי־דיקנדיקע און פול מיט סטראַשונקעס"**. בשייכות דערמיט איז אפילו געקומען אַ פאָרשלאָג פון פאָרזיצער בעכאַר, אַז דער צענטראַל־קאָ־מיטעט **„זאָל זיך איבערהויפּט צוריקציען פון דעם גאַנצן ענין"**... נאַטירלעך, איז דער פאָרשלאָג נישט אָנגענומען געוואָרן. דאַקעגן איז יאָ אָנגענומען געוואָרן אַ צווייטער פאָרשלאָג, אַז

„דער קאָמיטעט איז באַרייט צו העלפן נאָר יענע פּליטים, וועלכע ווילן אַרבעטן, און אַז דאָס איינציקע, וואָס דער קאָ־מיטעט קאָן איצט געבן, איז לאַנדאַרבעט אין קאָסקאָפּאַ".

אוודאי איז דאָס פּאַר די פּליטים געווען זייער ווייניק, שוין דערפּאַר אַליין, וואָס נישט אַלע פּליטים, וואָס האָבן אפילו יאָ געוואָלט אַרבעטן, האָבן געוואָלט אָדער געקאָנט גיין אויף ערדאַרבעט. אגב, האָט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט נישט געהאַלטן אַזוי שטרענג אין זיין באַשלוס, און אין די פּראָטאָקאָלן טרעפן מיר ווייטער זייער אָפטע פאַרצייכענונגען וועגן קלענערע און גרעסערע אונטערשטיצונגען פאַר פאַרשיידענע פּליטים.

דערווייל האָבן די אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייערע שיינע פּראָיעקטן וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין מעקסיקע, און פון צייט צו צייט פלעגן אַראָפּקומען פאַרשיידענע דעלעגאַטן, כדי צו פירן מכוח דעם אונטערהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג. די דאָזיקע געשפּרעכן פלעגן אָפט מאָל געפירט ווערן אָן דער געהעריקער פאַרשטענדיקונג מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער מע פלעגט אים אינפאָרמירן שוין לאחר המעשה.

דעם 8טן אויגוסט 1939 איז געקומען צו דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דער דירעקטאָר פון אייראָפּעיִשן „דזשאָינט“, ה׳ בערנאַרד קאָהען, וועלכער **„פאַרלאַנגט פאַרשיידענע אינפאָרמאַציעס וועגן די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן אין מעקסיקע“**. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ב. קאָהען **„געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער מעקסיקאַנער רעגירונג וועגן „אַ קאָלאָניזאַציע פון 200 משפּחות“**.

אויף דער דערמאָנטער זיצונג איז געפירט געוואָרן אַ הייסע דעבאַטע וועגן דעם סאַן־גרעגאָריאָ־פּראָיעקט, און די אַלגעמיינע שטימונג איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן נעגאַטיווע. איינער פון די אָנטיילנעמער אין דער זיצונג, ה׳ גאָלדבערג, האָט זיך אפילו אויסגעדריקט, אַז **„אויב מע וועט אַקצעפּטירן דעם פּראָיעקט, איז דאָס גלייכבאַדייטנדיק מיטן אַקצעפּטירן דאָס לאַנגזאַמע שטאַרבן פון די פליכטלינגען“**. דער באַשלוס אויף דער זיצונג איז טאַקע געווען אין דעם זינען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט **„איז נישט וויליק מיטצואַרבעטן אין דעם קאָלאָניזאַציע־עקספּערימענט פון סאַן־גרעגאָריאָ“**. עס זיינען אָבער אויך געווען אומצופרידענע מיט אָט דער שטעלונג, ווי, למשל, דער ה׳ בערעביטשעז, וועלכער האָט אפילו צוליב דעם געמאָלדן זיין רעזיגנאַציע פון דעם פּליטים־קאָמיטעט. אויף אַ צווייטער זיצונג האָט אויך ה׳ בערעביטשעז געמאַכט שאַרפע פאָרוואורפן דעם דערמאָנטן קאָמיטעט, אַז אין דער אומצופרידנקייט פון די פּלי־

טים „איז שולדיק דער פּליטים-קאָמיטעט, וועלכע לאָזט זיי פאַרהונ־גערן". אַנדערע ווידער האָבן אויפגעוויזן, אַז די באַשולדיקונג איז נישט ריכטיק, אַז אויב מע גיט נישט מער שטיצע, איז דאָס אַ פּועל-יוצא פון דעם מאַנגל אין מיטלען. אגב, איז טאַקע אויף דער אייגענער זיצונג ברייט באַהאַנדלט געוואָרן די שווערע פינאַנציעלע לאַגע פון צענטראַל-קאָמיטעט.

ס'איז אויך כדאי צו פאַרצייכענען, אַז עס איז דעמאָלט אויס־געאַרבעט געוואָרן אַ ברייטע פּראָגראַם פאַר אַ לאַנד-קאָנווענץ (צו־זאַמענפאָר) פון צענטראַל-קאָמיטעט, פּראָיעקטירט אויף די טעג פון 8טן ביזן 12טן סעפּטעמבער 1939. ליידער, זיינען נישטאָ קיין שפּע־טערדיקע ידיעות, פאַר וואָס די קאָנפערענץ איז נישט פאַרגעקומען. עס איז צו פאַרשטיין, אַז די געשעענישן, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט — דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה — האָבן נישט מעגלעך געמאַכט דעם צוזאַמענפאָר.

דער מלחמה-אויסברוך האָט בכלל געשאַפן אַ נייע סיטואַציע אין דער פּליטים-פראַגע. פון איין זייט, האָט דער שטראָם פון פּלי־טים זיך פאַרקלענערט און שפּעטער אין גאַנצן אויפגעהערט; פון דער צווייטער זייט, האָט זיך געביטן די באַציונג צו די פּליטים מצד די מאַכט-אָרגאַנען אין דער ריכטונג, אַז עס איז געוואָרן אַ סך לייכ־טער צו לעגאַליזירן און קריגן אַרבעטסרעכט אין פאַרשידענע גע־ביטן פוןווירטשאַפטלעכן לעבן, נישט דווקא אין דער לאַנדווירט־שאַפט, וואָס איז צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים געווען גאָר שווער פאַר די יידישע פּליטים.

אויף דער זיצונג פון דער פּליטים-קאָמיסיע ביים צענטראַל-קאָ־מיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אויס־ברוך פון דער מלחמה, איז אפילו אָנגענומען געוואָרן אַ ראַדיקאַ־לער באַשלוס:

„דורכן אויסברוך פון קריג איז אַ נייע סיטואַציע איינגע־טראָטן. עס זיינען פאַראַן פאַרטרוילעכע ידיעות, אַז די רעגי־רונג וויל אַלע פּליטים לעגאַליזירן, ווייל זיי קאָנען נישט צו־ריקפאָרן אין זייערע לענדער. דערום: 1) זאָל מען ווי אַמ־שנעלסטן דאָס גאַנצע פּליטים-פּראָבלעם ליקווידירן; 2) זיי ווייַ־טער שטיצן, ווי ביז אהער; 3) דעם עקספּערימענט פון קאָם־קאַפּאַ ליקווידירן; 4) אויך די אָנגעלעגנהייט סאַן-גרעגאָריאָ ליקווידירן". (פּראָטאָקאָל פון 5טן סעפּטעמבער 1939).

אוודאי איז דער דאָזיקער באַשלוס געווען אַן איבערגעאײלטער. דאָס „ליקווידירן" די פּליטים-פּראָבלעם איז נישט געווען געווענדט פון די ראַדיקאַלע באַשלוסן, און מע האָט נאָך אַ לאַנגע צייט זיך פאַרנומען מיט איר, הגם אין אַנדערע פאָרמען. אויך דאָס ליקווידירן די לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן איז נישט צוגעגאַנגען אַזוי גיך און גרינג, אָבער אין סך-הכל זיינען דאָס פאַרט געווען נישט געלונגענע עקספּערימענטן. ווער פון די ווייניקע קאָלאָניסטן עס האָט זיך איינגעאָרדנט ביי אַנדערע באַשעפטיקונגען אויפן אָרט, ווער עס האָט זיך מיט דער צייט אַריבערגעטראָגן אין גרעסערע שטעט — בעיקר קיין מעקסיקע.

אמת, די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין דער ריכטונג. דעם 3טן אָקטאָבער זיינען קיין מעקסיקע אַראָפּגעקומען די פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער „דזשאָינט", די ה"ה ראָזען און יאהנסען (י. אַראָנסאָן?), און זיי זיינען געקומען צו אַ זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט. מיר וועלן צירטירן גענויער דעם באַריכט פון דער דאָזיקער זיצונג, אויף וויפל ער גיט אונדז אַ פאָרשטעלונג וועגן די מיינונגען און שטימונגען אין צ.-ק. בכלל און בנוגע דעם ענין קאָלאָניזאַציע בפרט:

„...דער פּרעזידענט בעכאַר שטעלט פאָר די געסט און דערציילט, אַז אַ נאַכט פריער איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, אין דעם ביוראָ פון הער לעאָן סוראַסקי, אַ צוזאַמענקונפט פון פאַרשיידענע מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט, און אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט ד"ר ראָזען געבעטן, אַז מע זאָל אַבסאָלוט בסוד האַלטן דעם צוועק פון זיין דאָ זיין. דער ה' בעכאַר דערקלערט, אַז דער צוועק פון דער דזשאָינט-קאָמיסיע איז צו אויספאָרשן, צי עס לוינט זיך אָדער נישט צו גרינדן אַן עקספּערימענטאַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע. די קאָלאָניע זאָל אַרומנעמען 200 משפחות. ביי דעם צוזאַמענקונפט האָבן 5 פּערזאָן געשטימט פאַר דעם פּראָיעקט, און 3 קעגן. דער ה' בעכאַר איז אין דער מיינונג, אַז אויב אַזאַ קאָלאָניזאַציע וועט געפירט ווערן פון פאַכלייט, וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג. די קאָלאָניע וואָלט געמוזט זיין אין דער נאָענט פון דער הויפּטשטאָט(...)

ה' קאָראָנאַ (...) גלייבט, אַז אַזאַ גרינדונג איז ספּעציעל פאַר מעקסיקע אומבאַדינגט נייטיק, ווייל דאָס לעבן פון די

היגע יידן איז אומנאָרמאַל, און עס זיינען נייטיק פּראָדוקטיווע עלעמענטן.

ה׳ גאַיסינסקי פון גואַדאַלאַכאַראַ מיינט, אַז ד״ר ראָזען מעסט צו גרויס די באַדייטונג פון צ.־ק. דער אמת איז אָבער, אַז מיר זיינען גאָר קליינע חשובים ביי די מאַכט־אָרגאַנען(...) ער מיינט, אַז דער צ.־ק. זאָל נישט נעמען אויף זיך די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פּראָיעקט.

ה׳ בעכאַר ענטפערט, אַז לויט דער דערקלערונג פון דער קאָמיסיע (פון דזשאָינט) האָט די קאָלאָניע גאָרנישט צו טאָן מיט די אימיגראַנטן — דאָס איז די זאַך פון דזשאָינט(...) דער „דזשאָינט״ פאַרלאַנגט נישט קיין קאָאָפּעראַציע, ער וויל בלויז הערן מיינונגען, ד״ר ראָזען האָט בשעת זיין באַזוך אין מעקסיקע געשלאָסן מיט די מאַכט־אָרגאַנען אַן אָפּמאַך וועגן דער קאָלאָניזאַציע, אָן דעם וויסן פון צענטראַל־קאָמיטעט, און איצט שטייט מען פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

עס נעמט אַ וואָרט ד״ר ראָזען און דערקלערט, אַז פּאַק־טיש באַזיצט ער שוין די באַוויליקונג פון דער רעגירונג. דער אָפּמאַך לויטעט אין פּרינציפּ פאַר 500 פאַמיליעס, און אַז די ענדגילטיקע באַוויליקונג וועט אַרויסגעגעבן ווערן, אויב די טעכנישע קאָמיסיע, וועלכע ער פירט אָן, וועט דעם פּראָיעקט אַקצעפּטירן. וואָס שייך עקאָנאָמישער מיטהילף פון צ.־ק., ווינטשן מיר דאָס נישט און מיר וועלן עס אויך נישט אַק־צעפּטירן. ווייל דער „דזשאָינט״, מיט זיינע עקאָנאָמישע מעג־לעכקייטן, לאַנגע קאָלאָניזאַטאָרישע דערפאַרונגען, האָפט צו האָבן דערפאָלג אין דעם פאַרזוך, און ווי באַלד דער דערפאָלג וועט איינטרעטן, וועט ער מיט פאַרגעניגן איבערגעבן די קאָ־לאָניע אונטער דער אויפזיכט פון צענטראַל־קאָמיטעט. צום שלוס זאָגט ה׳ ראָזען, אַז די קאָלאָניע וועט נישט באַשטיין פון לויטער יידן, נאָר זי וועט קאָמבינירט ווערן מיט איניקע נישט־יידן.

ה׳ ליסקער ווייזט אָן אויף די געפאַרן פון אַזאַ אונטער־נעמונג. אויף דער ביטע פון ד״ר ראָזען דערקלערט ה׳ קאָראָנאַ דעם עקספּערימענט פון קאָסקאַפּאַ. וועגן סאַן־גרעגאָריאָ גיט אָפּ דערקלערונגען ה׳ בעכאַר״.

ווי מיר זען, איז די שטעלונג פון צענטראַל־קאָמיטעט צו דעם

נייעם פראָיעקט פון דזשאָינט געווען אַ גאָר צוריקגעהאַלטענע, און מע האָט טאַקע אויף דער זיצונג אָנגענומען אַ פּארעווע באַשלוס „מיט־צוהעלפן דעם דזשאָינט אין זיין אונטערנעמונג". ווי באַקאַנט, איז אויך דער דאָזיקער פּראָיעקט געבליבן נישט רעאַליזירט, הגם מע האָט געמאַכט געוויסע פּראַקטישע שריט אין דער ריכטונג. עס איז אין סאַן־גרעגאָריאָ אָראָפּגעפאָרן אַ קאָמיסיע (אין איר באַשטאַנד איז אויך געווען אַן אינזשעניער־אַגראָנאָם דעלעגירט דורכן דזשאָינט, ה' אָראָנס(?). אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ה' קאָראָנאָ, אַ מיט־גליד פון דער דאָזיקער קאָמיסיע, אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט אָפּגעגעבן אַ „באַריכט זייער אַ פּעסימיסטישן", — ווי עס באַצייכנט דער פּראָטאָקאָל־שרייבער. „פּאַר קאָלאָניזאַציע טויג עס איבערהויפּט נישט. עס איז נישטאָ קיין וואַסער. אויב די פּליטים קאָנען נאָך ווי־עס־איז עפּעס פאַרדינען, איז עס ביי דער אינדוסטריע, ווייל עס געפינען זיך דאָרט גרויסע מערק" (פּראָטאָקאָל פון 6טן פעברואַר 1940).

כדי צו פאַרענדיקן דעם ענין לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אין מעקסיקע, וועלן מיר נאָך איבערגעבן וועגן אַן עפּיזאָד, וואָס איז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט גאַנץ אינטערעסאַנט. אויב ביז אַהער האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן פּראָיעקטן, וואָס זיינען אַרויס־גערוקט געוואָרן דורך די יידן, האָבן מיר אויך געהאַט אַן אָפּערטע מצד די רעגירונגס־ספערן, אי דאָס אַ זייער ברייט פאַרטראַכטע.

דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דעם 3טן אַפּריל 1940 דערציילט אונדז:

„עס שטעלט זי דפאר א דעלעגאציע פון די ה"ה ס. מייז־נער, א. גוטווערג און מ. ראָזענבערג, וועלכע האָבן, צוזאמען מיט די ה"ה בעכאר און קאראָנא, נעכטן געהאט א שמועס מיט דעם גובערנאטאר פון טאבאסקא. דער גובערנאטאר האט דער דעלעגאציע דערקלערט, אז מיט דער צושטימונג פון פרע־זידענט פון דער רעפּובליק וועט ער דערלויבן די איינרייזע פון 1500 פאמיליעס אין טאבאסקא, און זיי זאלן זיך אפּגעבן מיט אגריקולטור. אויף א צווייטער צוזאמענקונפט, וואס איז פאר־געקומען היינט 4 נאך מיטאג, האט דער גובערנאטאר איבער־געגעבן אן אפיציעלן בריוו פאר דעם פרעזידענט פון צענטראל־קאמיטעט, אין וועלכן עס ווערט אפיציעל אפערירט דער קא־לאניזאציע־פראיעקט, און עס ווערט געבעטן צו שיקן א קא־מיסיע פון די פאראנטווארטלעכע יידישע געזעלשאפטן קיין

טאַבאַסקאָ, בכדי צו אונטערזוכן דעם גאַנצן פּראָיעקט(...) אין דער אויפקלערונג (פון דער דעלעגאַציע) ווערט נאָך צוגעגעבן, אַז דער גובערנאַטאָר האָט אַן אינטערעס ווידער אויפצולעבן די קאַרטאָפל־עקספּאָרטאַציע, ווי אויך צו באַקעמפן די פּלאָג פון „שאַמיסקאָ", און דערפאַר וויל ער, אַז דער „דזשאָינט" זאָל באָרגן זיין שטאַט אַ מיליאָן דאָלאַר(...) לויט דער מיינונג פון גובערנאַטאָר זאָל געמאַכט ווערן אַ פּאַרזוך מיט 100 יידישע משפחות; אַז יעדע משפחה וועט ברויכן אַן אינוועסטיע פון $11.500; אַז די אימיגראַציע מוז איינשטימען מיטן געזעץ פון „טאַבלאַס דיפערענסיאַלעס", דאָס הייסט, אַז נאָר 10% דאַרף באַשטיין פון אימיגראַנטן פון פּוילן, דער רעשט זאָל זיין דייטשן, טשעכאָסלאָוואַקן, עסטרייכער, אונגאַרן. עס איז פּאַראַן צו דער דיספּאָזיציע פון די אימיגראַנטן 200.000 העקטאַר לאַנד. אָנהייבן וועט מען מיט 50.000, און יעדער פּאַמיליע וועט מען געבן 10 העקטאַר אַלס מינימום. יעדע משפּחה וועט קאָנען קויפן ביז 30 העקטאַר. מע וועט אויפבויען גלייכע באַקוועמע הייזער פאַר אַלע קאָלאָניסטן, אויך שולן און וועגן וועלן געגרינדעט ווערן. צווישן יעדע צוויי יידישע משפחות זאָל זיך באַזעצן איין מעקסיקאַנישע, וועלכע וועט דעם באָדן באַקומען בחינם. דער פּרייז פון דעם באָדן איז $500 פּאַר אַ העקטאַר און $3.000 פּאַר די הייזער, אין דעם פּרייז זיינען שוין אריינגערעכנט די אויסגאַבן פאַר שולן וועגן, פּאַרקס. יעדע משפחה מוז דעפּאָזיטירן פאַר אַ יאָר אויסהאַלטונג צו $250 אַ חודש; אויב דער קאָלאָניסט האָט אַ גאַראַנטיע פון אַן אויסלענדישער געזעלשאַפט אויף דער סומע, איז אויך גוט. מע פאַרלאַנגט, אַז קיין שום קאָלאָניסט זאָל זיך אין די ערשטע פינף יאָר נישט דערווייטערן פון טאַבאַסקאָ לענגער ווי 90 טעג".

דער פּראָטאָקאָל דערציילט נישט, צום באַדויערן, וואָסערע מיינונגען עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן אָריגינעלן פּראָיעקט. עס איז נאָר פּאַרצייכנט אַ קורצער באַשלוס, מע זאָל „דעם אָריגינאַל־בריוו פון גובערנאַטאָר אָפּפאָטאָגראַפירן, אַוועקשיקן דעם דזשאָינט און בעטן, ער זאָל שיקן אַ קאָמיסיע". אין די ווייטערדיקע פּראָטאָקאָלן געפינען מיר שוין נישט קיין שום אָפּקלאַנג פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט.

ד.

די אַנטידיפאַמאַציע טעטיקייטן פון צענטראַל־קאָמיטעט

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען צו קאָאָרדינירן די טעטיקייטן צום קאַמף קעגן אַנטיסעמי־טיזם און דיסקרימינאַציע אין וועלכער־עס־איז פאָרמע. אמת, אין דעם פעריאָד, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן פירן זיין אַרבעט, זיינען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען נישט געווען אַזוי־כע בולטע, און נאָך וויניקער זיינען זיי געקומען צום אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט, אָבער מע קאָן נישט זאָגן, אַז זיי זיינען אין גאַנצן פאַרשוואונדן. פון צייט צו צייט פלעגן די אַנטיסעמיטן אַרויס־שטעקן דעם קאָפּ, און עס איז נייטיק געווען זיך אַנטקעגן צו שטעלן, אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן.

שוין אין די ערשטע חדשים פון זיין טעטיקייט האָט דער צענ־טראַל־קאָמיטעט געמוזט זיך פאַרנעמען מיט איין בולטן פאַל, וואָס האָט אין יענער צייט געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון מעקסיקע. דאָס איז געווען דער כוליגאַ־נישער אָנפאַל פון אַ גרופּע „גאָלדענע העמדלעך" אויף יידישע גע־שעפטן אין דער גאַס „16 סעפּטעמבער" (צווישן די געליטענע איז אויך געווען דער שרייבער י. גלאַנץ). אויף דער זיצונג פון צענ־טראַל־קאָמיטעט דעם 27טן יאַנואַר איז דער ענין געשטאַנען אויפן סדר היום, און מע איז געקומען צום אויספיר, אַז דער איבערפאַל איז געווען צוגעגרייט. דער צ.־ק. האָט איבערגעגעבן דעם ענין אַ ספּעציעלן אַדוואָקאַט, גלייכצייטיק האָט מען זיך געווענדט מיט אַ טעלעגראַמע צום דעמאָלטיקן פּרעזידענט קאַרדענאַס.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט גע־וויסע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין דער פּראָווינץ. אַזוי איז אָנגעקומען דעם 13טן יוני 1939 אַ בריוו, אונטערגעשריבן דורך דריי אָרטיקע יידישע סוחרים, וועלכע שילדערן די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין הערמאָסיאָ. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַהין אַ פאָרשטייער, כדי צו אינטערווענירן ביי די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען.

היות די פראַגן פון אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען (באַזונדערם דורך פלוגבלעטער, אין געוויסע פרעסע־אָרגאַנען א"א) זיינען געווען אָפטע, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויסגעטיילט אַ באַזונדערע „קאָמיסיע אַנטידיפאַמאַסיאָן", וואָס האָט געהאַט פאַר איר אויפגאַבע צו שטיין כסדר אויף דער וואך פון די יידישע אינטערעסן. אין דער דאָזיקער קאָמיסיע, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן דעם 20 יוני 1939, זיינען אַריינגעגאַנגען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע יידישע קהילות אין מעקסיקע. פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז געווען דער פרעזידענט פון צענטראַל־קאָמיטעט, ה' בעכאַר. די אַנטידיפאַמאַציע־קאָמיסיע האָט, חוץ לויפנדיקע אינטערווענצן אין אַ נויטפאַל, געפירט אַן אויפקלערונגס־אַרבעט אין דער פרעסע אד"גל. אין אייניקע פראָטאָקאָלן ווערן אויך דערמאָנט פראָיעקטן אַרויסצוגעבן בראָשורן און ביכער אויף שפאַניש, וואָס זאָלן קעגנווירקן דער אַנטיסעמיטישער פראָפאַגאַנדע. צום ערשטן מאָל ווערט פאַרצייכנט דער פלאַן אַרויסצוגעבן אַ בראָשור אויף דער זיצונג פון 18טן יולי 1939, עס ווערט אָבער נישט דערמאָנט קאָנקרעט דער נאָמען אירער. דאַקעגן איז אין פראָטאָקאָל פון 6טן פעברואַר פאַרצייכנט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט „גרייט צו די אויסגאַבע פון אַ פלוגשריפט מיטן טיטל „לאַטיין־אַמעריקע, געזען מיט די אויגן פון נאַציזם". די פלוגשריפט וועט האָבן אַן אויפלאַגע פון 25,000. עס ווערט אויך שטודירט דאָס אַרויסגעבן דאָס בוך פון רעמאַרק „די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק"(?). ליידער, געפינען מיר נישט אין די שפעטערדיקע דאָקומענטן קיין ידיעות וועגן די דאָזיקע פראָיעקטירטע אויסגאַבן.

פון דעם פראָטאָקאָל פון דער זיצונג דעם 25טן יולי 1939 דערוויסן מיר זיך וועגן אַן אינטערווענץ פון צענטראַל־קאָמיטעט בשייכות מיט דערשינענע פאָסטמאַרקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ געוויסן אַנטיסעמיטישן בייגעשמאַק, דערביי „ווערן זיי הויפטזעכלעך אויפגעקלעפט אויף בריוו, וועלכע זיינען אַדרעסירט צו יידן". אויף דער זעלבער זיצונג ווערט אָנגענומען אַ באַשלוס אויסצונוצן די ראש־השנה־וואָך, בכדי „איינצורופן אַ קאָנגרעס פון אַלע יידן אין מעקסיקע, מיט דעם ציל די אַרבעט פון אַנטידיפאַמאַציע צו אָרגאַניזירן".

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אויך באַמיט, אַז די יידן, פון זייער זייט, זאָלן נישט געבן קיין שום געלעגנהייטן פאַר אַנטיסעמיטישע שטימונגען. אויף דער זיצונג פון 17טן אָקטאָבער איז פאַר־

געלייענט געוואָרן אַ בריוו פון אַ געוויסן ה' האַראָן פון וועראַקרוז, וועלכער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דאָרטן הייבן זיך אָן פילן אַנטיסעמיטישע שטימונגען, און ער האַלט, אַז די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס די דאָרטיקע יידן האַלטן זייערע געשעפטן אָפן אין אַזעלכע טעג און שעהן, וואָס זיינען פאַרבאָטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט באַשליסט דעמאָלט צו שרייבן באַזונדערע בריוו צו די דאָזיקע סוחרים און רופן זיי צו אָרדענונג.

אַז דאָס איז נישט געווען קיין פאַראיינצלטער פאַל, באַווייזט דער פאַקט, וואָס אויף אַן אַנדער זיצונג האָט זיך געמאָלדן אַ דעלעגאַציע פון הענדלער אויפן לאַגוניאַ־מאַרק (ה' באַרער און ה' שבת), וואָס האָבן איבערגעגעבן, אַז **„דער פאַקט, וואָס די יידישע הענדלער מאַכן אויף זייערע סטענדן אום זונטיק, מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק און גיט מאַטעריאַל די אַנטיסעמיטן"**. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אויפגענומען דעם ענין ערנסט און באַשלאָסן צו רופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון די לאַגוניאַ־הענדלער, כדי אויפצוקלערן זיי די זאַך (פּראָטאָקאָל פון 24טן אָקטאָבער 1939). פון דער צווייטער זיצונג אין אַ וואָך אַרום דערוויסן מיר זיך, אַז די אַקציע אין לאַגוניאַ־מאַרק האָט געהאַט אַ פולן דערפאָלג, און מע האָט באַשלאָסן זי אויסצוברייטערן אויך אויף אַנדערע מערק.

זעט אויס אָבער, אַז עס זיינען געווען מיינונגען אין יידישן ישוב, און אפילו אין צענטראַל־קאָמיטעט גופא, אַז עס ווערט ווייניק געטאָן אויפן געביט פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, און אויף דער זיצונג פון 13טן פעברואַר 1940 **„ווערט דער צ.־ק. שאַרף אָנגעגריפן, וואָס ער טוט אַזוי ווייניק קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע"**. אויף דער זיצונג ווערט באַשלאָסן צו רופן אַ ברייטערע באַראַטונג, צוזאַמען מיט איינגעלאַדענע געסט ספּעציעל געווידמעט דעם דאָזיקן ענין. די דאָזיקע באַראַטונג איז טאַקע אין גיכן צו שטאַנד געקומען. פון דעם פּראָטאָקאָל איז אָבער נישט קלאָר, וואָס פאַר אַ באַשלוסן מע האָט אָנגענומען. דער פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן אַ באַריכט פון דעם, וואָס דער צ.־ק. האָט ביז איצט געטאָן און פאַרענדיקט דערמיט, אַז דער צ.־ק. וויל נישט פירן ווייטער די טעטיקייט קעגן אַנטיסעמיטיזם אַליין. עס איז טאַקע אויף דער פאַרזאַמלונג געקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלע „אַנטי־דיפאַמאַציע־קאָמיסיע", אָבער עס איז נישט קלאָר, אין וואָס אייגנטלעך עס איז באַשטאַנען איר גרעסערע רעפּרעזענטאַטיווקייט, ווי באַלד אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַראייניקט אַלע יידישע

אָרגאַניזאַציעס פון מעקסיקע און האָט אויך געהאַט היפשע פאַר־בינדונגען מיט די קלענערע יידישע ישובים אין דער פּראָווינץ.

אין די ווייטערדיקע דאָקומענטן, וואָס באַציען זיך צו דעם פּע־ריאָד ביז סוף 1941 (די צייט, וואָס מיר נעמען אַריין אין דער דאָ־זיקער אַרבעט), זיינען כמעט נישטאָ קיין דירעקטע מאַטעריאַלן וועגן דער טעטיקייט פון צענטראַל־קאָמיטעט אויף דעם געביט פון אַנטי־דיפאַמאַציע. בלויז אין פּראָטאָקאָל פון 18טן מערץ 1941 ווערט דער־ציילט, אַז

„אַ דעלעגאַציע פון „נדחי־ישראל" שטעלט זיך פאָר. אַזוי ווי די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע נעמט געוואַלדיק צו, זייי־נען פאַרשיידענע מענטשן געקומען צו „נדחי־ישראל", אַז זיי זאָלן עפּעס אונטערנעמען אין דער זאַך. אָבער אַזוי ווי זיי ווייסן, אַז דער צ.־ק. פירט אָן דעם קאַמף, בעטן זיי אויפקלע־רונג, וואָס דער צ.־ק. טוט. פּרעזידענט וואַלפּאָוויטש קלערט אויף דער דעלעגאַציע, וואָס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן, און וועלכע מעגלעכקייטן זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן, ווייל אַנשטאָט די יידישע געזעלשאַפטן זאָלן מיטאַרבעטן מיטן צענ־טראַל־קאָמיטעט, איז געווען אַן אומגעזונטע קריטיק און גלייכ־גילטיקייט. די דעלעגאַציע זאָגט צו די קאָאָפּעראַציע פון „נדחי־ישראל".

מע דאַרף אָבער אָננעמען, אַז דאָס קומען פון דער דעלעגאַציע פון נ"י איז אפשר אויך געווען נישט מער, ווי אַ טייל פון דער „אומגעזונטער קריטיק" לגבי דעם צענטראַל־קאָמיטעט, און אַז די אויסדרוקן וועגן דער „געוואַלדיק" אויסגעברייטערטער אַנטיסעמי־טישער פּראָפּאַגאַנדע זיינען איבערגעטריבן. פאַקטיש איז די לאַגע געגאַנגען — אמת, שטופנווייז — צום בעסערן, און מיט דער כסדר־דיקער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון מעקסיקע האָט אויך ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן צו ווערן דער אַנטיסעמי־טישער באַציל, יעדנפאַלס אין זיינע עפנטלעכע פאָרמען.

ה.

אַנדערע טעטיקייטן פון צענטראַל-קאָמיטעט

מיר האָבן זיך אויבן אָפּגעשטעלט גענויער אויף דער אַרבעט פון צענטראַל-קאָמיטעט אויף די געביטן פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פליטים-הילף און קאָלאָניזאַציע, — ווייל דאָס זיינען געווען טעטיקייטן פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פאַרן גאַנצן ישוב בכלל. אגב, איז די דאָזיקע טעטיקייט פאַרהעלטענישמעסיק גענויער אָפּגעשפיגלט אין די דאָקומענטן פון צ.-ק. פאַר די יאָרן 1938 — 1941.

דאָס באַטייט אָבער נישט, אַז די אַרבעט פון צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך באַגרענעצט אויסשליסלעך דערצו. עס איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז ער האָט אָנגעקניפּט און אונטערגעהאַלטן כסדרדיקע פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע אָנגעזעענע אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון אַן אַלוועלטלעכן כאַראַקטער. צוליב זיין אַרבעט פאַר די פליטים האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט זיך קאָנטאַקטירט מיט דער אָרגאַניזאַציע פאַר פליטים-הילף און עמיגראַציע — „היאס — היצעם" — און האָט אָפּט מאָל געקריגן פון איר דירעקטע אונטערשטיצונגען.

אַ באַזונדער באַדייטונג האָט געהאַט די נאָענטע פאַרבינדונג פון צענטראַל-קאָמיטעט מיטן יידישן וועלט-קאָנגרעס און דירעקט מיט אירע אָנגעזעענע טוערס, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט קומען קיין מעקסיקע צו באַקענען זיך מיט די פּראָבלעמען פון יידישן ישוב אין מעקסיקע. די ערשטע פאַרצייכענונג וועגן אָט די קאָנטאַקטן געפינען מיר אין פּראָטאָקאָל פון 17 יולי 1939, ווען דער צענטראַל-קאָמיטעט נעמט אויף אַלס גאַסט דעם ראַביי קלאַרק פון די שטאַטן, וואָס **„ברענגט אַ גרוס פון יידישן וועלט-קאָנגרעס און אַ פּערזענלעכן גרוס פון ראַביי ד"ר סטעפען וויַיז".** אויף דער דאָזיקער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ בריוו צו ד"ר וויַיז וועגן ענגער מיטאַרבעט מיטן וועלט-קאָנגרעס. ווי מיר האָבן שוין אויבן דערציילט, איז אויף דער זעלבער זיצונג געווען ה' רובינשטיין, אַ פאַרטרעטער פון וועלט-פאַרבאַנד „אָרט", מיט וועלכן דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אויך אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג.

בשייכות מיט די פאַרשיידענע פּלענער וועגן קאָלאָניזאַציע איז דער צענטראַל־קאָמיטעט געשטאַנען אין אַ סיסטעמאַטישן קאָנטאַקט מיט דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנישער צענטראַלע פון דער גרויסער יידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע „דזשאָינט", פון וועלכער מע האָט געקריגן פינאַנציעלע הילף פאַר די פּליטים.

אויף דער זיצונג פון 10 אָקטאָבער 1939 באַשליסט דער צענ־טראַל־קאָמיטעט אָפיציעל צו ווערן אַ מיטגליד פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, מיט אַלע פאַרפליכטונגען און רעכט, וואָס דרינגען דער־פון אַרויס. דער וועלט־קאָנגרעס פון זיין זייט, ווי אויך די איבערי־קע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנערקענט דעם יידישן צענ־טראַל־קאָמיטעט אַלס רעפּרעזענטאַנט פון יידישן ישוב אין מעקסי־קע און פלעגן זיך צו אים ווענדן מיט אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן סיי אין מעקסיקע סיי אויף דער גאַרער וועלט.

אין פּראָטאָקאָל פון 15טן אַפּריל 1941 איז פאַרצייכנט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו דער יידישער פּאַן־אַמעריקאַנישער קאָנפערענץ.

* * *

וואָס שייך דער פינאַנציעלער באַזע פון צענטראַל־קאָמיטעט, איז דער פאַרמעסט צום אָנהייב געווען זייער אַ גרויסער. מע האָט בדעה געהאַט צו קאָנצענטרירן אין איין האַנט אַלע זאַמלונגען און צוטיילן יעדער אינסטיטוציע איר בודזשעט לויט די באַדערפעניש. ווי מיר ווייסן, איז פון די דאָזיקע פּלענער גאָרנישט געוואָרן.

אין אָנהייב פון זיין טעטיקייט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פּראָקלאַמירט אַ גרויסן „קאַמפּיין" פון 100.000 פּעזעס. די פּראָטאָ־קאָלן פון די זיצונגען געבן נישט קיין מעגלעכקייט צו אָריענטירן זיך, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער רעזולטאַט פון קאַמפּיין און בכלל וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע פון צענטראַל־קאָמיטעט, חוץ דעם, וואָס זייער אָפט רעדט מען וועגן די „פינאַנציעלע שוועריקייטן". פון צייט צו צייט געפינען מיר ספּאָראַדישע ידיעות, וואָס ווייזן, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געפירט זיין טעטיקייט אויפן יסוד פון פאַרשיידענע זאַמלונגען און באַשטייערונגען פון יחידים אין מעקסיקע־שטאָט, ווי אויך אויף דער פּראָווינץ. דער צענטראַל־קאָמיטעט פלעגט אויך קריגן סובווענצן פון פאַרשיידענע אויסלענ־דישע יידישע אָרגאַניזאַציעס, דירעקט אויף באַשטימטע הילפס־צוועקן (פאַר די פּליטים א"א), למשל, פון „דזשאָינט", „היצעם"

א"א. דער צענטראַל-קאָמיטעט, פון זיין זייט, פלעגט זיך באַשטייערן פאַרן יידישן וועלט-קאָנגרעס און פאַר אַנדערע אַלגעמיין יידישע צוועקן.

אומדירעקט קאָנען מיר פון די פּראָטאָקאָלן אויספירן, אַז, למשל, אין יאָר 1939 האָבן די חודשלעכע הכנסות און הוצאות אויסגעמאַכט אַרום 10.000 פּעזעס.

* * *

חוץ דער הילפסאַרבעט דירעקט פאַר די פּליטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין מעקסיקע, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָנגעפירט אָדער זיך מיטבאַטייליקט אין פאַרשיידענע אַקציעס פון אַ ספּעציעלן כאַראַקטער. מיר וועלן דאָ דערמאָנען די וויכטיקסטע:

אין סעפּטעמבער 1939 העלפט מיט דער צ.-ק. אין דעם קאַמפּיין פאַר די פּוילישע יידן. אין יאַנואַר 1940 באַשליסט דער צענטראַל-קאָמיטעט **„צו פאַטראָניזירן דעם קאַמפּיין, וועלכער ווערט דורכגע-פירט פונעם „דזשאָינט" צוזאַמען מיט דעם קרן-היסוד פאַר די יידן-פּליטים פון רומעניע, כדי צו שיקן זיי קיין ארץ-ישראל".** אויך אין דעם אַזוי גערופענעם „פּראָ-פּאַסאַכעס"-קאַמפּיין, וואָס די ציוניסטי-שע אָרגאַניזאַציע האָט געפירט, האָט זיך דער צענטראַל-קאָמיטעט באַטייליקט, סיי דורך אַ באַשטייערונג סיי דורך פּראָפּאַגאַנדע. די דאָזיקע אַקציע (ווי מיר ווערן געוואָר פון פּראָטאָקאָל פון 4טן יוני 1940) האָט אַריינגעבראַכט 85.000 פּעזעס.

אין די חדשים אויגוסט-סעפּטעמבער 1940 האָט זיך דער צענ-טראַל-קאָמיטעט באַטייליקט אין דער אַקציע צו העלפן די יתומים פון יידישע ישובים אין אייראָפּע. מע איז צו דעם צוועק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די קאָנסולאַטן פון פּוילן, ענגלאַנד א"א. אין סעפּטעמבער 1940 האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָנגע-הויבן אַן אַקציע צו קויפן 2 אַמבולאַנסן פאַרן בריטישן רויטן קרייץ. די דאָזיקע אַקציע איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, אַריינברענ-גענדיק 80.000 פּעזעס. אויף דער זיצונג דעם 22טן יוני 1941 איז איבערגעלייענט געוואָרן אַ דאַנקבריוו פון דעם ענגלישן קאָנסול פאַר דער הילף לטובת ענגלאַנד. דער צ.-ק. האָט אויך אָנטייל גענומען אין אָרגאַניזירן דעם באָיקאָט אויף דייטשע סחורות.

אין די פּראָטאָקאָלן געפינען מיר אויך פאַרצייכענונגען וועגן אונ-טערשטיצונגען פאַר פאַרשיידענע אַלגעמיין-מעקסיקאַנישע אינסטי-טוציעס (ווי, למשל, פאַר דעם אוניווערסיטעט א"א).

* * *

געווים האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט געהאַט אויך זיינע שוואַכע זייטן און היפּשע פעלערן, וואָס האָבן אַרויסגערופן קריטיק — אָפט זייער אַ שאַרפע — מצד פאַרשיידענע טיילן פון יידישן ישוב. אין אַלגעמיין אָבער קאָן מען פעסטשטעלן, אַז דאָס איז געווען אַ נייטיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט צוגעטראָגן איר פּאָזיטיוון ביישטייער צו דער געשטאַלטיקונג און אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מעקסיקע. דער יידישער צענטראַל-קאָמיטעט איז נאָך טעטיק ביז היינט, הגם אין אַנדערע באַדינגונגען און מיט אַנדערע אויפגאַבן.

קאַפּיטל נײַן

די ציוניסטישע באַוועגונג אין מעקסיקע

א.

די ערשטע טריט

דאָס בילד פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע וואָלט געווען נישט פול און נישט געהעריק אָפּגעשפּיגלט, ווען מיר וועלן אויסלאָזן די ציוניסטישע באַוועגונג. מיר באַוואָרענען זיך, פאַרשטייט זיך, אַז מיר פאַרמעסטן זיך נישט צו געבן אַן אויספירלעך און אַלזייטיק בילד פון דער דאָזיקער באַוועגונג — דאָס וואָלט געפאָדערט אַ נייע גרויסע אָנשטרענגונג, כדי צונויפצוזאַמלען די נייטיקע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, און די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער מי וואָלטן זיך באַדאַרפט אויסדריקן אין אַ באַזונדערן בוך.

דאָ וועלן מיר זיך מוזן באַגרענעצן מיט זייער אַ קורצן איבערבליק איבער דעם אויפקום און די אָנהייב-יאָרן פון ציוניזם אין מעקסיקע, אין די באַשיידענע ראַמען פון די ידיעות און מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רשות.

* * *

עס איז פולשטענדיק נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז ציוניסטישע טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן גלייך אין אָנפאַנג פון יידישן ישוב, גלייך מיטן אַראָפּקום פון די ערשטע אימיגראַנטן — ציוניסטן. אמת, דאָס האָט האָט נאָך געמוזט טראָגן דעם כאַראַקטער פון ספּאָראַדישקייט און אומאָרגאַניזירטקייט.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט וועגן דער ערשטער פּראָ-ארץ-ישראל-מאַניפעסטאַציע אין מעקסיקע, וואָס איך אַליין האָב געהאַט דעם כבוד צו אָרגאַניזירן (צוזאַמען מיט מאַרטאַן גרין) נאָך אין נאָוועמבער פון יאָר 1918 — די פייערלעכע פאַרזאַמלונג לכבוד דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע. איך דערמאָן זיך נאָך איצט מיט גערירטקייט יענעם אָוונט, אויף וועלכן קיין גאָר גרויסער עולם איז נישט געווען — האָט נאָך נישט געקאָנט זיין, ווייל סך-הכל זיינען מיר געווען עטלעכע צענדליק געקומענע פון איירָאָפּע. איך דערמאָן זיך אפילו, אַז דער געקומענער עולם איז זיך אויך שיער נישט פונאַנדערגעגאַנגען, ווען נאָך די רעדעס האָט דער אַלטער

מעקסיקאַנער תושב מאיר פּערקים פאַרגעלייענט אַ גרויסע העברעי־שע פּאָעמע — שוין טאַקע אַ ביסל צו גרויס פאַר דעם קליינעם עולם...

נאַטירלעך, קאָן מען נאָך נישט רעדן וועגן אַן אָרגאַניזירטער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער אָרגאַניזאַציע אין יענע בראשית־יאָרן פון ישוב. עס זיינען געווען פאַראיינצלטע צונויפקומען אָדער אונ־טערנעמונגען. צו זיי קאָן מען אויך פאַררעכענען די ערשטע קרן־היסוד־אַקציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין מעקסיקע אין יאָר 1923 דורך אוריאל בן־ציון און זיין פרוי. בשייכות מיט דער אַקציע איז אפילו פאָרגעקומען אַ קאָנצערט־אונטערנעמונג. אָבער דאָס אַלץ זיינען פאָרט נישט מער ווי אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, דער פאַקטי־שער אויפקום פון דער ציוניסטישער באַוועגונג הייבט זיך ערשט אָן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, מיטן וואוקס און אַנטוויקלונג פון ישוב.

* * *

פאַרן אָנהייב פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאַרף מען אָננעמען די דאַטע פון יאָר 1925, ווען אַ גרופּע ציונים האָבן אָרגאַ־ניזירט אַן עפנטלעכע פייערונג לכבוד דער דערעפענונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. און דאָס נישט אַזוי צוליב דער אונ־טערנעמונג אַליין, ווי צוליב דעם, וואָס גלייך נאָך דער דערמאָנטער פייערונג איז געשאַפן געוואָרן אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און עס איז טאַקע אויך אויסגעקליבן געוואָרן אַן אָנפירנדיקער קאָמיטעט, וואָס זיין ערשטער פרעזידענט איז געווען אדוואָקאַט ראָזענבערג און אַלס קאַסירער — דער אַלעמען באַקאַנטער און לאַנגיעריקער ציוניסטישער עסקן ד״ר מינץ.

אוודאי איז די טעטיקייט פון דער געגרינדעטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געווען זייער אַ באַשיידענע, דער עיקר צוליב די אַל־געמיינע באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין מעקסיקע אין יענער צייט. צו ערשט האָט מען זיך איינגעאָרדנט אַ לאָקאַל אין די ביוראָען פון „בני־ברית", אויף גאַס מינאַ, שפּעטער איז מען איבערגעגאַנגען אויף טאַקובאַ 15, אין לאָקאַל פון „יאַנג־מען". נאָך דעם ווי די אָר־גאַניזאַציע האָט זיך אַ ביסל פאַרפעסטיקט האָט מען באַשלאָסן צו ווערן אויס „סובלאָקאַטאָר" ביי יענעם, און מע האָט שוין געדונגען אַ זעלבשטענדיקן לאָקאַל (אויף דער גאַס קאָנדעסאַ). אָבער אויך אין אייגענעם לאָקאַל איז די אַרבעט געווען זייער אַ באַגרענעצטע און

נישט־פלאַנמעסיקע. גענוג צו זאָגן, אַז מע האָט נאָך דעמאָלט נישט געפירט אפילו קיין סיסטעמאַטישע זאַמלונגען פאַר די קרנות — איבעריקנס, איז דאָס פאַרשטענדלעך, אויב מע וועט זיך דערמאָנען, אַז ס'איז נאָך נישט געווען ביי וועמען צו זאַמלען, ווייל דער רוב פון די יידישע אימיגראַנטן האָבן נאָך דעמאָלט קוים פאַרדינט אויפן שטיקל ברויט. דער לאָקאַל פלעגט זיך אויסהאַלטן פון דעם קאַרגן מיטגלידס־אָפּצאָל און פון אַנדערע צופעליקע הכנסות.

אַ געוויסע צייט האָט מען געקלערט וועגן פאַרגרעסערן די הכנסות דורך אונטערנעמונגען (טאַנץ־פאַרוויילונגען, אַמאַטאָרישע טעאַטער־פאַרשטעלונגען) און מע האָט טאַקע צוליב דעם געדונגען אַ גרעסערן לאָקאַל אויף דער גאַס באָליוואַר. אָבער די אויסרעכענונגען אויף גרעסערע הכנסות זיינען נישט מקוים געוואָרן, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, נאָך מער באַגרענעצט די טעטיקייטס־מעגלעכקייטן, נישט געקוקט, וואָס צו יענער צייט זיינען צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוגעקומען עטלעכע נייע ענערגישע מענטשן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין דער אַרבעט: **מאַקס ווערנער, מאַקס קאַנטאָר, אַדאָלפאָ פאַסטליכט** א"א. אַ היפּשן אימפולס אין דער אַרבעט איז אויך געווען דער באַזוך אין 1925 (1926?) פון **בן־צבי** — דעם היינטיקן פרעזידענט פון ישראל.

ב.

די יוגנט אָרגאַניזירט זיך

אַ ראַדיקאַלע ענדערונג צום בעסערן איז פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1928, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי יהודה". געשען איז דאָס קודם כל אַדאַנק דער איניציאַטיוו און אומדערמידלעכער ענערגיע פון ציוניסטישן טוער **ירחמיאל ווישניעוויטש**, וואָס איז דעמאָלט געקומען קיין מעקסיקע. דעם אמת געזאָגט, האָבן נישט אַלע אַלטע ציוניסטן פון מעקסיקע אויפגענומען מיט דער געהעריקער פאַרשטענדעניש די איניציאַטיוו. אַ סך האָבן געהאַלטן, אַז אין די באַדינגונגען פון מעקסיקע איז נישט מעגלעך אַזאַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע. ווישניעוויטש האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּקילן דורך די סקעפּטיקער און ווייטער געטאָן זײַן אַרבעט. צו הילף זײַנען אים געקומען אייניקע יונגע ציוניסטן, פון די אַ ביסל פריער געקומענע, ווי **יוסף וויניעצקי, אברהם ווייסבוים, בידערמאַן**, — און אין אַ קורצער צייט אַרום, נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, איז געלונגען צונויפצורופן אַ פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זײַנען געקומען ביי אַ 60 יידישע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן מיט גרוים צופרידנקייט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאָרגע־לייגטער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי יהודה". אין דער אויסגעוויילטער פאַרוואַלטונג זײַנען אַריין 7 מענטשן, בראש מיט י. ווישניעוויטשן אַלס פאָרזיצער.

כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַרהעלטענישן פון יענער צייט און פאַר די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אויסגעקומען צו אַרבעטן, איז דער עפּיזאָד, וועלכן ס'דערציילט ווישניעוויטש: מע האָט געוואָלט אָפּדרוקן מיטגלידער־דעקלאַראַציעס, און היות ווי כמעט אַלע יוגנטלעכע האָבן נישט געקאָנט צאָלן, האָט מען זיך געווענדט צום קאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ווען אַסיגנירן אויף דעם צוועק די סומע פון 8 (אכט!) פּעזעס; אָבער דער קאָמיטעט האָט אָפּגעזאָגט, דערקלערנדיק, אַז פּשוט — זיי האָבן אַליין נישט אַזאַ סומע אין קאַסע...

נישט געקוקט אָבער אויף די מאַטעריעלע שוועריקייטן, האָט

זיך דווקא אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי־יהודה" אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע ציוניסטישע טעטיקייט, דער עיקר פון אויפקלערונגס־ און אידעאָלאָגישן כאַראַקטער, וואָס איז ספּעציעל וויכטיק געווען פאַר יענער צייט. יעדע וואָך פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן, לעקציעס און אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס פלעגן צוציען אַן עולם. די „צעירי־יהודה" זיינען אויך געווען די איניציאַטאָרן און דורכפירער פון אַ כסדרדיקער זאַמלונג פאַרן קרן־קימת; די יוגנט־לעכע האָבן אַנגעהויבן אַריינצושטעלן אין יידישע הייזער און אינס־טיטוציעס קרן־קימת־פּושקעס און זיי פלעגן מיט איבערגעגעבנקייט דערפילן די אַרבעט פון סיסטעמאַטישן גיין זיי אויסליידיקן. דעם ביישפּיל פון דער יוגנט האָבן שפּעטער נאָכגעטאָן די עלטערע, און אויף אַזאַ אופן איז די טעטיקייט פאַרן קרן־קימת געוואָרן איינע פון די עיקרדיקע אַרבעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע.

עס איז אויך ביי דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע געשאַפן געוואָרן אַ כאָר אונטער דער אָנפירונג פון משה איווקער; עס זיינען אפילו גע־ווען ווייטגייענדיקע פּלענער וועגן אַן אייגענעם אָרקעסטער, אָבער זיי זיינען נישט רעאַליזירט געוואָרן, ווייל מע האָט נישט געקאָנט שאַפן די 150 פּעזעס, וואָס די נייטיקע אינסטרומענטן האָבן באַ־דאַרפט קאָסטן.

אין די יאָרן 1929—1930 איז די אַרבעט פון דער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע אָפּגעשוואַכט געוואָרן, צוליבן אָוועקגאַנג פון אַ טייל אָנפירנ־דיקע חברים (למשל, ווישניעוויטש איז דעמאָלט געהאַט איבערגע־פאָרן אויך דער פראָווינץ), אָבער דער אָנהייב, וואָס דורך איר גע־מאַכט געוואָרן, האָט שוין געגעבן די ריכטונג פאַר דער אַלגעמיינער טעטיקייט פון די ציוניסטן אין מעקסיקע.

ג.

חילוקי־דעות

אין די יאָרן 1929—1930 מאַכט דורך די ציוניסטישע באַוועגונג אין מעקסיקע אַ שאַרפן אינערלעכן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס, וואָס האָט געהאַט זיינע סיבות סיי אין פּערזענלעכע שטרייטיקייטן צווישן געוויסע עסקנים, סיי אין טיפערע אידעאָלאָגישע קוואַלן.

די חילוקי־דעות האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך פריער, אָבער זיי זיינען אַרויסגעטראָטן בולט נאָכן אָראָפּקומען קיין מעקסיקע פון דעם היינט באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן, **יוסף טשאַרניצקי**, דעמאָלט אַן אַקטיווער טוער פון „השומר הצעיר". דער יונגער טשאַרניצקי האָט אַריינגעבראַכט אַ סך שוואונג און אימפּעט אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, גלייכצייטיק אָבער האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע אַמפּע־רייען, וואָס האָבן באַרירט די פּרינציפּן פון דער ציוניסטישער אַר־בעט אין מעקסיקע.

יוסף טשאַרניצקי און די גרופּע יונגע ציוניסטישע טוער האָבן געוואָלט אָנגעבן דער ציוניסטישער אַרבעט אַ ברייטערן דערציע־ריש־פּאָליטישן כאַראַקטער. זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט גענוג די קליינאַרבעט, די זאַמלונגען פאַר די קרנות, נאָר אַז מע דאַרף זאָרגן וועגן גרינטלעכער דערציונג פון די מיטגלידער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועגן אייגענער פאַרפּולקומונג, און טאַקע אויך צוגרייטן די יוגנט פאַר עליה קיין ארץ־ישראל.

אָט די שטעלונג איז געווען לגמרי פרעמד אַזאַ טוער, למשל, ווי **מאַקס ווערנער**, אַ דייטשער ייד, אויף אַ העכערער מאַטעריעלער פּאָזיציע, אַ דערצויגענער אין אַן אַנדער גייסטיקער סביבה און מיט אַן אַנדער מענטאַליטעט, כאָטש אַ גוטער ציוניסט — לויט זיינע השגות. ער און אַ געוויסע גרופּע טוערס, וואָס זיינען אין יענער צייט געשטאַנען אַרום אים, האָבן געקוקט אויף די יונגעלייט אַ ביסל מיט ביטול, האַלטנדיק, אַז דאָס זיינען אפילו שעדלעכע „פאַנטאַ־זיאָרן".

אַזוי אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן אַמפּערייען, וואָס האָבן זיך פון טאָג צו טאָג פאַרשאַרפט, דערפירנדיק צו אומפאַרשטענדענישן אויך

אויפן פערזענלעכן באָדן, ביז וואַנען עס קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע קעגנזײַטלעכע עלעמענטן וועלן זיך נישט קאָנען אײַנלעבן, און עס איז געקומען צו אַ קריזיס. די ליקווידאַציע־שטימונגען האָבן, צווישן אַנדערע, דערפירט דערצו, אַז דעם גרויסן לאָקאַל האָט מען נישט געקאָנט אויסהאַלטן — איבעריקנס, האָט די גרופּע ווערנער־שטאַמער געהאַלטן, אַז עס איז גאָר בכלל נישט נייטיק קיין אײגענער גרויסער לאָקאַל פאַר קולטור־דערציִערישער אַרבעט, אויף דעם איז דאָ דער „יאַנג־מען". דערנאָך, ווען מע האָט געדונגען אַ קלענערן לאָקאַל (אויף איזאַבעל לאַ קאַטאַליקאַ), האָבן זיי פון דער אָרגאַניזאַציע אויסגעשלאָסן די טוערס ווייסבוים און ווינעצקי — אמת, דאָס איז נישט געמאַכט געוואָרן פאָרמעל, אָבער פאַקטיש איז דאָס אַזוי געווען.

די יונגע טוערס ווידער האָבן זיך די ערשטע צײַט נישט געפילט בכוח אַליין איבערצונעמען די אָנפירונג מיט דער ציוניסטישער אַרבעט אין מעקסיקע. אגב, איז אויך צווישן זיי אַליין נישט געווען קיין אייניקייט; אַזוי, למשל, **זײַנען בידערמאַן און מאיר בערגער** אין יענער צײַט דווקא געגאַנגען מיט דער גרופּע ווערנער־שטאַמער. ערשט מיט אַ צײַט שפּעטער האָט זיך די יונגע גרופּע פעסטער אָרגאַניזירט און אָנגעהויבן אַ זעלבשטענדיקע ציוניסטישע אַרבעט.

אָנגעהויבן האָט מען פון צוריק אָרגאַניזירן די קרן־קימת־אַרבעט און שפּעטער האָט מען אויך זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ באַזונדערן לאָקאַל, צו ערשט אין אַ צימער בײַ דער יידישער שול אויף קאַלאַמביאַ 16. אַזוי אַרום איז אויך פאָרמעל אויפגעקומען אַ צווייטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דאָס האָט נאַטירלעך אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דער אַלטער גרופּע, אָבער זי איז שוין נישט געווען בײַכולת זיך קעגנצושטעלן, און בקרוב איז זיך אָט די גרופּע אין גאַנצן צעשוואומען, איבערלאָזנדיק דאָס פעלד פאַר די יונגע.

דערווײַל זײַנען אָבער אַנטשטאַנען נײַע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, און עס איז ווידער אַ מאָל געקומען צו אַ צעשפּליטערונג פון די ציוניסטישע כוחות, ווען בידערמאַן האָט מיט אַ גרופּע זײַנע אָנהענגער געשאַפן אַ נײַע אָרגאַניזאַציע — די **„ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל"**. מיט דעם אויפקומען פון דער נײַער אָרגאַניזאַציע הייבט זיך אָן אַ נײַע סדרה שטרײַטן צווישן די ציוניסטן אין מעקסיקע, קריגערייען, וואָס האָבן אָנגענומען אָפּט מאָל זייער אַ שאַרפן כאַראַקטער, אונטערגרײַסנדיק אַזוי אַרום דעם עצם יסוד, אויף וועלכן די ציוניסטישע טעטיקייט האָט געקאָנט גערייען און

זיך אַנטוויקלען אין די באַדינגונגען פון יידישן לעבן אין מעקסיקע — דעם יסוד פון אחדות און קאָאָרדינירטקייט, נעמענדיק אין אַכט, אַז דער ישוב איז נאָך געווען נישט גרויס, און אַז עס איז נישט גע־ווען קיין ציוניסטישע מאַסן־באַוועגונג, אין וועלכער עס זאָלן זיין באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע גרופּעס און פראַק־ציעס.

די קריגערייען זיינען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגעזונטע קאָנקורענץ ביי פאַרשיידענע אונטער־נעמונגען, און איין אָרגאַניזאַציע האָט געשטערט דער אַנדערער.

וועלנדיק, זעט אויס, אָפּשוואַכן דעם איינפלוס פון דער בידער־מאַן־גרופּע, האָט מען געשאַפן אַ צווייטע „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל”, אין די ראַמען פון דער פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך טכאָרניצקין און זיינע חברים. אָבער דאָס האָט נישט געלייזט די שטרייטיקייטן, און בידערמאַנס „ליגע” האָט נישט איבערגעריסן איר אַרבעט.

ד.

אַנטוויקלונג און דיפערענצירונג

פון דעסטוועגן האָט זיך די אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאָך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און אויסברייטערן. מע האָט געפירט אַ מער וויי־ניקער סיסטעמאַטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטיש־דערציערישע אויפקלערונגס־אַרבעט. יעדן פרייטיק פלעגן איינגעאָרדנט ווערן רעפעראַטן און לעקציעס. מע פלעגט אויך איינאָרדענען, ווי פריער, טאַנץ־אָוונטן און אַנדערע פאַרווײלונגען, אָבער פאַר דעם אָנהייב פון אַזאַ אָוונט פלעגט מען דורכפירן אַ קורצן שמועס איבער אַן אַקטועלער ציוניסטישער טעמע — וועלנדיק אַזוי אָרום צוקומען צו אַזאַ עולם, וואָס פלעגט נישט קומען צו די אויסגעשפּראָכן פּאָליטישע אימפּרעזעס.

דעמאָלט — אין די יאָרן 1931—1932 — האָט זיך אויך איינגעשטעלט די טראַדיציע צו פייערן סיסטעמאַטיש די נאַציאָנאַלע יום־טובים און אויך די געדענק־טעג פון די גרויסע ציוניסטישע פירערס: כ׳ תמוז, פינסקער־אָוונט אד״גל. עס פלעגט אויך געפייערט ווערן דער יאָרטאָג פון עפענען דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואָס איז אויך באַטראַכט געוואָרן ווי דער יאָרטאָג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע.

עס דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז עס איז זייער שיין אויסגעפאַלן די פייערונג לכבוד דעם צענטן יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון דער „הסתדרות העובדים”. נאַטירלעך, האָט אויך די בידערמאַן־גרופּע באַזונדער אָפּגעמערקט די דאָזיקע דאַטע.

אין אָנהייב פון יאָר 1931 איז יוסף טכאָרניצקי אַוועקגעפאָרן אויף אַ לענגערער צייט פון מעקסיקע, אָבער די אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ערשטנס, האָט די גרופּע ענערגישע יונגע חברים שוין געהאַט אָנגעגעבן אַ ריכטונג און אימפּעט דער אַרבעט, אַז זי האָט זיך שוין נישט געקאָנט אָפּשטעלן; צווייטנס, איז דער ישוב געוואקסן סיי אין צאָל סיי אין עקאָנאָמישער הינזיכט, און דאָס האָט געשאַפן בעסערע באַדינגונגען פאַר דער ציוניסטישער אַרבעט; און, דריטנס, פאַר

דער צייט האָבן שוין באַוויזן צוצוקומען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ היפּשע צאָל נייע טוערס, סיי פון יינגערן סיי פון עלטערן דור, פון זיי דאַרפן דערמאָנט ווערן: **שלמה קוטשער און זיין ברודער, העשל ראַבינאָוויטש, ד״ר אַדאָלפאָ פּאַסטליכט, לייב דולצין, ישראל גיטלין, אליעזר מאַשינסקי** און אַנדערע.

אויף יענער צייט (סוף 1931 אָנהייב 1932) פאַלט אויך אויס דער אָנהייב פון דער ציוניסטישער פּרעסע. פריער איז דאָס געווען דער יערלעכער ביולעטין פון קרן-קימת, וואָס פלעגט אָנגעבן, חוץ איייניקע אַרטיקלען אויף ציוניסטישע טעמעס, די פולע ליסטעס פון די ביישטייערער אין משך פון יאָר. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן ציוניסטישן אָרגאַן „פאַרן פאָלק״, וואָס מאיר בערגער איז געווען זיין ערשטער רעדאַקטאָר. שפּעטער איז ער רעדאַגירט געוואָרן דורך **יעקב קינגן, סולקעסן** א״א.

אין סוף פון יאָר 1931 האָט דער צוריקגעקומענער טכאַרניצקי געמאַכט אַ פּרוּוו צו אָרגאַניזירן די יוגנט (די אָרגאַניזאַציע „צעירי יהודה״ האָט שוין דעמאָלט נישט געפירט איר טעטיקייט), דאָס מאָל אין דער פאָרם פון אַ יוגנט-קלוב ביי דער יידישער שול, וואו טכאַרניצקי האָט דעמאָלט געאַרבעט אַלס לערער.

די ערשטע גרעסערע געלט-זאַמל-אַקציע פאַר ארץ-ישראל איז פאָרגעקומען נאָך די טרויעריקע געשעענישן פון יאָר תרפ״ט (1929). די ציוניסטישע עסקנים האָבן דאַן באַוויזן צוצוציען איינעם פון די ענערגישסטע געזעלשאַפטלעכע טוערס פון מעקסיקאַנער יידישן ישוב, **פּעם ראָזען**, ער זאָל זיך שטעלן בראש פון דער קאַמפּאַניע, וואָס איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן, ווי פאַר יענער צייט, מיט זייער אַ גרויסן דערפאָלג, אַריינבריינגענדיק ביי אַ 10.000 פּעזעס. כדאי צו פאַרצייכענען, אַז איינער פון די ביישטייערער, האַרי באַרו, האָט געשפּענדעט 1.000 פּעזעס, וואָס איז דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אויסערגעוויינלעכער סומע. וויכטיק איז אויך געווען דער ערשטער גרויסער ציוניסטישער מאַסן-מיטינג, וואָס איז ביי דער געלעגנהייט פון דער אַקציע דורכגעפירט געוואָרן, בעת וועלכן עס זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַנטשפּרעכנדיקע רעדעס **טכאַרניצקי, בערגער** א״א. עס איז אויך דאָרט געווען אַ רעדע אין העברעיש, געהאַלטן דורך אַ ספרדישן יידן, **עמיליאָ פּאַקאַל**. דער דאָזיקער מיטינג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין גאַנצן יידישן ישוב אין מעקסיקע.

אַ וויכטיקע אויסברייטערונג פון דער ציוניסטישער טעטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די פּראָווינץ. אין יאָר 1933 האָט יוסף טכאָרניצקי געמאַכט דעם ערשטן אָרגאַניזאַציע- און פּראָפּאַגאַנדע-טור אין פאַרשיידענע שטעט פון מעקסיקע, וואו עס האָבן געלעבט יידישע איינוואַנדערער. די דאָזיקע רייזע איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. שפּעטער האָט מען שוין עפּטערס איבערגעחזרט די באַמיונגען איינצוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט דער פּראָווינץ.

* * *

די אַרבעט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ווערט ווייטער אַלץ פעסטער און פאַרשיידנאַרטיקער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בפרט אַז עס קומען צו נייע ענערגישע טוערס. וואָס ברענגען אַריין נייעם אימפּעט און אויך נייע טענדענצן אין דער באַוועגונג. צווישן זיי דאַרפן דערמאָנט ווערן **הרב ראפאלין**, וואָס האָט אָרגאַניזירט די „מזרחי"-עלעמענטן אין מעקסיקע; **אליהו סוראַסקי**, וואָס איז, צו-ריקקומענדיק פון ארץ-ישראל, געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע עסקנים און איז אויך געווען במשך פון אייניקע יאָרן דער פּרעזי-דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַריינברענגענדיק אַ גרויסן שוואונג אין די קאַמפּיינען פאַר ארץ-ישראל; **טוביה רעזני-קאָוו**, וועלכער האָט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אַרבעט פאַר די קרנות, א"א.

אין יאָר 1935 האָט **ד"ר א. פּאַסטליכט**, וואָס איז אויך דעמאָלט צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל, געגרינדעט אין מעקסיקע אַ **רעווי-זיאָניסטישע פראַקציע**, וועלכע האָט די ערשטע צייט געפירט אַ גאַנץ לעבהאַפטע אַרבעט און אַ שאַרפן קאַמף קעגן דער אַלגעמיי-נער ציוניסטישער באַוועגונג. ד"ר פּאַסטליכט איז אָבער נישט לאַנג פאַרבליבן אין דער רעוויזיאָניסטישער גרופּע.

מיט אַ יאָר פריער זיינען קיין מעקסיקע צום ערשטן מאָל אָנגע-קומען עטלעכע סערטיפיקאַטן, און אַרום זייער פאַרטיילונג זיינען פאַרגעקומען העפטיקע קאַמפן, וואָס האָבן אפילו אַרויסגערופן אַ געוויסע קריזיס-שטימונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דער-פאַר אָבער איז זייער שיין אויסגעפאַלן די פייערלעכע געזעגענונג פון די ערשטע חלוצים, וואָס זיינען פון מעקסיקע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ-ישראל. מע האָט איינגעאָרדנט אַ געזעגענונגס-אָוונט, עס זיי-נען געווען אויפטריטן פון יידישע אַרטיסטן, און איינע פון די לי-

דער, וואָס מע האָט דעמאָלט געזונגען — „איך פאָר אַהיים״ — איז אויף אַ לאַנגער צייט געווען דער „שלאַגער״ פון ישוב.

אין יאָר 1934 זיינען אין מעקסיקע געווען צוויי אויסלענדישע ציוניסטישע שליחים. דער ערשטער, **פּנחס קרוזע**, האָט מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט אַן אַקציע פאַר דער „הסתדרות״. דער צווייטער גאַסט, **סאָפיע יודין**, איז גע־קומען פון די שטאַטן צו אָרגאַניזירן דאָ אַ „פרויען־פּיאָנערן־אָרגאַ־ניזאַציע״. די אָרטיקע טוערס זיינען נישט געווען אין גאַנצן צופרידן מיט איר שליחות — זיי האָבן גיכער געוואָלט שאַפן אַ „וויצאָ״־גרופּע. דער סוף איז געווען, אַז מע האָט געמאַכט אַ געוויסע פשרה: מע האָט טאַקע געגרינדעט אַ „**פרויען־פּיאָנערן**״־גרופּע, אָבער ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די ערשטע פּרעזידענטין פון דער גרופּע איז געווען פרוי **ד״ר מאָרגנשטערן**, שפּעטער האָט די אָנפי־רונג איבערגענומען **פרוי קלאַטשקאָ**.

דער דאָזיקער קאָמפּראָמיס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, און די „פּיאָנערן־פרויען״־גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער דערנענ־טערן צו דער א״ג „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״, הגם פאַרמעל האָבן זיי זיך אַהין נישט אַריינגעגאָסן.

מחוץ פון דער „ליגע״ האָט זיך אויך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן אַ פראַקציע פון „**פּועלי־ציון** — **צעירי ציון**״, וועלכע האָבן זיך אָר־גאַניזירט נאָך פריער לויט דער איניציאַטיוו פון **טאָמינער, פּרל׳ מאַר־גאָלין** און **פרוי ווייסמאַן**.

אין יאָר 1936 איז צום ערשטן מאָל אַראָפּגעקומען קיין מעקסי־קע דער באַקאַנטער פירער פון די „פּועלי־ציון״, **ברוך צוקערמאַן**, וואָס האָט, צווישן אַנדערע, געוואָלט דערפירן צו אַן אויסגלייך צווישן די שטרייטנדיקע גרופּעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע, ווייל די אָמפּערייען האָבן אָפּגעשוואַכט די מעגלעכ־קייטן פון ווירקונגען און השפּעות אויף דעם ישוב, שוין אָפּגערעדט, אַז דאָס פלעגט זיך אויך אָפּרופן אויף דער עפעקטיווקייט פון דער פּראַקטישער אַרבעט און אפילו אויף די ציוניסטישע זאַמל־אַקציעס.

די פאָרשטייער פון דער פאַראייניקטער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע האָבן געהאַלטן, אַז אין די באַדינגונגען פון מעקסיקע איז בכלל נישט נייטיק די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער פּועלי־ציוניס־טישער פּאַרטיי, ווייל אַלע שאַטירונגען און טענדענצן אין ציוניזם קאָנען זיך פריי אויסלעבן אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. זיי

האָבן אפילו זיך געוואָלט פאַרפליכטן, אַז די פאַראייניקטע אָרגאַ־ניזאַציע וועט אויך דורכפירן יעדן יאָר די אַקציע פאַר דער „הסתדרות העובדים" אין ארץ־ישראל.

עס איז אָבער דעמאָלט אויך נישט געקומען צו קיין פאַרשטענ־דיקונג און דער פּראָצעס פון דיפערענצירונג האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט, און ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער איז געקומען צו דער פולער קאָנסאָלידאַציע פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען, — אָבער דאָס געהערט שוין צום פּעריאָד, וואָס גייט אַרויס מחוץ די ראַמען פון דער דאָזיקער אַרבעט.

* * *

דעם לויפיקן איבערבליק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מעקסיקע וועלן מיר פאַרענדיקן מיט אָנגעבן אייניקע דאַטן וועגן די אַקציעס פאַרן קרן־היסוד, וואָס האָבן נישט ווייניק בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער ישוב און צום באַווירקן די יידישע באַפעלקערונג בכלל לטובת דעם ציוניסטישן געדאַנק.

די ערשטע אַקציע פאַרן קרן־היסוד האָט אין מעקסיקע דורכגע־פירט אין יאָר 1936 דער שליח **מיכאל גרייווער**, וועלכער האָט סיי אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע סיי אין די ברייטערע קרייזן פון יידישן ישוב געמאַכט זייער אַ גוטן רושם. אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, וואָס ער האָט די אַקציע אויסגעברייטערט אויף די ספרדישע קאָלאָניעס און געשאַפן צווישן זיי אַ היפשע סומע. פּרעזידענט פון דער קאַמפּאַניע איז דעמאָלט געווען **אַלבערטאָ איר־פּאַק**, אַ דייטשער ייד און אַ געטרייער ציוניסט. די אַקציע האָט אַריינגעבראַכט אַרום 33.000 פּעזעס, וואָס איז פאַר די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

דער אייגענער גרייווער האָט אָנגעפירט מיט דער קרן־היסוד־אַקציע אין אַ יאָר אַרום. ווי באַקאַנט, איז די קאַמפּאַניע אין 1937 געפירט געוואָרן אונטער דעם לאָזונג פון שיפסקאַרטן פאַר די יידי־שע פליטים פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל. דער מאַטעריעלער רעזולטאַט פון דער אַקציע האָט איבערגעשטיגן דעם פאָראַיאָריקן, געבנדיק קרוב ‎$50.000.

אַ ביסל שוואַכער איז אויסגעפאַלן די קרן־היסוד־קאַמפּאַניע אין 1938 (געפירט דורך **משה שענדעריי**) און אין 1939. דערפאַר אָבער

אין יאָר 1940 — 1941, ווען קיין מעקסיקע איז אַראָפּגעקומען דער דירעקטאָר פון קרן־היסוד, דער דיכטער לייב יפה, האָט די אַקציע, חוץ אַ קאָלאָסאַלן מאָראַליש־פּאָליטישן דערפאָלג, אַריינגעבראַכט אַרום 100.000 פּעזעס. דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן דעם גרויסן איבערבּרוך אין די שטימונגען און אָנשויונגען פון די יידן בכלל לטובת ציוניסטישע אידעע.

* * *

במשך פון די יאָרן, ווען עס האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע, האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָליע, סיי דירעקט און נאָך מער אומדירעקט דורך דעם אָנטייל פון די ציוניסטישע עסקנים אין אַלע אָן אויסנאַם אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אויפגעבויט דאָס עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע לעבן פון אונדזער ישוב.

הוספה

יידן אין מעקסיקע *

(דעמאָגראַפישע מאַטעריאַלן)

פון טוביה מייזל

---

* רעפעראַט, געלייענט אויף דער 20סטער יאָריקער קאָנפערענץ פון ייוואָ אין ניו־יאָרק דער 20סטן יאַנואַר 1946.

דער רעפעראַט, וואָס מיר גיבן דאָ (מיט געוויסע קיצורים), איז אַ סומירונג פון דער סטאַטיסטישער אנקעטע, וואָס די „געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון יידן אין מעקסיקע" האָט דורכגעפירט בשעתו (זע הקדמה צום בוך).

א.

צאָל יידן אין לאַנד און זייער פאַרטיילונג

וועגן דער צאָל יידן אין לאַנד זיינען קיין גענויע ציפערן נישט פאַראַן. די אַלגעמיינע פאָלקסציילונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט אַלע צען יאָר פאַרמאָגן אין דעם פרעגבויגן אויך אַ פראַגע וועגן רעלי־גיע. די דאָזיקע ציילונגען גיבן אונדז אַזאַ בילד פון דער צאָל יידן אין לאַנד:

טאַבעלע 1

דער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מעקסיקע

יאָר	צאָל	מענער	פרויען
1900	134	94	40
1910	254	183	71
*1921	—	—	—
1930	9,072	4,851	4,221
1940	14,167	7,189	6,978

די ציילונג פון דעם יאָר 1930 ווייזט שוין אַ היפּשע צאָל יידן אין לאַנד — 9,072. ווען מען פאַרגלייכט די צאָל פון דעם דאָזיקן יאָר מיט דער צאָל פון 1910, קען מען קומען צום באַשלוס, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן ישוב אין מעקסיקע האָט געדויערט אַ

* די פאָלקסציילונג פון יאָר 1921 האָט אויך פאַרמאָגט די פראַגע וועגן רעליגיע, אָבער די באַאַרבעטעטע רעזולטאַטן פון דער ציילונג ווייזן ניט אָן די צאָל יידן אין לאַנד, ווייל אין די ענדגילטיקע פאַרעפנטלעכטע מאַ־טעריאַלן זיינען יידן פאַראייניקט געוואָרן אין איין רובריק מיט די כינעזער — איזראַעליטאַ אי בודיסטאַ.

פאַר צענדליק יאָר. יז אמתן אָבער איז דער יידישער ישוב אַ רע־זולטאַט פון אימיגראַציע, וואָס הייבט זיך אָן אויף אַ גרעסערן פאַר־נעם אין די צוואַנציקער יאָרן און וואָס גייט באַרג אַרויף אין דעם יאָרצענדלינג ביז 1930, און הייבט אָן פאַלן שפּעטער. די פאָלקסציי־לונג פון 6טן מערץ 1940 האָט אויך געהאַט די רובריק רעליגיע און גיט אָן די צאָל יידן ווי 14,167.** קיין גרויסע שינויים אין די צאָלן זינט 1940 זיינען ניט פאָרגעקומען, ווייל די אימיגראַציע אין די לעצטע יאָרן איז געווען אַ קליינע.

פון די 14,167 יידן האָבן 9,818 געוואוינט אין דער הויפּטשטאָט און די איבעריקע איבערן גאַנצן לאַנד.

די רעזולטאַטן פון דער אַלגעמיינער פאָלקסציילונג זיינען נישט באַאַרבעט געוואָרן לויט די רעליגיעזע גרופּירונגען און מען קען פון זיי קיין ידיעות וועגן דער דעמאָגראַפישער און סאָציאַל־עקאָנאָמי־שער סטרוקטור פון יידישן ישוב אין מעקסיקע ניט אַרויסבאַקומען.

אין מערץ 1941 האָט זיך אויף דער איניציאַטיוו פון דעם יידישן טוער לעאָן סוראַסקי געשאַפן אַ „געזעלשאַפט פאַר דער געשיכטע פון די יידן אין מעקסיקע", וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צונויפצונעמען און צו באַאַרבעטן אַלע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער געשיכטע פון ישוב. די ערשטע אַרבעט פון דער געזעלשאַפט איז געווען דורכצופירן אַן אייגענע, אומאָפּהענגיקע, דירעקטע ציילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער הויפּט־שטאָט. די ציילונג האָט געדויערט פון דעצעמבער 1941 ביז יאַנואַר 1942. ניט געקוקט אויף די פעלערן, וואָס די ציילונג פאַרמאָגט, גיבן אונדז די רעזולטאַטן אַ גאַנץ קלאָר בילד פון דער דעמאָגראַפישער, פּראָפעסיאָנעלער און סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן ישוב אין דער שטאָט מעקסיקע. די יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט מעקסיקע האָט לויט דער ציילונג דערגרייכט 12,988, — 7,057 מע־נער און 5,931 פרויען.

צווישן דער צאָל 12.988 פון דער פּריוואַטער ציילונג אין יאָר 1941 און דער צאָל 9,818 לויט דער מלוכישער ציילונג אין יאָר 1940 איז פאַראַן אַן אונטערשייד פון אַן ערד 25%. דער דאָזיקער אונטערשייד קען ניט דערקלערט ווערן מיטן אונטערשייד אין דער צייט פון די צוויי ציילונגען, ווייל קיין אימיגראַציע איז אין דעם

** ד״ר אַ. רופּין גיט אָן אין זיין אַרבעט „יידישע סטאַטיסטיק" אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע (יידן א) 20.000 פאַר דעם יאָר 1935.

פעריאָד כמעט ווי נישט געווען; דער נאַטירלעכער צואוואַקס האָט אויך זיכער די דיפערענץ ניט געקאָנט שאַפן. די איינציקע מסקנא איז, אַז די מלוכה-ציפערן וועגן יידן זיינען ניט גענוי.* עס איז אָנ־צונעמען, אַז אַ 25% יידן זיינען ביי דער אַלגעמיינער ציילונג פאַר־לאָרן געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג; זיי האָבן זיך ניט אָנגעגעבן פאַר יידן. אַ געוויסער טייל פון די 25% איז מסתמא אַריינגעגאַנגען אין דער רובריק „אָן רעליגיע"; אַן אַנדערן טייל האָבן צוגעשטעלט די געמישטע חתונות.

מען דאַרף אָננעמען, אַז אויך אויף דער פּראָווינץ האָבן געווירקט די זעלביקע פאַקטאָרן, און דערפאַר דאַרף מען די צאָל 4,249, וואָס די מלוכישע ציילונג גיט אָן, פאַרגרעסערן מיט דעם זעלביקן פּראָ־צענט. באַקומען מיר פאַר דער פּראָווינץ 5,311 יידישע נפשות. אין דער גאַנצער רעפּובליק וועט די קאָרעגירטע צאָל יידן אַזוי אַרום אַרויסקומען 18,299, וואָס דאָס איז ווייניקער ווי 0.1% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד. אפילו אין דער שטאָט מעקסיקע, וואָס האָט די גרעסטע קאָנצענטראַציע פון יידן אין לאַנד, איז די יידישע באַפעלקערונג אויך ווייניקער ווי איין פּראָצענט. די אַלגע־מיינע באַפעלקערונג האָט אין יאָר 1940 געציילט 1.469,357, און יידן, ווי געזאָגט, 12,988.

אונדזער אַרבעט איז וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט, וואָס זי מאַכט אויס צוויי דריטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דער גאַרער רעפּובליק און שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס לעבן פון די יידן אין דעם גאַנצן לאַנד. די 12,988 יידן אין דער שטאָט מעקסיקע מאַכן אויס 3,416 משפחות: 2,492 אַשכנזי־שע און 924 ספרדישע. אין די 2,492 אַשכנזישע משפחות זיינען פאַראַן 8,668 נפשות, און אין די 924 ספרדישע משפחות — 4,320 נפשות. אַזוי אַרום מאַכן די אשכנזישע משפחות אויס 73% פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע משפחות און נאָר 66% פון דער צאָל נפשות. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם וואָס די ספרדישע משפחה איז גרעסער פון דער אשכנזישער. די לעצטע האָט בדרך כלל פון 3 ביז 4 פערזאָן און די ספרדישע — פון 4 ביז 5. פון די 12,988

---

* דער פאַקט, וואָס די מלוכישע סטאַטיסטיק גיט אָן פאַרן יאָר 1940 אין מעקסיקע־שטאָט 4,886 מענער און 4,932 פרויען, רופט אַרויס אַ חשד אין דער פּינקטלעכקייט פון דער צאָל בכלל. עס איז אַ כלל גדול, אַז אין אימיגראַנטישע גרופּעס איז די צאָל מענער תמיד גרעסער פון דער צאָל פרויען.

יידן זיינען 7,057 מענער און 5,931 פרויען, — ד"ה, עס איז פאראן א דעפיציט פון 160 פרויען פער 1,000 מענער. ביי די אשכנזים זיינען דא פאר יעדע 1,000 מענער 838 פרויען, דהיינו א דעפיציט פון 162 פרויען פער 1,000 מענער. אין ספרדישן קיבוץ איז דער דעפיציט קלענער און ער באטרעפט נאר 157 פרויען פער טויזנט מענער. דער דעפיציט פון פרויען בכלל דערקלערט זיך מיט דעם אימיגראנטישן כאראקטער פון דעם יונגן ישוב אין מעקסיקע. דער ספרדישער ישוב איז עלטער — הגם עס זיינען נישטא קיין אפיציעלע מאטעריאלן וועגן דער יידישער אימיגראציע אין אנהייב פון דעם יארהונדערט, ווייסן מיר אבער, אז די ערשטע אימיגראנטן זיינען געווען אראבישן יידן, — און דער דעפיציט פון פרויען איז טאקע ביי זיי קלענער.

די מאטעריאלן פון די „מעמאריאס דע לא סעקרעטאריא דע גאבערנאסיאן" און טיילווייז דער אפיציעלער בלאט פון דער רעגירונג ווייזן אן אויף די פארהעלטענישן אין צאל צווישן דער אימיגראציע פון מענער און פרויען פאר די יארן פון דער שטארקסטער מזרח-אייראפעישער יידישער אימיגראציע.*

טאבעלע 2

צאל און פראצענט מענער און פרויען אין דער
מזרח-אייראפעישער אימיגראציע

יאר	פון פוילן			פון רוסלאנד			פון ליטע		
	מענער	פרויען	פראצ. מענער	מענער	פרויען	פראצ. מענער	מענער	פרויען	פראצ. מענער
1926	316	213	60	414	309	55	—	—	—
1927	308	220	58	250	175	50	71	46	69
1928	282	171	62	605	415	59	61	56	60

די צאלן זיינען נוגע דער יידישער אימיגראציע אין גאנצן לאנד. דער גרויסער פרויען-דעפיציט איז די הויפט-סיבה פון דער גרויסער

* מען דארף אין זינען האבן, אז דער אפיציעלער נאמען „רוסאס" אדער „פאלאקאס" מיינט יידן.

צאָל געמישטע חתונות אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער אי־מיגראַציע. די צאָל אַזעלכע חתונות דערגרייכט ביז 10%. איבער־הויפּט זיינען עס חתונות פון יידישע מענער און קריסטלעכע פרויען; פאַרקערטע מיש־חתונות זיינען זייער זעלטן.

אַ שטודיע פון דער גאַנצער יידישער איינוואַנדערונג ברענגט אַרויס צוויי פאַקטן:

א. די ספרדישע אימיגראַציע האָט זיך אָנגעהויבן אין ערשטן יאָרצענדלינג פון 20סטן י״ה און די אשכנזישע — אין דריטן יאָר־צענדלינג;

ב. בעת די אשכנזישע איינוואַנדערונג וואַקסט כסדר פון 1921 ביז 1929, האַלט די ספרדישע אימיגראַציע פון 1925 אָן אין כסדר־דיקן פאַלן.

טאַבעלע 3

אימיגראַציע פון אשכנזים און ספרדים קיין מעקסיקע *

יאָר	אשכנזים	ספרדים
1907	2	18
1912	9	59
1917	13	19
1920	49	146
**1924	505	156
1928	888	46
1929	342	41
1930	401	55

* מען מוז געדענקען, אַז דאָס זיינען ניט קיין אַבסאָלוטע צאָלן פון יידישער איינוואַנדערונג קיין מעקסיקע, בלויז אַן אילוסטראַציע פון גאַנג פון דער יידישער אימיגראַציע. די איינוואַנדערונג איז געווען פיל גרעסער. אַ צאָל אימיגראַנטן איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעפאָרן, אַ טייל וואוינט אויף דער פּראָווינץ און אַנדערע זיינען שוין אויסגעשטאָרבן.

** צום באַדויערן פעלן גענויערע דאַטעס וועגן דער אימיגראַציע; די דאַטעס געפינען זיך אין אינערן־מיניסטעריום און זיינען נאָך ניט באַאַר־

דאָס יאָר 1928 איז דער קולמיניר־פּונקט פאַר דער יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד. נאָך דעם יאָר איז פאַראַן אַ היפּשע צאָל איינוואַנדערערס פאַר די יאָרן 1929 און 1930, אָבער זי ווערט אַלץ קלענער און קלענער. די היטלער־ממשלה אין אייראָפּע ברענגט קיין מעקסיקע קליינע גרופּעס פּליטים. די גרעסטע גרופּע, 187 מענטשן, איז אָנגעקומען דעם 16טן דעצעמבער 1941 מיט דער פּאָרטוגעזישער שיף „סערפּאַ פּינטאַ".

ב.

צונויפשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט מעקסיקע

פון דער אַלגעמיינער צאָל 12,988 יידן אין שטאָט מעקסיקע זיינען 7,737 איינגעוואַנדערטע, — 4,223 מענער און 3,514 פרויען, — און 5,251 הי־געבוירענע, ד"ה 40% פון דער יידישער באַפעלקערונג איז שוין אַ הי־געבוירענע. דער פּראָצענט הי־געבוירענע איז פיל גרעסער ביי דעם ספרדישן ישוב — 56%; ביי דעם אשכנזישן ישוב מאַכט ער אויס נאָר 32%. דער אונטערשייד אין די פּראָצענטן ווייזט צום בעסטן, אַז די ספרדים האָבן אָנגעהויבן קומען פריער.

דער פּעריאָד פון אימיגראַציע שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דעם עלטער־צונויפשטעל פון די ביידע קיבוצים. ביי די ספרדים איז דער פּראָצענט מענטשן איבער 60 יאָר 3.8, ביי די אשכנזים נאָר 2,9. די גרופּע פון 40 ביז 49 איז ביי די אשכנזים די גרעסטע און זי

בעט. פאַר 1926 זיינען פאַראַן מאַטעריאַלן, אין וועלכע עס ווערט אָנגעגעבן די מוטערשפּראַך פון די איינוואַנדערס. פון די מאַטעריאַלן באַקומען מיר אַזאַ בילד: 529 גיבן אָן פּויליש ווי זייער מוטערשפּראַך; 723 — רוסיש, און נאָר 18 (14 מענער און 4 פרויען) האָבן אָנגעגעבן יידיש („העברעאָ"). אויפן סמך פון באַקאַנטשאַפט מיט דער סיטואַציע קאָנען מיר אָננעמען, אַז די פּויליש־ און רוסיש־רעדנדיקע זיינען יידן. דער שפּראַכלעכער מאָמענט קען בנוגע דער ספרדישער אימיגראַציע נישט ווערן אָנגעווענדט ווי אַ שליסל, ווייל די ספרדישע יידן גיבן אָן שפּאַניש, פּונקט ווי די אַלגעמיינע אימיגראַציע פון די שפּאַניש־רעדנדיקע מדינות.

באַטרעפֿט גאַנצע 17%, ביי די ספרדים באַטרעפֿט די זעלביקע על-טער-גרופּע נאָר 10%. גרויס איז דער אונטערשייד אין די קינדער-גרופּעס ביי די ספרדים און אשכנזים. דער פּראָצענט קינדער ביז 4 יאָר באַטרעפֿט ביי די אשכנזים 9.4, ביי די ספרדים — 13,7.

עס איז אַ כלל אין דעמאָגראַפֿיע, אַז ווען דער פּראָצענט קינ-דער ביז 14 יאָר לגבי דער באַפֿעלקערונג אין אַרבעטס-עלטער פֿון 15 ביז 59 יאָר איז העכער פֿון 40%, איז די באַפֿעלקערונג אַ וואַקסנ-דיקע. ביי יידן אין מעקסיקע באַטרעפֿט די קינדער-באַפֿעלקערונג ביז 14 יאָר איבער 50% פֿון דער גרופּע פֿון 15 ביז 59 יאָר. אויף 8,811 דערוואַקסענע אין עלטער פֿון 15 ביז 59 יאָר זיינען פֿאַראַן 4,451 קינדער, ד"ה אַז ווען אפילו קיין נייע אימיגראַציע קיין מעקסיקע זאָל ניט זיין און דער נאַטירלעכער צווואַקס זאָל אָנהאַלטן די איצ-טיצע ראַטע, וועט די יידישע באַפֿעלקערונג האַלטן אין כסדרדיקן וואַקסן.

ביידע קיבוצים האָבן אַ פֿאַרשיידענעם טעמפּאָ פֿון וואוקס, אָפּ-הענגיק פֿון דעם נאַטירלעכן צוואַוקס. ביי די ספרדים זיינען אין דעם פּעריאָד 1936—1940 געבוירן געוואָרן יעדעס יאָר פּער 1.000 מענטשן 29 קינדער, ביי די אשכנזים — 20.

די הויכע ראַטע פֿון געבורטיקייט ביי די ספרדים איז אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פֿון זייער יונגע חתונות. אין די לעצטע יאָרן מערקט זיך אַ טענדענץ אויך ביי די אשכנזים צו יונגע חתונות. עס איז שוין אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג חתונה צו מאַכן מייד-לעך צו 17 יאָר.

דער מין פֿון די ניי געבוירענע קינדער איז ביי די ביידע קי-בוצים דער זעלביקער: די צאָל געבוירענע יינגלעך איז גרעסער ווי די צאָל מיידלעך.

אויף יעדע 1,000 יידן אין דער הויפּטשטאָט, אין דעם זעלביקן פּעריאָד, זיינען ביי די ספרדים געשטאָרבן 10 און ביי די אשכנזים — 8. דער נאַטירלעכער צוואוואַקס איז על-כן ביי די ספרדים 19 פּער 1,000 און ביי די אשכנזים 12. די שטאַרביקייט ביי יידן און ביי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג שיידט זיך אונטער זייער שטאַרק. די צאָל טויטפֿאַלן פּער טויזנט אין דעם פֿעדעראַלן דיס-טריקט איז לויט דעם סטאַטיסטישן בולעטין פֿון אַפּריל 1941 — 24, ביי יידן נאָר 9. די געבורטיקייט פּער טויזנט איינוואוינערס איז ביי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג 33 און ביי יידן 23.

ג.

פון וואַסערע לענדער זיינען די יידישע אימיגראַנטן?

דאָס רוב יידן אין מעקסיקע זיינען געקומען פון פוילן, — 36% פון דער גאַנצער אשכנזישער אימיגראַציע. דעם צווייטן אָרט פאַרנעמט רוסלאַנד מיט 34%, דייטשלאַנד און ליטע מיט 7 פּראָצענט איטלעכע; ווייטער קומען רומעניע, אונגערן און פראַנקרייך מיט קליינע צאָלן. די פּוילישע איינוואַנדערונג איז אויך אַ פריערדיקע און אַ לענגער דויערנדיקע איידער די איבעריקע אשכנזישע אימיגראַציעס. לויט די באַריכטן פון אינערן-מיניסטעריום, די אַזוי גערופענע „מעמאָריאַס דע לאַ סעקרעטאַריאַ דע גאָבערנאַסיאָן", קען מען זען, אַז די אימיגראַציע פון פוילן איז שוין געווען אַ היפּשע אין 1921—1922. די איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד איז געגאַנגען אַזן 1926—1929, ווען זי האָט איבערגעשטיגן די אימיגראַציע פון פוילן. נאָך 1929 ווערט די אימיגראַציע פון יידן פון רוסלאַנד כמעט ווי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

די גרעסטע טייל אימיגראַנטן האָט איבערגעריסן מיט זייער אָפּשטאַמלאַנד: אין 1941 זיינען 66% פון אַלע יידן אין מעקסיקע געווען מעקסיקאַנער בירגערס. היינט איז דער פּראָצענט זיכער גרעסער, ווייל כדי אַ פרעמד-געבוירענער זאָל ווערן אַ בירגער, דאַרף ער וואוינען 5 יאָר אין לאַנד. די גרעסטע גרופּע, וואָס איז געבליבן ביי איר אַלטער בירגערשאַפט, זיינען די פּוילישע יידן. יידן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן זייער פּוילישע בירגערשאַפט, מאַכן אויס 39% פון אַלע אויסלענדישע בירגערס צווישן די אשכנזים.

ביי די ספרדים זיינען די גרעסטע צאָל געבליבענע ביי דער אַלטער בירגערשאַפט יידן פון סיריע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען פון די עלטסטע איינוואַנדערערס.

ד.

עקאָנאָמיק פון ישוב

די עקאָנאָמיק פון ישוב אין מעקסיקע איז באַשטימט געוואָרן דורך צוויי קאַרדינאַלע פאַקטאָרן, וואָס איינער פון זיי איז אַן אינעווייניקסטער און איז אַ פועל-יוצא פון דעם סאָציאַלן כאַראַקטער

פון דער יידישער איינוואַנדערונג, און דער צווייטער, דער דרויסנ־דיקער, איז אַ רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד. אין דעם אויפבוי פון דעם ישוב האָבן זיך צונויפגעטראָפן יידישע וואַנדערערס פון פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, פון פאַרשיידענע לעבן־שטייגערס, מיט אַ פאַרשיידענער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער דערציונג, מיט אַ פאַרשיידענעם קולטור־פאַרנעם, אָבער מער ווייניק איינהייטלעך אין זייער סאָציאַלער און פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור און איינהייטלעך אין זייערע נאַציאָנאַל־פּסיכישע אייגנשאַפטן.

די ספרדישע אימיגראַציע פון די אַגראַרישע, אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווי סיריע, טערקיי און בולגאַריע, איז געווען אַן איינוואַנדערונג פון קליינהענדלערס, דערצויגענע אין די באַדינגונגען פון דעם נאָענטן מזרח. אַן אויספאָרשונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער גלידערונג פון דער ספרדישער גרופּע ווייזט, אַז 71% פון דער עקאָנאָמיש אַקטיווער אימיגראַציע זיינען געווען באַשעפטיקט אין האַנדל. די מזרח־אייראָפּעישע איינוואַנדערונג, וואָס שאַפט דעם גאַנצן רוקנביין פון דעם אשכנזישן ישוב, שטאַמט פון די לענדער, וואו עס האָבן געלעבט גרויסע יידישע מאַסן, שטאַרק דיפערענצירטע פּראָפעסיאָנעל און סאָציאַל. פון דעסטוועגן באַשטייט דאָס רוב איינוואַנדערערס פון פּוילן און פון רוסלאַנד פון סוחרים און קליינע אינדוסטריאַלן. דער חורבן פון דעם עקאָנאָמישן לעבן אין דעם נאָכמלחמה־דיקן אומאָפּהענגיקן פּוילן האָט געטריבן צום אויסוואַנדערן אַלץ ברייטערע שיכטן יידן. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רדיפות, די ספּעציעלע שטייער־סיסטעם בנוגע יידן, די באַרימטע „גראַבסקיס עגלה", ווי יידן אין פּוילן האָבן עס גערופן, דער ווילדער אַנטיסעמיטיזם האָט מיט יעדן טאָג מער אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער יידישער עקאָנאָמיק און געטריבן צו עמיגראַציע ניט נאָר די אַרבעטנדיקן קרייזן, נאָר אויך דעם קליינעם סוחר און אינדוסטריאַל. די אימיגראַציע פון פּוילישע יידן קיין מעקסיקע זינט דעם יאָר 1924 באַשטייט פון סוחרים און קליינע פאַבריקאַנטן, פון באַשעפטיקטע אין האַנדל און אינדוסטריע.

די עמיגראַציע פון די רוסישע יידן פאַלט אוים דער עיקר אויף די יאָרן 1926—1929 און איז לויט איר סאָציאַלער קאָנסטרוקציע די זעלביקע ווי די פּוילישע. די יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד זיינען קליינע און גרויס־שטאָטישע סוחרים פון יידישן תחום־המושב, די „דעקלאַסירטע" עלעמענטן פון יידישן קליינבירגערטום, וואָס מיטן סוף פון דער „נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק" („נעפּ") האָבן זיי מער ניט געזען פאַר זיך קיין מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקער עקאָנאָמישער עקסיסטענץ. זיי זיינען געקומען קיין מעקסיקע אין די

יאָרן 1926—1929, ווען דאָס אַרויספאָרן פון רוסלאַנד איז געווען אַ ביסל גרינגער. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך קליינע פינאַנציעלע מיטלען פאַר קליינעם האַנדל און אַן אָנגעזאַמלטן אימפעט און ענער־גיע פאַר נייע אונטערנעמונגען. די ציפערן, וואָס ווערן אָנגעגעבן ווײַ־טער, ווייזן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער מזרח־אייראָפּעישער איינוואַנדערונג קיין מעקסיקע.

טאַבעלע 4

פריערדיקע באַשעפטיקונגען פון מזרח־אייראָפּעישע
יידישע אימיגראַנטן קיין מעקסיקע

באַשעפטיקונג	פּראָצענט
סוחרים	64.3
אומאָפּהענגיקע באַלמעלאָכעס	15.5
האַנדל־און אינדוסטריע־אָנגעשטעלטע	8.0
פאַבריקאַנטן	5.5
פרייע פּראָפעסיעס	3.1
אַרבעטערס	1.0

די דאָזיקע מזרח־אייראָפּעישע אימיגראַציע, פּונקט ווי די ספּר־דישע, איז סאָציאַל און פּסיכאָלאָגיש ניט געווען צוגעגרייט אַרײַנ־צוגיסן זיך אין דער מעקסיקאַנער אינדוסטריע און צו שאַפן דאָ אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט.

פון דער אַנדערער זייט האָט געווירקט דער צווייטער, דרויסנ־דיקער פאַקטאָר — די עקאָנאָמיק פון לאַנד. מעקסיקע איז נאָך אויך הײַנט אַן אַגריקולטורעל לאַנד. די אינדוסטריע איז דאָ סך־הכל אַ פּאָר צענדלינג יאָר אַלט. ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין מעקסיקע אַ פאַרצווייגטע קליין־ און מיטל־אינדוסטריע, דער עיקר אין נאַפט און בערגעריי. די ביידע אינדוסטריעס האָבן אויך אין אייראָפּע ניט געצויגן צו זיך דעם יידישן אַרבעטער, און זיי האָבן עס אויך אין מעקסיקע ניט גע־טאָן. עס עקזיסטירט אין מעקסיקע אַ טעקסטיל־אינדוסטריע פון באַוול און וואָל. אין די צווייגן זיינען יידן דווקא שטאַרק געווען פאַרטראָטן אין דער אַלטער היים, אָבער דער נידעריקער אַרבעטס־

לוין, דער נידעריקער סטאַנדאַרד פון לעבן פון דעם מעקסיקאַנער אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט אַריינציען דעם יידישן סוחר פון רוס־לאַנד און פוילן אין די פאַבריקן אַריין. די צוויי פאַקטאָרן האָבן געווירקט, עס זאָל זיך אויספורעמען עקאָנאָמיש און סאָציאַל אַ כמעט מאָנאָליטישער יידישער ישוב אין מעקסיקע. מיר גיבן וויי־טער עטלעכע ציפערן וועגן דעם איצטיקן סאָציאַלן באַשטאַנד פון יידישן ישוב:

טאַבעלע 5

דער פּראָצענטועלער צונויפשטעל פון דער יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור אין מעקסיקע

באַשעפטיקונג	פּראָצענט
סוחרים	68.3
אָנגעשטעלטע*	13.4
פאַבריקאַנטן	11.4
באַלמעלאָכעס	4.2
פרייע פּראָפעסיעס	2.5
אומבאַקאַנטע און פאַרשיידענע	0.2

פונקט ווי עס זיינען אין לאַנד ניט געווען קיין פאַסיקע פאַק־טאָרן אויסצופורעמען אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט, זיינען להיפוך יאָ געווען זייער גינציקע באַדינגונגען פאַר דער אויספורעמונג פון אַ ברייטן יידישן סוחרים־קלאַס. דער דאָזיקער קלאַס האָט זיך טאַקע געשאַפן און איז אין אַ גאַנצער ריי צווייגן פון האַנדל און אינ־דוסטריע געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר פאַר דער גאַנצער עקאָ־נאָמיק פון לאַנד.

ביז די יאָרן פון דער יידישער אימיגראַציע איז דער האַנדל אין מעקסיקע געלעגן אין די הענט פון פראַנצויזן, דייטשן, שפּאַ־ניער און אַראַבער. דער האַנדל מיט אַרטיקלען ווי מאַנופאַקטור,

* אין דער רובריק גייען אַריין פאַרוואַלטערס פון פאַבריקן, רייזנדערס־פּאַרקויפערס, בוכהאַלטאָרן, געשעפט־פירערס און גרעזעלשאַפטלעכע אָנגע־שטעלטע.

גאַלאַנטעריע, שטאָלוואַרג, — אַ טראַדיציאָנעלער יידישער מיסחר אין דער אַלטער היים — איז דאָ געלעגן אין גאַנצן אין אויסלענדישע הענט. קיין אייגענעם האַנדלסקלאַס האָט נאָך דעמאָלט מעקסיקע בכלל ניט געהאַט (אַפילו איצט געפינט ער זיך נאָך אויך אין סטאַדיע פון שאַפן זיך). די מעקסיקאַנער שטאָטישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון פּריוואַטע און רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, פון רייכע הויזבאַזיצערס, אַרבעטערס, לערערס. די גרויסע אויסלענדישע האַנדלסהייזער, וועלכע זיינען געווען מאָנאָפּאָליסטן אויף דעם אינעווייניקסטן מאַרק, האָבן קאָנטראָלירט דעם אימפּאָרט און די פּאַבריקן. זיי האָבן געאַרבעט אויף די יסודות פון הויכע פּרייזן און גרויסע רווחים. זיי זיינען געווען אויסגערעכנט פאַר די העכערע שטאַפּלען פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין דעם איינצל-האַנדל און אויף דעם פויער אין הורטהאַנדל. עס האָט געפעלט אין האַנדל דער עלעמענט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו די מיטעלע און אָרעמע שיכטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דער רירעוודיקער יידישער סוחר איז דאָ ממש ווי באַשאַפן געוואָרן אויסצופילן אָט דעם בלויז.

אין די יאָרן 1921—1922 האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן און אויף די מערק פון מעקסיקע די יידישע פּעדלערס, קליינע קרעמערס און שטעלהאַלטערס, און זיי האָבן עס גענומען ברענגען צום מעקסיקאַנער מיטלשטאַנד סחורות לויט זייערע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן. אויך האָט זיך גיך באַוויזן דער יידישער אימפּאָרטירער, וואָס האָט גענומען ברענגען קיין מעקסיקע פאַרשיידענע אַרטיקלען, אייבערהויפּט בגדים, זאָקן, אונטערוועש וכדומה. ער איז געוואָרן אַ שטאַרקער קאָנקורענט פון די אַלטע אויסלענדישע פירמעס אויף אַ גאַנצער ריי פעלדער פון האַנדל. אַ העמד, אַ זאָק, אַ נאָזטיכל, אַ צאָנבערשטל — אַרטיקלען, וואָס זיינען פריער געווען אַ גרויסער לוקסוס פאַר די ברייטע מאַסן אין לאַנד, זיינען אַ דאַנק דעם יידישן הענדלער געוואָרן זאַכן פון טאָג-טעגלעכן באַנוץ. דער יידישער הענדלער איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין הייבן דעם לעבנס-סטאַנדאַרד פון די מעקסיקאַנער מיטעלע און אָרעמע שיכטן. צום באַדויערן גיבן די פריערדיקע האַנדל-צענזוסן ניט אָן קיין מאַטעריאַלן, וואָס מען זאָל לויט זיי קענען פעסטשטעלן דעם פּלאַץ פון דעם יידישן האַנדל אין דעם אַלגעמיינעם. ערשט דער אינדוסטריעלער צענזוס פון יאָר 1940 גיט אַ מעגלעכקייט צו שאַפן אַ בילד וועגן דעם יידישן אָנטייל אין אַ גאַנצער ריי צווייגן פון דער מעקסיקאַנער אינדוסטריע. די וויטערדיקע טאַבעלע, וואָס גיט אַן אַנאַליז פון דעם יידישן אָנטייל אין דער אינדוסטריע, איז געבויט אויף

מאַטעריאַלן פון דעם דאָזיקן צענזוס, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין מיין רשות א דאַנק דער פריינדלעכקייט פון דעם אָנפירער פון סטאַטיסטישן אַמט, ד"ר סייענס:

טאַבעלע 6

יידישער אַנטייל אין דער מעקסיקאַנער אינדוסטריע

צווייג	פּראָצענט פון יידישע אונטערנעמונגען	פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע	פּראָצענט פון דער צאָל באַשעפטיקטע
פּאַרטיקע קליידער	20.07	28.9	19.9
טריקאָוועש	56.36	47.38	24.77
העמדער	30.0	31.04	27.02
זאָקן	22.45	29.73	35.66

הגם אָט די טאַבעלע גיט אונדז אַ בילד פון דעם יידישן אַנטייל אין דער אינדוסטריע, איז דאָס בילד אָבער ווייט פון שלימות. צו־ליב פעלערן אין דער נאָמענקלאַטור און קלאַסיפיקאַציע פון די אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען ווערט פאַרטונקלט דער פאַקטישער אַנטייל פון יידן אין די אינדוסטריעס. למשל, אין דער טריקאָ־אונ־טערוועש־אינדוסטריע פאַרנעמען יידן ניט נאָר דעם גרעסטן אָרט אין דער צאָל אונטערנעמונגען אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע פון לאַנד, נאָר זיי זיינען אויך די פּיאָנערן פון דער אינדוסטריע. ווײ־טער איז די גאַנצע פּראָדוקציע פון געשטריקטע קונסטזיידענע שטאָפן איינגעפירט געוואָרן דורך יידן און זי ליגט נאָך עד־היום אויסשלים־לעך אין יידישע הענט. צום באַדויערן איז אין דעם אינדוסטריעלן צענזוס פון 1940 געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער טעות: די דאָזיקע פּראָדוקציע איז צונויפגענומען מיט דער זיידוועבעריי אין איין רו־בריק, און דערפאַר קען מען ניט באַקומען קיין קלאָר בילד פון דעם יידישן אַנטייל אין איר. אַזוי איז אויך אין דער סוועטער־פּראָדוק־ציע און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע אַרטיקלען. אגב, דער אינדוס־טריעלער צענזוס פון 1945 האָט אויסגעמיטן אַ סך פון די פעלערן, און די באַאַרבעטונג פון אָט דעם צענזוס וועט געבן אַ סך אַ קלאָרער בילד פון דעם יידישן אַנטייל.

די ידיעות וועגן דער זאָקן־פּראָדוקציע זיינען מער פּינקטלעכע,

ווייל דער כאַראַקטער פון דעם צווייג איז אַ מער באַשטימטער און עס זיינען געווען וויניקער אומפּאַרשטייענישן. יידן פּראָדוצירן 35.66% פון דעם גאַנצן סכום אויסגעאַרבעטע זאָקן, אָבער זיידענע זאָקן אַרבעטן יידן אויס גאַנצע 64.43%. אויך איז אַ פאַקט, אַז נישט נאָר פאַרנעמען יידן דעם ערשטן אָרט, נאָר זיי זיינען געווען די פּיאָנערן אויף דעם געביט. אין יאָר 1930 איז די פּראָדוקציע פון זיידענע זאָקן געווען נול, אין 1935 באַטרעפט זי 283,299 פּעזעם און אין יאָר 1940 — 4,836,078 פּעזעם. פון דעם האָבן יידן פּראָ־דוצירט אויף 3,115,715 פּעזעם. פון דער גאַנצער זאָקן־פּראָדוקציע פון מערצעריזירטן גאַרן פּראָדוצירן יידן 58.12%.

די אַלע אַרטיקלען וואָס עס אַרבעט איצט אויס יידישע פאַ־בריקאַנטן זיינען פריער געווען בלויז אימפּאָרט־אַרטיקלען און לוק־סוסזאַכן. די אויסאַרבעטונג פון די פּראָדוקטן אין לאַנד גופא האָט פון איין זייט שטאַרק פאַרבעסערט דעם האַנדלס־באַלאַנס און פון דער צווייטער זייט פאַרוואַנדלט די אַרטיקלען אין מאַסן־פּראָדוקטן הייבנדיק דעם סטאַנדאַרד פון לעבן.

צום באַדויערן, ווערט די יידישע האַנדלס־ און אינדוסטריע־טעטיקייט נישט באַטראַכט פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג ווי אַ ברכה, צום וויניקסטנס פון די וואָס האָבן פריער געהאַט אַ מאָנאָ־פּאָל אויף די דאָזיקע טעטיקייטן. זייער ענטפער איז אַן אַנטיסע־מיטישע אַגיטאַציע, און פּונקט ווי די יידישע האַנדלס־טעטיקייט איז אַ טעמע פאַר אַנטיסעמיטן, אַזוי איז אויך מיט די יידישע אויפ־טוען אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע. איינער פון די שטאַרקסטע אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן איז די כלומרשטע עקספּלואַטאַציע פון דעם מעקסיקאַנער אַרבעטער דורך דעם יידישן פאַבריקאַנט. טאָג־איין, טאָג־אויס הערט מען דעם אַנטיסעמיטישן געשריי, אַז יידן צאָלן דעם אַרבעטער וויניקער און אַ דאַנק אָט דער עקספּלואַטאַציע קענען זיי פאַרקויפן וועלוועלער און אַרויסשטויסן זייערע קאָנקו־רענטן פון מאַרק. אויפן סמך פון אָביעקטיווע מלוכישע מאַטעריאַלן האָב איך צונויפגעשטעלט אַ טאַבעלע וועגן דעם פּראָצענט אַרבע־טערס אין יידישע פאַבריקן און דעם פּראָצענט שכירות, וואָס זיי באַקומען. די טאַבעלע איז דער בעסטער באַווייז פאַר דעם ווערט פון די אַנטיסעמיטישע בילבולים:

טאַבעלע 7

פּראָצענט אַרבעטערס אין יידישע פאַבריקן און דער פּראָצענט שכירות

צווייג	פּראָצענט אַרבעטער באַשעפטיקט אין יידישע פאַבריקן	פּראָצענט שכירות וואָס זיי באַקומען
טריקאָוועש	24.77	23.81
פּאַרטיקע קליידער	19.9	26.21
העמדער	27.02	31.36
זאָקן	29.73	37.51

די טעטיקייט פון יידן באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט די דאָזיקע פאַכן. דער יידישער אָנטייל איז זייער גרויס אין גאַרבערייען און פאַרב-אינדוסטריע, אין דער פּראָדוקציע פון סוועטערס, מאַנטלען, בעטן, מעדיצינען, אַרטיקלען פון פּלאַסטיק: קאַמען, קנעפּ וכדומה. שטאַרק איז לעצטנס דער יידישער אָנטייל אין דער פילם-אינדוסטריע. בכלל ווערט דער אָנטייל פון יידן אין דער אינדוסטריע פון לאַנד מיט יעדן טאָג גרעסער און שטאַרקער. עס באַמערקט זיך דער עיקר אַן איבערגאַנג פון האַנדל אין דער אינדוסטריע אַריין.

ה.

דאָס יידישע קולטור-לעבן אין מעקסיקע

אַלע גרופּעס פירן ספּאָראַדיש קולטור-אַרבעט, אָבער עס פעלט קאָאָרדינאַציע און פּלאַנירונג. די עלטסטע יידישע אינסטיטוציע אויף דעם פעלד איז דער „קולטור-צענטער" וואָס עקסיסטירט שוין 25 יאָר. ער האָט אַן אייגענעם בנין, וואו עס געפינען זיך אַ סך יידישע אָרגאַניזאַציעס. קולטור-אַרבעט טוט דער צענטער זייער ווייניק. עס עקסיסטירן יוגנט-אָרגאַניזאַציעס ביי יידישע שולן און ביי פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. ביי דער שול

„תרבות״ עקזיסטירט אַ „השומר הצעיר״, ביי דער שול „יבנה״ אַ רעליגיעז-נאַציאָנאַלע גרופּע „בני עקיבא״, ביי דער „יידישער שול״ דער אַלגעמיינער קלוב „„קדימה״. עס זיינען נאָך פאַראַן יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס ווי „הנוער הציוני״, יוגנט-גרופּעס ביים „קולטור-צענטער״ און ביי דער „פאָלקסליגע״. די אַלגעמיינע קולטורעלע אַקטיוויטעטן פון די אַלע גרופּעס זיינען זייער קליינע.

דער אימפּעט פון יידישן קולטור-לעבן איז אין דער יידישער פּרעסע און אין דעם יידישן שולוועזן. עס גייען אַרויס צוויי צייטונגען: **דער וועג**, דריי מאָל אַ וואָך, **די שטימע**, צוויי מאָל אַ וואָך. וועכנטלעך גייען אַרויס: **פרייוועלט**, אָרגאַן פון דער פּראָסאָוועטישער אָרגאַניזאַציע. חודשלעך — דער זשורנאַל **פאַרויס**, אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט פאַר „קולטור און הילף״, אָפּטיילונג פון יידישן אַרבעטער-קאָמיטעט. לעצטנס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין: דער העברעישער זשורנאַל **שתיל**, אַרויסגעגעבן פון דעם העברעישן קרייז „חוג עברי״, און די **יידישע וועלט** אונטער דער רעדאַקציע פון אַ. גאָלאָמב, מ. קאָראָנאַ און י. גלאַנץ. עס גייען אויך אַרויס צוויי חודשלעכע שריפטן אין שפּאַניש. אחוץ דעם זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין מעקסיקע אַ היפּשע צאָל ביכער פון מעקסיקאַנער יידישע שרייבערס.

עס עקסיסטירן ביי דעם קלוב „קדימה״ און ביי דער „יידישער שול״ גרויסע עפנטלעכע ביבליאָטעקן. עס עקסיסטירט אויך אַ ביבליאָטעק ביים יידישן „קולטור-צענטער״.

ז.

יידישע דערציונג

די קאַרדינאַלסטע פּראָבלעם פאַר דעם יונגן ישוב אויף דעם קאָנטינענט איז די פראַגע וועגן דער יידישער דערציונג פון די קינדער. אין 1942 האָט דער אשכנזישער קיבוץ געהאַט 1,924 תלמידים אין די עלעמענטאַרע און מיטלשולן, 1,367 אין די פאַרשיידענע עלעמענטאַרע שולן און 557 אין מיטלשולן. די ווייטערדיקע טאַבעלע ווייזט די פּרטימדיקע פאַרטיילונג פון די תלמידים אין די פאַרשיידענע טיפּן שולן:

טאַבעלע 8

פאַרטיילונג פון יידישע תלמידים אין די פאַרשיידענע שולן

טיפּ שול	עלעמענטאַר־שול צאָל	עלעמענטאַר־שול פּראָצענט	מיטלשול צאָל	מיטלשול פּראָצענט
מלוכהשע	346	25	264	49
פּריוואַטע	433	32	163	28
יידישע	588	43	130	23
סך־הכל	1,367	100	557	100

די ציפערן אין דער טאַבעלע (וואָס נעמען אַרום בלויז דעם אַש־כנזישן קיבוץ) ווייזן, אַז אין יאָר 1942 זיינען נאָר 37% יידישע קינדער געגאַנגען אין די יידישע שולן. פון דעם יאָר 1942 ביז היינט איז דאָס יידישע שולוועזן אין מעקסיקע שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין די דריי אשכנזישע שולן האָבן זיך 1945 געלערנט 1,410 יידישע קינדער. פון זיי 942 אין די עלעמענטאַר־שולן, 257 אין מיטלשול און 211 אין קינדערגאָרטן. אין די יידישע עלעמענטאַר־שולן איז די צאָל תלמידים פאַרגרעסערט געוואָרן אויף אַ 60% בערך. אין די מיטלשולן האָט זיך די צאָל תלמידים פאַרטאָפּלט. מיר האָבן צום באַדויערן ניט קיין סטאַטיסטיק וועגן דער יידישער שול־באַפעל־קערונג אין אַלע שולן אין יאָר 1945. קיין גרויסע שינויים זיינען אָבער אין דער באַפעלקערונג ניט פאַרגעקומען, ווייל קיין אימי־גראַציע, וואָס זאָל קענען די צאָל שטאַרק בייטן, איז דאָך ניט גע־ווען; האָט די אַבסאָלוטע צאָל קינדער זיך געקאָנט פאַרגרעסערן נאָר נאַטירלעך, און דער דאָזיקער צוואוואַקס האָט קיין גרויסע שי־נויים ניט געקאָנט ברענגען. נעמענדיק די אַלגעמיינע צאָל קינדער אין שולעלטער אין 1942 קומען מיר צו אַ בערכדיקער שאַצונג, אַז איבער 60% יידישע קינדער לערנען איצט אין יידישע שולן. אַחוץ דעם לערנען אַ טייל קינדער אין דער ניי געגרינדעטער ישיבה „עץ חיים" און ביי פּריוואַטע לערערס; זייער צאָל איז אָבער שווער פינקטלעך פעסטצושטעלן. די ווייטערדיקע טאַבעלע גיט אונדז אַן איבערבליק איבער דער פאַרטיילונג פון די תלמידים אין די פאַר־שיידענע טיפּן יידישע שולן:

טאַבעלע 9

פאַרטיילונג פון די צאָל תלמידים אין די פאַרשיידענע טיפּן יידישע שולן

טיפּ שול	צאָל תלמידים אין קינדערגאָרטן	אין עלעמענטאַר־שול	אין מיטלשול	סך־הכל
„תרבות"	51	153	19	223
„יבנה"	47	233	13	293
„יידישע שול"	113	556	225	894

די „תרבות"־שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1942 פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און איר צוועק איז אַ נאַציאָנאַלע דערציונג אין דעם גייסט פון ציוניזם, מיטן טראָפּ אויף ארץ־ישראל. דער בודזשעט פון דער שול איז בערך 120,000 פּעזעס אַ יאָר.

"יבנה" איז געגרינדעט געוואָרן פון דער שול „נדחי ישראל" אין 1942 מיטן ציל צו געבן אַלע תלמידים אַ רעליגיעז־טראַדיציאָנעלע דערציונג. דער יערלעכער בודזשעט איז 150,000 פּעזעס.

די „יידישע שול" אין מעקסיקע, געגרינדעט אין יאָר 1924, איז אַן אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע. דער אינהאַלט פון איר דערציערישער פּראָגראַם איז די אייגנהייט פון יידישן פאָלק און זיין לעבן און שאַפן אויף דעם גאַנצן וועג פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די פּעדאַגאָגישע אָנפירונג פון דער שול ליגט אין די הענט פון דירעקטאָר אַ. גאָלאָמב, און ער ווערט געשטיצט געזעלשאַפטלעך דורך דעם „פּעדראַט" אונטער דעם פאָרזיץ פון ט. מייזל. אין 1945 האָט די שול געעפנט העכערע קורסן פאַר די, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם נייניאָריקן קורס פאָלקשול און מיטלשול. אחוץ דעם איז אויך געפירט געוואָרן אַ קליינער סעמינאַר צוצוגרייטן לערערינס פאַר קינדערגערטנער. צום יאָר 1946 גרייט זיך די שול צו עפענען אַ צוויי־יאָריקן לערער־סעמינאַר. אין משך פון דעם לעצטן יאָר האָט די שול געפירט אויך אַ פאַרלאַג־טעטיקייט. זי האָט אַרויסגעלאָזט 941 זייטן דרוק, פון דעם אַריבער 300 זייטן לערנביכער. דער יערלעכער בודזשעט פון דער שול איז 500,000 פּעזעס.

די צוויי גרופּעס ספרדישע יידן, די אַראַבישע און שפּאַנישע, האָבן צוויי שולן: די שפּאַנישע — „תרבות סעפאַרדיטאַ", און די אַראַבישע „תרבות מאָנטע סיני". די „תרבות סעפאַרדיטאַ" האָט

אין 1945 געהאַט אין איר קינדערגאָרטן 48 תלמידים און אין דער עלעמענטאַר־שול 200; די „תרבות מאָנטע סיני" האָט געהאַט אין איר קינדערגאָרטן 150 תלמידים און 350 אין איר עלעמענטאַר־שול. סך־הכל האָבן ביידע שולן צוזאַמען 698 תלמידים. די לערנשפּראַך אין די דאָזיקע שולן איז שפּאַניש. עס ווערט געלערנט העברעיש, תנך און יידישע געשיכטע. די אַראַבישע יידן האָבן אויך אַ תלמוד־תורה. קיין אַלגעמיינע לימודים ווערן דאָרט ניט געלערנט. די תלמוד־תורה האָט אין 1945 געהאַט 50 תלמידים. די 748 קינדער פון ספרדישן קיבוץ, וואָס האָבן געקראָגן אַ יידישע דערציִונג אין יידישע שולן, זיינען אַן ערך 60% פון אַלע קינדער. די הוצאות פון דעם קיבוץ אויף דערציִונג זיינען 300,000 פּעזעס אַ יאָר.

אין אַלע יידישע שולן צוזאַמען האָבן 1945 געלערנט 2,158 תלמידים. דאָס הייסט: אין אַ ישוב מיט אַ 3,416 משפּחות האָבן איבער 2,000 קינדער געלערנט אין יידישע שולן.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער דערציִונג אין לאַנד שפּיגלט זיך אָפּ בזעיר אַנפּין אין דער געשיכטע פון דער „יידישער שול", וואָס האָט געהאַט איר 20 יאָריקן יובל אין 1944. די געשיכטע פון דער שול איז גענוי באַשריבן אין דער אַרבעט פון ל. באַיאָן אין גרויסן יובל־בוך פון דער שול, וואָס איז אַרויס צו דער געלעגנהייט. ווי אַן אילוסטראַציע פאַר דעם וואוקס פון דער שול וועלן מיר ברענגען די וויטערדיקע טאַבעלע:

טאַבעלע 10

צאָל תלמידים אין דער „יידישער שול" אין מעקסיקע און דער חודשלעכער שכר־לימוד 1925—1945

יאָר	צאָל	שכר־לימוד פאַר חודש	
1925	51	183	פּעזעס
1935	224	1,730	"
1945	894	32,050	"

דער אויפשטייג פון דער „יידישער שול" איז אַ גענויער באַראָמעטער פון דעם אויפשטייג פון דער יידישער דערציִונג אין מעקסיקע בכלל.

אינהאַלט:

הקדמה — די געשיכטע פון דער געשיכטע — — — — 7

קאַפּיטל איינס — דער אָנהייב — — — — — — — — — — — 11

קאַפּיטל צוויי — „יאָנג מען" — „טאַקובאַ קינסע" — — — — 29

קאַפּיטל דריי — „נדחי ישראל" — — — — — — — — — — — — 57

קאַפּיטל פיר — אַנדערע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס — — 119

קאַפּיטל פינף — דער הילפספאַראיין — — — — — — — — 139

קאַפּיטל זעקס — צו הילף דעם יידישן סוחר און אינדוס-טריעלער (לייקאַסע, גמילת-חסדים-קאַסע, יידישע באַנק) — — — — — — — — — — — 187

קאַפּיטל זיבן — די יידישע האַנדלס-קאַמער — — — — — 205

קאַפּיטל אַכט — צענטראַלע יידישע קערפערשאַפטן (פעדעראַציע, צענטראַל-קאָמיטעט) — — — 243

קאַפּיטל ניין — די ציוניסטישע באַוועגונג אין מעקסיקע — 275

הוספה:

טביה מייזעל — יידן אין מעקסיקע (דעמאָגראַפישע מאַטעריאַלן) — — — — — — — — — 291